STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03215

DER VEG TSU ZIKH

Hinde Demboletzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הינדע דעמבאָלעצקי

דער וועג צו זיך

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון:

נשיא זלמן שזר ז״ל
עלטערן פון קיבוץ ברור-חיל
קרן תל-אביב לספרות ולאמנות
ליליאַן אסתר און לוטהאר עדעלמוט

הינדע דעמבאָלעצקי

דער וועג צו זיך

ראָמאַן

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
תשל"ה / 1975

Free Public Library, Newark, N.J.

HINDE DEMBOLETZKY
Der Veg zu Sich

הינדע דעמבאָלעצקי / דער וועג צו זיך

פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ,
רח' אלנבי 31, תל־אביב, ישראל
I. L. Peretz Publishing House,
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשל"ה
Printed in Israel 1975

סידור: משה חמיאל
הדפסה: „חבצלת", הרצליה

אינהאַלט

א בלעטלעך פון אַ טאָגבוך 7

ב גרינע חלומות 65

ג אייביקע וועגן 93

ד אין סאַמע אָנהייב 163

לזכר מיין טאַטן דוד
און מאַמע רחל,
מיינע זיבן ברידער און שוועסטער
מיט זייערע משפחות
און אַלע קדושים
פון מיין שטעטל שלעשין ז״ל
אומגעבראַכטע
דורך די נאַציס

א

בלעטלעך פון אַ טאָגבוך

1

איך הייס סוסאַנאַ, מיינע באַקאַנטע רופן מיך: סוסאַנאַ די אַלמנה.

ביי מיינע זעקס און פופציק יאָר פיל איך זיך מונטער און בין פול מיט לעבן. מיינע בלאָנד־געפאַרבטע האָר זענען שיין פאַרקעמט און מיין פנים איז באַחנט מיט קאָסמעטישע חנען, — זיי פאַרדעקן נאָר טיילוויז די קנייטשן... איך פאַרשטיי אויסצוניצן די שטילע פאַרגעניגנס פון מיין עלטער, איך היט אָפּ אָרדענונג און געמיט־לעכקייט אין מיין שטוב, גיי אין טעאַטער, אין קינאָ, אויף קונסט־אויסשטעלונגען, לייען ביכער.

פון אויבן פאַרדעק איך ווי עס איז די קנייטשן, וואָס טוט מען אָבער מיט די אינעווייניקסטע? אָפּט ברעכן מיר מיינע ביינער און די פיס ווערן גיך מיד. פון דען זעט מען דאָס נישט אָן אויף מיר. מע מאַכט דעם אָנשטעל!

מיינע ווייבקע פריינד זענען מיר מקנא. זיי זאָגן, אַז איך פאַר־שטיי ווי צו לעבן. זיי דערציילן מיר זייערע דאגות, וואָס זענען נישט־טיק אָקעגן מיינע. איך גיב זיי גוטע עצות. זיי ווייסן נישט, אַז זיך אַליין קען איך קיין עצה נישט געבן...

ווען מען רעדט זיך אַראָפּ פאַר מיר, וויל איך אויסרופן: וואָס איז עס אָקעגן מיינס?.. — איך שווייג אָבער. ס׳ווילט זיך מיר אויך

אַראָפּרעדן פון האַרצן. כ׳פיל אָבער, אַז ווען איך רעד פאַר פריינד, ווערט מיר גאָר שווערער אויפן האַרצן, ס׳בלייבט איבער אַ ביטערער טעם — כ׳האָב דערשנאַפּט, אַז מיינע ווערטער ווערן איבערגעקייט און משונהדיק פאַרקריפּלט, כאָטש סיי ווי דערציילט מען נישט אַלץ וועגן זיך.

פאַרשפּילן זיך מיט עפּעס איז אַ גוטער מיטל צו אַנטלויפן פון איינזאַמקייט. האָב איך באַשלאָסן צו שרייבן אַ טאָג־בוך.

✶

איך האָב איצט צייט זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון וועגן אַלץ וואָס כ׳האָב דורכגעמאַכט אין יענעם לאַנד, וווהין איך בין יונגערהייט געקומען פון פוילן.

געווען אַזוי פיל לעבן אין פראַנקרייך. געווען אַ צעשטורעמטע יוגנט. געפילן פון פריינדשאַפט, פון ליבע, געווען אַן אַלבערט. גע־לעבט האָבן מיר ביידע, אויף וויפל ס׳האָט געסטאַיעט.

אַ צימער, — פיר טונקעלע ווענט, אַ צעבראָכענער דיל, דער עיקר — אונטער אַ דאַך.

אין רעגן און שטורעם זיך ניט באַהאַלטן לעבן וואַרעמען אויוון. אַרויס אין דרויסן און אויסגעשטעלט די פּנימער קעגן ריטמיש שמייסנדיקן רעגן. סיי ווי האָט אינעווייניק געוויעט דער ווינט.

כ׳האָב דאָרט דערלערנט די שפּראַך, געוואָלט שטודירן אַלץ, אַן איבערקלייב, צום סוף געבליבן ביי פּסיכאָלאָגיע.

מיר זענען געווען יונג. פּראָפעסיאָנאַלן וועלן מיר זיין. אַ הויכע מדרגה פאַר אַ פּויליש קליינשטעטלדיק מיידל און אַן אָרעמען פאַר־חלומטן בחור, וואָס זינגט רעוואָלוציאָנערע לידער און גייט אַרום

אין אָפּגעניצטע בגדים. ביידע פול מיט גלויבן און חלומות, האַנט ביי האַנט האָבן מיר שפּאַצירט ביים סען, שפּאַצירט איבער די פּאַריזער גאַסן און בולוואַרן, געגאַפט אויף אַלץ און אַלעמען.

צייט? וואָס איז צייט? צייט איז אייביק. פרילינג, זומער, לבנהדיקע נעכט, דערנאָך רעגנס, און ווידער זון.

מיר האָבן שוין געהאַט אונדזערע צוויי זין, ווען מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט דער מלחמה.

אַלבערט האָט באַוויזן צו שאַפן פאַר מיר פּאַפּירן. געמאַכט מיך פאַר אַן אַריערין. מיין אויסזען האָט אַרויסגעהאָלפן. אַלבערט האָט געהאַט אַ טיפּיש יידישן אויסזען. זיי האָבן אים געכאַפּט אין לאַבאָ־ראַטאָריע, אַוועקגעפירט, דערמאָרדעט.

איך האָב זיך געלאָזט מיט די קינדער צו אַ פאַרוואָרפן שטעטל, די נאַציס זענען נאָך דאָרט נישט געווען. געאַרבעט אַלס קעכין.

אַלץ פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש, אין דימיון, איך פּרוו עס אַוועקשטופּן, זיך באַפרייען פונעם לאַסט. צו וואָס זיך פּייניקן? פאַר־פּאַקן די טשעמאָדאַנעס און גיין מיטן שטראָם...

זיך באַמיט צו פאַרווישן די שפּורן, עס העלפט נישט. גע־בליבן אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע פאָטאָגראַפיעס. וויפל מאָל איך זאָג: געענוג זיך צאַצקען דערמיט, פון דען האַלט איך זיי ווי דעם טייע־ערסטן אוצר. פאָטאָגראַפיעס פון מיין אַלבערט, פון מיר אַלס קעכין, פון מיינע קינדער צוזאַמען מיט יענע דאָרפישע קינדער. אויך דאָס צלמל האַלט איך, באַהאַלטן.

בלויז פון מיינע עלטערן איז מיר גאָרנישט געבליבן, צו מסופּן געווען אָפּצוהיטן זייערע פאָטאָגראַפיעס. מיין מאַמע אין שייטל, דער טאַטע אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ באָרד. אויך פון מיינע ברי־דער מיר נישט געבליבן קיין סימן.

ווען מען ווערט עלטער הייבט מען זיך אָן אַלץ מער צו גריבּ־לען אינעם פאַרגאַנגענעם. דער גרעסטער פריינד און דער גרעס־טער שׂונא איז זיך דער מענטש אַליין. מען דאַרף איינפירן אין זיך סדר.

היינט איז מיין זעקס און פופציקסטער געבוירן־טאָג, מאַריאַ וועט זיכער קומען, כ׳וועל אים צוגרייטן ראַוויאָלעס, זיין באַליבט מאכל. און זשאַן... אַוודאי בענק איך נאָך אים, ער וועט דאָרט בלייבן, שרייבט ער, מען קען אים גלייבן, ער איז אַן עקשן, מיט זיין אַוועקגיין האָב איך ווייטיקלעך דערפילט מיין עלנט. ווען זשאַן פלעגט זיך באַווייזן מיט זיין וואַרעמען שמייכל, שפּילעוודיקע רייד, פלעגן פאַרשווינדן די ספקות, וועלכע האָבן זיך פאַרגנבעט אין מיין איינזאַמקייט, צי איז גוט אַזוי — מיין לעבן ווידמען בלויז די קינדער? איצט טראַכט איך שוין ווידער וועגן דעם.

איך גיי נישט צו מאַריאַן, איך וואַרט ער זאָל קומען צו מיר. ווען ער זיצט מיט זיינע חברים אין זיין ווינונג און איך קום אַריין, ווערן אַלע שטיל. זיי פרעגן מיך מיט רעספּעקט וואָס איך מאַך, דאָך פיל איך, אַז זיי וואַרטן איך זאָל אַוועקגיין, מאַריאָס בליקן פאָדערן עס. ווען איך שטעל זיך אויף אַוועקצוגיין, שיינט ער אויף. קוים בין איך אויף יענער זייט טיר, דערהער איך ווידער אַן אויפ־לעבונג הינטער מיר.

זיי דאַרפן מיך נישט מער לעבן זיך, כ׳האָב מיינס אָפּגעדינט. שוין אַ צייט ווי ער באַווייזט זיך נישט, מאַריאַ, ער בעט מיך נישט צו זיך, אין זיין בחורישער ווינונג.

2

דער געגרייטער טיש וואַרט. מאַריאַ האָט פֿאַרגעסן זיין מאַמעס געבוירן־טאָג. האַלט אין איין יאָגן זיך נאָך אַ באַקוועם לעבן. ניט ווי זשאַן. יענער, מיט זיין אומרו, זוכט אַלץ נייע איינדרוקן...

איך וואַרט שוין אַ היפּשע צייט ביים פֿענצטער, קוק אַרויס אויף מאַריאַן, האָרך זיך איין צו דער טיר.

וויפֿל איז דער שיעור צו קוקן צום דרויסן? דער רעגן קלאַפּט אין די שויבן, דער הימל אַש־גרוי, פֿאַרבייגייער מיט צעעפֿנטע שירעמס צווישן די מויערן — הויכע, און נידעריקע — אין דער זייטיקער גאַס פֿון שטאָטצענטער.

ס׳ווערט טונקל, ס׳זעט זיך שוין ליכט אין די פֿענצטער, קאָ־לירטע רעקלאַמעס קוקן אַראָפּ אַהער פֿון אַ הויכן בנין, צינדן זיך, באַווייזן זיך דאָ מיט רויט, דאָ מיט גרין, געלב און בלוי, אויטאָס גליטשן זיך גלאַנציקע אין רעגן, מען רופֿט אויס צייטונגען: „לאַ ראַסאָן!״ „לאַ קריטיקאַ!״ „באָמבאַרדירונגען אין וויעטנאַם!״ „דרייסטער רויבאָנפֿאַל, דערמאָרדעטע!״

דער טיש וואַרט אַ פֿאַרשעמטער, מאַריאַס באַליבטע מאכלים אויפֿן טיש. נאָך וואַרטן?

קיינער קומט נישט צו מיר. איך הער קלינגען אין פֿרעמדע טירן, טריט צו פֿרעמדע טירן.

די פֿיס זענען מיד, זיך אָנגעהאַרעוועט היינט, עס ווילט זיך אָבער נישט זיין היינט אַליין.

איך עפֿן די ראַדיאָ. באַך. די מוזיק דרינגט אַריין, וויל רירן, אויפֿרירן דאָס וואָס איז מיט אַ סך מי געלונגען צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ שטיין.

נאָר נישט אונטערגעבן זיך, נישט וויינען! עס העלפט נישט. איך בענק נאָך מיינע צוויי קינדער. איינער, אין וויטן יידישן לאַנד, געדענקט אין דער מאַמעס געבורטסטאָג און שרייבט, אַז ער איז פאַרליבט אין יענעם לאַנד, ער רופט אַהין זיין מאַמען. און מאַריאַ, פאַרטאָן מיט זיך, פאַרגעסט אין זיין מאַמען.

איינע אַליין צווישן מיליאָנען מענטשן, ווי אַ זעמדעלע פאַר־טראָגן פון אַ שטורעם בין איך דאָ, אין דער ריזיקער הויפּטשטאָט פון דעם גרויסן לאַנד.

3

אין צוויי טעג אַרום איז געקומען מאַריאַ און מיטגעבראַכט אַ שיין חנעוודיק מיידל. אַ טיפּישע שפּאַניאָלקע, דאָס האָב איך באַלד דערקענט פון איר אויסשפּראַך.

זי איז גראַציעז, אין אַ קורץ קליידל. לאַנגע, לייזע קאַשטאַן־האָר כוואַליען זיך ביז דער פּלייצע, פון ווייסן גלאַטן פּנים קוקן אַרויס טונקעלע מאַנדל־אויגן. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט, זי האָט געשמייכלט צו מיר גאָר פריינדלעך.

נישט קיין נייעס פאַר דער מאַמען, אַז מאַריאַ גייט מיט אַ מיידל, אַ בחור אַ שיינער, שוין אַ דאָקטאָר. זיין טיטל גיט אים צו חשיבות, זיכערקייט, ער ווייסט עס.

זיי קוקן זיך איבער מיט פאַרליבטע בליקן. אפשר איז עס זיין כלה?

אַ פרייד האָט מיך פאַרפּלייצט, כ׳בין אים מוחל זיין פאַרשפּע־טיקט קומען צו מיר. איך קוק ווידער אויפן מיידל, זי איז שיין, אָבער עפּעס אַ געקינצלט שיינקייט. און אפשר ווייזט זיך עס מיר אויס?

איך האָב אָנגעהויבן גרייטן דעם טיש מיט די איבערגעבליבענע רעשטן פונעם יום־טובדיקן עסן, צוגעגרייט פאַר מאַריאַן מיט צוויי טעג צוריק. דאָס מיידל באַט זיך אָן מיר צו העלפן, זי וואַרט נישט אויף מיין ענטפער, גייט מיט מיר גלייך אין קיך אַריין.

איך קוק אויף איר פריינדלעך. ווידער: פאַראַן אין איר עפּעס, וואָס געפעלט מיר נישט, דאָס פּנים און די אויגן — שיין, אָבער אָן אויסדרוק. גרייטנדיק צום טיש האָב איך זיך דערמאָנט אין זשאַנס בריוו. ניין, כ׳וועל דעם בריוו נישט ווייזן איצט, כ׳וויל נישט, אַז דער בריוו זאָל אים דערמאָנען מיין געבוירן־טאָג. איך וויל אַז ער זאָל זיך אַליין דערמאָנען, מיר צווינטשן. כ׳האָב בלויז געזאָגט:

— געקומען אַ בריוו פון זשאַנען, ישׂראל געפעלט אים גאָר שטאַרק, ער וועט דאָרט בלייבן.

— אַ פּריש משוגעת ביי חואַנען (מאַריאַ רופט זיין ברודער אויף שפּאַניש, חואַן). ער גייט מיט דער מאָדע, אַ סך יונגע־לייט פאָרן אַהין, יונגע ליידיקגייער, אָבער חואַן וועט זיך אויסניכטערן, אויסשוימען זיך, ער וועט נישט בלייבן דאָרט, ווי קומט עס צו אים, דאָרטן צו בלייבן?

מאַריאַ האָט עס אַרויסגעזאָגט אַן אָנגעכמאַרעטער. מיר האָט עס געגעבן אַ שטאָך אין האַרצן: „ליידיקגייער פאָרן אַהין, ווי קומט עס צו אים, דאָרט צו בלייבן?״ מאַריאַ איז געקומען מיט אַ מיידל, נישט כּדאי צו רעדן דערוועגן איצט.

— ווי קומט עס צו אים? איך ווייס? — האָב איך אַ פאַר־לוירענע געענטפערט און מיט אַ שמייכל צום מיידל:

— שוין סעניאָריטאַ, אַ דאַנק פאַרן העלפן, זעצט זיך צום טיש.

מאַריאַ קוקט צום מיידל, זעצט זי צערטלעך אַנידער נעבן זיך, ער קוקט צו מיר, דרייט זיך אומרויִק. איך האָב באַלד דערפילט, אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן. עס הענגט אין דער לופטן אַ גרויסער

סורפּריז, איך בין פול מיט דערוואַרטונג. באַלד רופט ער זיך אָפּ מיט אַ סודותפולן שמייכל:

— מאַמע, ברענג גוטן וויין מיט גלעזלעך.

איך הייב זיך אויף אַ גליקלעכע, גיי צו צום קרעדענץ, הייב אָן זיך פאַרען ביי די פלאַשן.

אַוודאי זיין כלה, ער וויל מיר זי פאָרשטעלן אַלס כלה און וועגן מיר האָט ער אויך נישט פאַרגעסן.

—אַה, פיינע מאַכלים, עס פעלן נישט מיינע באַליבטע ראַוויאַ־לעס! מאַמע, האָסט זיכער פאַרגעפילט עפּעס, צוגעגרייט פיינעם כּיבוד, מיר וועלן טאַקע ביי דיר פּראַווען אַ יום־טוב, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

מיין מאַריאַ... ער האָט נישט פאַרגעסן דער מאַמעס געבוירן־טאָג! ער האָט אָנגעגאָסן דריי גלעזלעך וויין, מיר האָבן גענומען די גלעזלעך אין האַנט, מיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט פריידיקער דערוואַרטונג. אַ גליקלעכע האָב איך געקוקט אויף מיין זון, געוואַרט אויף זיינע ווערטער. ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט דאָס גלעזל, מיט דער צווייטער האַנט אַרומגענומען דאָס פאַררויטלטע מיידל, זי געטוליעט צו זיך, געזאָגט פייערלעך:

— מאַמע, מיר האָבן חתונה געהאַט. איזאַבעל איז מיין געזעצ־לעכע פרוי. זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאַל אַלוואַרעז, ווו איך אַרבעט.

מיינע הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן, דער וויין איז שוין נישט דערגאַנגען צו מיין מויל, טראָפּנס זענען געפאַלן אויפן טישטעך...

— אירע עלטערן זענען פרומע קאַטאָליקן, זיי האָבן געוואָלט אין אַ קירך, מיט אָרגלען, דערנאָך אַ גרויסע חתונה מיט אַ גרויסן חתונה־טאָרט, דו וואָלסט אויך נישט געווען דערגעגן, אָבער זיי — מאַריאַ האָט מיר נישט געקוקט אין די אויגן...

— צוליב מיין פאַנאַטיש פרומער באָבען האָבן מיר עס געמאַכט אין אַ קירך, מאַריאַ האָט פאַרזיכערט, אַז זיין מאַמע איז נישט קיין רעליגיעזע. צוליב מיינע עלטערן און צוליב מיין באָבע...

איך ווייס נישט ווי אַזוי, אָבער פון מיין פאַרקלעמט האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן:

— צוליב זיי? און ווו בין איך? און מאַריאָס טאַטע? מאַריאָס טאַטע איז געווען אַ ייִד. ער איז אומגעקומען, ווייל ער איז געווען אַ ייִד. און די מאַמען נישט געבעטן אויף דער חתונה, ווייל זי איז אַ יידישקע?! פאַר וואָס האָסטו מיין זון גענומען אין קירך און אים אָפּגעשמדט? דאָ, אין דעם פרייען לאַנד אַרגענטינע דאַרף מען עס טאָן?!

ביידע זענען געבליבן געפּלעפט.

— פון ווען אָן ביסטו עס אַזאַ הייסע יידישקע, מאַמע? דו האָסט עס מיר קיין מאָל נישט געזאָגט, פאַרקערט, דו האָסט זיך תמיד געהאַלטן העכער פונעם קליינלעכן יידישן שאָוויניזם. אַ פּראָגרעסיווע ביסטו, נישט רעליגיעז, — אַזוי האָסטו אַליין געזאָגט.

— אָבער מאַריאָ...

— חוזאַן האָט דיך אפשר אָנגעשטעקט מיט זיין אַוואַנטורע, ער איז דאָרט צווישן יידן, אין יידישן לאַנד...

איזאַבעל האָט אַ פאַרשעמטע געקוקט אויפן מאַן, געשלונגען זיינע ווערטער.

כ׳האָב געוואָלט שאַרף אָפּענטפערן, אָבער נישט געפונען קיין ווערטער, זיך דערפילט מיט אַ מאָל אומבאַהאָלפן, דערשלאָגן. און דאָך... עס ווייטיקט מיך טיף זיין שמד. מען האָט מיך נישט געבעטן צוליב מיין יידישן שטאַם, זיך נישט געוואָלט ווייזן מיט זיין יידישער מאַמען. דאָ זאָל עס געשען? אין אַרגענטינע?

איך האָב געוואָלט מיט מײַנע ציטערדיקע הענט אַ זופּ טאָן פון ווײַן, נישט געקענט. די דרײַ גלעזלעך ווײַן זענען געבליבן שטיין אויפן טיש.

— אַזוי נעמסטו עס אויף? איך לײַד נישט קיין איבעריקע, נישט־לאָגישע רייד. אמת, דו קענסט זיך פילן באַליידיקט, מיר האָבן דיך נישט געבעטן אויף אונדזער חתונה, איך האָב עס שטאַרק געפילט, אירע עלטערן, איר באָבע, אַן אַלטע פאַנאַטישע, קאַפּריזנע פרוי, אַ נעווראָטישע. דיך, מאַמע, האַלט איך פאַר אַ פאַרגעשרײַטענע, דו דאַרפסט עס פאַרשטיין. אָבער דײַנע טענות האָבן נישט קיין זין, כ׳בין געבוירן אין פראַנקרײַך, איצט האָב איך זיך צוגעפּאַסט צום לעבן אין דעם לאַנד, אַזוי האָסטו מיך דערצויגן, אויך לויט מײַן שׂכל דאַרף עס אַזוי זײַן. דײַנע פּלוצלונגע סענטימענטן פאַרשטיי איך נישט, ווי קומט עס בכלל צו דיר? חוץ מיט זײַנע משוגעתן און סענטימענטן צום יידישן לאַנד, דאָס איז זײַן זאַך, עס וועט אים איבערגיין, ער וועט זיך אויסניכטערן, אָבער דו, מײַן מאַמע? ייִד, נישט ייִד... דו אַליין האָסט געחוזקט דערפון, אין דײַן שטוב האָבן מיר די זאַכן אַפילו נישט געהערט דערמאָנען...

מיר זיצן און שווײַגן.

מאַריאָ האָט זיך אויפגעשטעלט. ער זעט אויס באַליידיקט.

— מאַמע, מיר וואַרטן איצט אויף דײַן באַזוך בײַ אונדז. איזאַבעל וועט זײַן פאַרנומען מיטן אײַנאָרדענען אונדזער וווינונג. איר באָבע קויפט אונדז מעבל — אַ חתונה־מתּנה, ווּעסט באַקענען איזאַבעלס עלטערן. זיי ווילן דיך באַקענען.

— עס פרייט מיך אַז איר וועט אויספּוצן אײַער דירה, כ׳ווינטש אײַך אַל דאָס גוטס.

— טעלעפאָניר אַן איידער דו קומסט, יאָ, פאַרגעסן דיר זאָגן, מיר האָבן שוין אַ טעלעפאָן, דאָס איז דער נומער.

איך שאָקל צו מיטן קאָפּ, נעם דאָס קאַרטל.

איזאַבעל שטייט אַן אַנגעכמאַרעטע, קוקט נישט אין מיין זייט, מאַריאָ האָט זי צערטלעך אָנגענומען ביי דער האַנט, זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער טיר. זי האָט זיך אויסגעדרייט, געשאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ.

— בוענאָס נאָטשעס, סעניאָרא, אַ גוטע נאַכט, גברת.

— קע לעס וואַזשאַ ביען, אַל דאָס גוטס.

מאַריאָ פלעגט מיך תמיד געזעגענען מיט אַ קוש. איצט האָב איך דערפילט זיינע פּלייצעס. ער איז אַרויס און האַסטיק פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. איך בין גאָר שולדיק!

זיי זענען אַוועק. מאַריאָס באַליבטע מאַכלים זענען געבליבן אויפן טיש נישט־אָנגערירטע און איך בין געבליבן אַליין מיט מיין בענקשאַפט, וואָס כ׳האָב פאַר אים אויסגעשוויגן אין מיין געבוירן־טאָג.

4

עטלעכע טעג זענען אַדורך זייט יענעם אָוונט, איצט קען איך שוין רויִקער באַטראַכטן אַלץ. כ׳בין פול מיט קעגנזעצלעכע געפילן.

איך פיל זיך באַליידיקט, און שולדיק.

כ׳האָב מאַריאָן פאַרשטערט די יום־טובדיקע שימחה, וועלכע ער האָט געוואָלט ביי מיר פראַוועז לכבוד זיין חתונה. די חתונה האָט ער געפראַוועט מיט זיין נייער משפחה, זיין פרויס משפחה.

כ׳בין פאַרט זיין מאַמע. ער האָט געוואָלט מיט מיר טרינקען לחיים לכבוד זיין חתונה, מיר טאָן אַ טובה.

מיין קינדס חתונה...

דער מיושבדיקער מאַריאָ פילט זיך געערעכט.

איך האָב מיינע קינדער געוואָלט געבן אַן אוניווערסאַלע דער־ציִונג, וועגן יידישקייט נישט גערעדט — — — כּדי צו ליב טאָן דער אַלטער קאַפּריזנער באָבען, זיינע פאַנאַטיש רעליגיעזע שווער און שוויגער, שמדט ער זיך, איז מוותר אויף זיין יידישער מאַמען.

וואָס איך האָב נאָר געקענט האָב איך געגעבן מיינע קינדער. ליבשאַפט, צערטלעכקייט, זאַטקייט, אַ וואַרעמע זויבערע היים, לערע, מוותר געווען אויף מיין פּערזענלעך לעבן.

געקומען קיין אַרגענטינע נאָך דער מלחמה. אָן אַ שפּראַך, האָב איך נישט געקענט אַרבעטן אַלס פּסיכאָלאָגין, האָב איך נישט פאַר־לוירן קיין צייט, זיך אויסגעלערנט שניידעריי, כּדי די קינדער זאָלן נישט ליידן. געוואָרן אַ שניידערין.

זיי האָבן עס אויפגענומען גאַנץ נאַטירלעך, אַ מאַמע דאַרף תּמיד געבן...

יידישקייט? אַוודאי האָבן זיי געוווּסט: מיר זענען יידן. ס׳האָט זיך אָבער אַזוי באַקומען — מיר האָבן גרינגגעשעצט אונדזער אָפּ־שטאַם. אין וואַרשטאַט האָב איך זיך צוגעוווינט רעדן שפּאַניש, מיט די קינדער אויך, האָב איך זיך אין גאַנצן דערווייטערט פון יידיש־קייט.

כ׳בין אַנטלאָפן פון מיינע עלטערנס פרומער שטוב, זיך אויס־געלאַכט פון זייערע געוווינהייטן, אַנטלאָפן פון שטעטל.

מיינע עלטערן האָבן מיר געגעבן די יידישע שפּראַך, כ׳האָב זיך געלערנט אין אַ יידישער שול. אין יידיש בין איך געוואַקסן, כ׳האָב יידיש איינגעזאַפּט אין מיין קינדהייט. געבליבן ביי מיר אין זכּרון. בלויז דאָס.

ווען אין פּוילן איז שווער געוואָרן צו אָטעמען, ווען די לופט איז פול געוואָרן מיט סכּנות פאַר יידן האָב איך אין דעם געזען

אַ רעאַקציאָנערע פּלאָג, — אַלץ וועט זיך אויסגלייכן ביי אַנדערע סאָציאַלע באַדינגונגען.

היטלערס ריטשענדיקע רעדעס. ביי די גויִישע שול־חברים און שול־חברטעס שׂינאה־בליקן. די מיילער פֿאַרדרייען זיך ביי זיי מיט אַ גרינגשעצנדיק שמייכל. אויך די פּוילישע לערערס ווייזן אונדז אַרויס פֿיינטשאַפֿט. ס׳איז אַ קליינקעפּלדיקע רעאַקציע — האָב איך עס אויסגעטייטשט.

בין איך אַוועק אין דער פֿרייער וועלט. אַוועק פֿון שטעטל. פֿון טאַטע־מאַמעס פֿאַנאַטישער שטוב...

אוממעגלעך געווען צו איבערצייגן מיינע עלטערן. מיין מאַמע ברעכט די הענט: אַזאַ אַפּיקורסטע ווי איך, וועט זיך נאָך ערגעץ אָפּשמדן. דער טאַטע ליאַרעמט: הפקרות! סטייטש? אַ מיידל, אַליין אין דער וועלט?...

דווקא נישט אַליין געווען דעמאָלט. אַלבערטס בליקן האָבן געוואַרעמט, מיר צוגעגעבן מוט.

געקעמפּט מיט מיינע עלטערן. סיי ווי האָב איך תמיד געקעמפּט מיט זיי.

די לעצטע נאַכט אין דער היים. שווער געווען צו פֿאַרלאָזן מיינע עלטערן, מיינע ברידער, נאָך שווערער וואָלט מיר געווען בלייבן.

קיין איין וואָרט פֿון פֿאָרוואורף איז שוין נישט אַרויס פֿון טאַטע־מאַמעס פֿאַרפּרעסטע מיילער. דער טאַטע האָט מיר געגעבן שווער פֿאַרהאָרעוועטן געלט. די מאַמע האָט צוגעגרייט זיסקייטן און געבעקס. אויפֿגעבונדן פֿון אַ פֿאַרקניפּט טיכל אַ פּאָר זלאָטעס, מיך באַשוווירן עס נעמען. די ברידער האָבן מיר געגעבן מתנות, מיט גרויס ווייטיק האָב איך זיי אַלעמען געקושט, אפשר געפֿילט, אַז כ׳וועל זיי מער נישט זען?

וויפל שלעכטס האָב איך זייט דעמאָלט באַגעגנט אויף גאָטס וועלט! און וויפל אויסגעטראָגן אויף מיינע פּלייצעס! גובר געווען אַלץ, כאָטש אַרויס אַ פּאַרווונדיקטע.

מיט אַלבערטן האָב איך חתונה געהאַט באַלד אין פראַנקרייך, מיר האָבן געאַרבעט ביי וואָס עס האָט זיך געלאָזט, זיך געלערנט, אונדזער צוזאַמענזיין האָט געלינדערט די שוועריקייטן.

אויך שפּעטער, ווען די נאַציס זענען שוין געווען אין פראַנק־רייך און אַלבערט איז אומגעקומען בלויז דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ ייד, האָב איך זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ וועלטביר־גערין. און צו דעם וואָס כ׳האָב איינגעזאַפּט אין טאַטע־מאַמעס היים האָב איך געפילט אַ קנאַפּע אָנגעהעריקייט. טאָ פאַר וואָס וויטיקט מיר איצט מאַריאָס שמד?

אַ מענטש בין איך קודם־כּל. איך וויל זיך נישט אונטערגעבן! וואָס אַרט מיך רעליגיע? סאָציאַליזם, מענטשלעכקייט, צו ריינע קוואַלן ציט מיין גלויבן! ווייל מיין טאַטע־מאַמע און זיידעס זענען געווען יידן מוז איך שלעפּן אויף זיך די שווערע לאַסט פון דורות? נאָך אין מיין געבורטשטעטל זיך אָפּגעגרענעצט דערפון, צו וואָס שווימט עס איצט כּסדר אַרויס אין דימיון?

מיט וויפל מי און מאַטערניש איז מיר אויסגעקומען לעבן אַלס אַריערין. מיין אָפּשטאַם האָט מען מיר סיי ווי אַ סך מאָל דערמאָנט. געווען געצוונגען צוזאַמענשטויסן מיט נישט־יידן צוליב דעם. איך האָב אָבער געוואָלט אַז מיינע קינדער זאָלן נישט דאַרפן ליידן צוליב זייער אָפּשטאַם. יאָרן האָב איך געלעבט מיט מיינע פאַלשע פּאַפּירן אַלס קאַטוילערין, זיך איינגעלעבט אין דער ראָל, די קינדער אויך. ווען די געפאַר איז אַדורך און זיי זענען שוין רייף געווען צו פאַר־שטיין, האָב איך זיי אויפגעקלערט אונדזער אָפּשטאַם, מען דאַרף נישט מאַכן דערפון קיין ווענז, עס איז באַקוועמער אַזוי. סיי ווי האָב

איך זיי קיין מאָל אין קיין קירך נישט געגומען, קיין רעליגיע האָבן זיי נישט געלערנט.

איז צו וואָס איצט מיינע גריבלענישן?

ווי אַזוי האָט עס ביי מיר געקענט געשען, אַז עס זאָל פון מיר אַרויס: „מיין זון איז אַ ייד, פאַר וואָס האָסטו אים געגומען אין קירך צום שמד?". וואָס טראַכט איצט מאַריאָ וועגן מיר? וואָס איז שולדיק די חנעוודיקע איזאַבעל? מאַריאָ איז אין כּעס אויף מיר, כ'האָב אָנגעגריפן זיין פרוי.

ביי די עלטערן אירע בין איך סיי ווי אַ יידישקע, פרום, נישט פרום. עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן.

מאַריאָ איז פּונקט ווי זיין פאָטער, ווי אַלבערט, מיושבדיק און קלוג, איז אויך ענלעך צו אים. איצט גייט ער מסתמא אין קירך, צוליב צו טאָן זיינע שוויגער־עלטערן.

און זשאַן? ווי קומט עס טאָקע צו אים, ער זאָל וועלן בלייבן אין ישׂראל? בלויז בענקען און חלומען וועגן אים קען איך איצט.

אין חלום רופט ער מיך צו זיך, „ער כאַפּט פיש אין דער היימישער אָזיערע פון מיין שטעטל". אַ חלום...

„אַפילו די פיש זענען דאָ געשמאַקער" — שרייבט ער אין בריוו.

דאָרט, ביי מיין זשאַן, שמעקט מיט געפילטע יידישע פיש... און דאָ — נישט געבעטן מיך אויף חתונה...

5

ווינטער. אָפּטע כליאַפּענדיקע רעגנס, טעג מיט אַ גרוי געמיט, טעג אויסגעפּילט מיט בענקשאַפט צו מיינע קינדער. מאַריאַ באַווייזט זיך נישט ביי מיר זייט יענעם אָוונט. ער וואַרט אויף מיין ערשטן אָפּרוף. ער האָט מיר דאָך געגעבן זיין טעלעפאָן.

כ׳האָב געזינדיקט קעגן אים...

איך לעב איבער, כ׳האָב חרטה. חרטה אויף וואָס? אויף מיינע ווערטער? אויף דער דערציִונג, וואָס כ׳האָב געגעבן מיינע קינדער?

ער איז אַן אכזר מאַריאַ. פאַר וואָס קומט ער נישט דער ערשטער צו מיר? שוין אַ חודש צייט אים נישט געזען, אים אַרט עס נישט. זיינע טעג זענען אויסגעפּילטע... איצט ווייס איך, אַז פריִער, פאַרן ברוגז, האָט ער טאַקע נישט געקענט קומען, געווען פאַרנומען מיטן גרייטן זיך צו זיין חתונה.

איך ווייס, אַז סוף־כּל־סוף וועל איך אויפגעבן מיין שטאָלץ. ער איז מיין קינד. אָבער דערווייל וואַרט איך נאָך.

ווידער אַוועק טעג. קאַלט אין מיין שטוב. און אָט שיינט שוין אין דרויסן די זון.

איך נעם מיין מאַנטל. אין קעשענע — מאַריאַס קאַרטל מיט זיין טעלעפאָן. כ׳גיי אַריין אין שפּייזקראָם. צו וואָס? טאַקע טעלע־פאָנירן?

איזאַבעל ביים טעלעפאָן.

— מאַריאַ נישטאָ איצט? ביי מיר איז אַלץ אין בעסטן אָרדע־נונג. ביי אייך? יאָ, כ׳בין צופרידן. מאַריאַ האָט געפרעגט צי איך האָב טעלעפאָנירט?

אַ פרייד פאַרפּלייצט מיך. ער האָט געפרעגט צי איך האָב טעלעפאָנירט...

איך טעלעפֿאָניר שפּעטער נאָך אַ מאָל, ער האָט געוואָרט, געוואָרט...

וויפֿל פֿרייד אין זיין קול!

פֿאַר וואָס כ׳האָב נישט טעלעפֿאָנירט? קומען צו אייך? גוט, ווען? ווען איך וויל, כאָטש היינט? היינט נישט. כ׳וועל קומען.

מיט גיכע טריט גיי איך צוריק אַהיים. כ׳בין אַנטשפּאַנט, רויִקער. ער הייסט מיך קומען, ער האָט געוואַרט אויף מיין ערשטן אָפּרוף. איך פֿיל זיך פֿאַרשעמט, אָבער די פּיין איז פֿאַרשוווּנדן. איך וואָלט שוין געלאָפֿן אים זען, אָבער ניין. מאָרגן? איבערמאָרגן? ניין, מאָרגן.

קוים זיך דערוואַרט. אָנגעקלונגען אין טיר.

איך האָב זיך מיט ביידן צעקושט, דערלאַנגט איזאַבעלן מיין מתנה. מאַריאָ איז פֿריינדלעך. איך קוק אויף אים, ער הענגט אויף מיין מאַנטל, רוקט מיר צו אַ שטול. איזאַבעל פֿרעגט מיך צי כ׳וויל עפּעס טריקען.

אַלץ ווי געווען אין מאַריאָס דירה. קענטיק, דאָס נייע מעבל נאָך נישט פֿאַרטיק.

— דאָס וועטער? יאָ, איצט איז גאָר קאַלט נאָך די רעגנס, אָבער די זון שיינט.

איך וויל וויסן ווי עס גייט מאַריאָן אין זיין אַרבעט. ער צעשיינט זיך. עס איז גאָר גוט, נישט ווי ביי אַן אָנפֿאַנגער. איזאַבעלס משפּחה, זיי האָבן אים געשאַפֿן פּאַציענטן, און אין שפּיטאָל האָפֿט ער צו באַקומען אַ סך פּראַקטיק.

איזאַבעל זעצט זיך נעבן מאַריאָן, לייגט אַרויף איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. ער טוליעט זי צו זיך.

— איזאַבעל, מאַך עפּעס צו טרינקען פֿאַר אונדז.

זי הייבט זיך אויף, ווענדט זיך צו מיר מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק.

— זאָל זיין קאַפע, איזאַבעל.

איך וויל ווערן היימיש מיט איר. איך פרעג זי, צי איך קען איר העלפן גרייטן דאָס טישל. באַדאַנקט. מען דאַרף נישט.

איך זיץ נעבן מאַריאַן, ער קוקט אויף מיר מיט וואַרעמקייט, אָבער נישט ווי פריִער, איך פיל עס, מען דאַרף צוריקברענגען דאָס פאַרלוירענע.

— איך וויל אייך קויפן אַ טעפּעך, אַ חתונה־מתּנה, אָבער פריִער מוז מען זען דאָס מעבל.

— דאָס מעבל? יאָ, די באַבע קויפט עס, דערווייל איז זי קראַנק, דאַרף מען וואַרטן. מיר האָבן שוין באַשטעלט.

— גוט, וועלן מיר צוּוואַרטן מיטן טעפּעך.

— צו וואָס דאַרפסטו אויסגעבן אַזוי פיל געלט?

— פאַר מיינע קינדער.

— אַ דאַנק, מאַמע.

מיר טרינקען, שמועסן, איך זוך וועגן וואָס צו שמועסן מיט איזאַבעלן, עפּעס קלעפּט זיך נישט ביי אונדז.

איך פיל זיך דערנידעריקט. כ'בין געקומען זיך איבערבעטן.

מיין וויזיט איז אַ קורצער, מאַריאַ דאַרף אַוועק, ביים געזעגענען זיך בעט ער מיך קומען ווען איך וויל...

6

מיינע נישט־אָפטע באַזוכן ביי מאַריאַן זענען קורצע.

מיר באַמיִען זיך צו פאַרגעסן יענעם אָוונט. דאָך פיל איך אַז קיין מאָל איז ער נישט געווען אַזוי דערווייטערט פון מיר, ווי איצט. דאָס וועגן וואָס מיר שוויַיגן שטייט צווישן אונדז ווי אַ וואַנט. און נאָך מער — צווישן מיר און איזאַבעל.

איך באַמי זיך צו זיין פריינדלעך מיט איר. איך באַוווּנדער די מאַכלים, צוגעגרייטע אויף דער גיך פון פּושקעס אַרויס. מאַך זיך נישט זען, ווען זי זיצט מיט די אויגן אַריינגעטאָן אין די אילוס־טרירטע צייטשריפטן בשעת איך זיץ דערנעבן. און אין שטוב איז אַן אומאָרדענונג.

איך מייד אויס זיך צו טרעפן מיט איר משפּחה. פּאַר וואָס, ווייס איך נישט. ווען די עלטערן טעלעפאָנירן אַז זיי קומען, כאַפּ איך עס תיכף אויף, לויט איזאַבעלס ענטפערס, לויטן אויסדרוק פון איר פּנים און איך איל אַוועק.

מאַריאַ גיט מיר אָפּ גרוסן פון זיי. איך שיק צוריק גרוסן. איך פרעג ווען זיי זענען דאָ געווען. לויט זיינע ענטפערס חשבון איך אויס ווען זיי קענען ווידער קומען.

אַזוי גייען אַן מיינע „פּאַציענטישע וויזיטן" ביי מיין זון. איך וואַרט אַז זיי זאָלן געפינען צייט צו קומען אַ מאָל אויך צו מיר. איך האָב עס געזאָגט מאַריאַן.

— מאַמע, זיי נישט ברוגז, איך בין פאַרנומען. איך אַרבעט אַ סך. אין אָוונט גייען מיר פאַרברענגען, עס קומען צו אונדז געסט, משפּחה, איזאַבעל האָט ברידער, אַ שוועסטער.

— איך פאַרשטיי, מיין זון, איך פאַרשטיי עס, אָבער...

— מיר זעען זיך דאָך, גענוגט עס נישט?

— דיר איז גענוג, אָבער מיר?

— קום אָפטער, עס שטערט דיר דען אימיצער?

ער טוט מיר אַ טובה, דערלויבט מיר אָפטער קומען. מיט ציטער אין קול האָב איך אים געענטפערט:

— די פּראַקטיק קומט מיט יאָרן...

מאַריאַ האָט געצויגן מיט די פּלייצעס: — וואָס מיינסטו דער־מיט?

— קורצע וויזיטן ביי מיין זון... האָסט אַ מאָל געטראַכט וועגן מיין עלנט? פון דעם קרבן, וואָס כ׳האָב געבראַכט פאַר דיר? פאַר מיינע זין?

ער האָט ברייט געעפנט די אויגן.

— קרבן פאַר אונדז?... איך ווייס נישט דערפון, וואָלסט אונדז באַדאַרפט אַריינגעבן אין אַ יתומים־הויז, אויב דו פאַרשטייסט עס אַזוי! וואָס ווילסטו פון מיר, איך זאָל טראַכטן אַזוי ווי דו טראַכסט איצט?

דעם „איצט” האָט ער אַקצענטירט.

איך בין געבליבן זיצן אַן אויסגעלאָשענע. מיר האָבן געשוויגן, ער האָט זיך ווי דערמאָנט:

— מאַמע, מיט וואָס קען איך דיר מכבד זיין?

ער האָט נישט געוואַרט אויף מיין ענטפער, אַריין אין שלאָפ־צימער, באַלד האָט ער זיך באַוויזן מיט איזאַבעלן. זי האָט געגענעצט, געווען אויף איר פנים קענטיקע סימנים פון שלאָף.

— איך האָב נישט געוווסט אַז דו שלאָפסט, דיך אויפגעוועקט?

— צייט אויפצושטיין, נעכטן האָבן מיר פאַרברענגט ביי פריינד ביז שפּעט.

— געווען אַ געבורטסטאָג, — האָט מאַריאַ צוגעגעבן.

— קאַלט דאָ — האָט זי זיך געטוליעט אין וואַרעמען שלאָפראָק.

— מאַך טאָקע עפּעס וואַרעמס, — מאַריאַ האָט מיר צוגערוקט אַ שאַכטעלע מיט צוקערלעך.

— איך וועל באַלד גיין, כ׳האָב צוגעזאָגט זיין ביי אַ פריינד.

— אַה, מאַמע, ביסט אַן אויסטויגערין, פאַרברענגסט.

— אַוודאי, כ׳האָב מיר אויך מיינע פּראָגראַמען.

— זעסט, איזאַבעל, מיין מאַמע פאַרשטייט ווי צו לעבן, האָט פריינד.

— פריינד? יאָ, אָבער קיין גרויסע אויסטויגערין בין איך נישט.

— אפשר שוין צו שפעט איצט, אויב נישט אין פראַנקרייך, ווען די סעניאָראַ איז געווען יונג — האָט איזאַבעל געזאָגט צווײדייטיק.

איך האָב זי אָנגעקוקט, זי רעדט סתם. זי מוז נישט זיין קיין גרויסע חכמה. באַלד האָב איך באַמערקט ווי מאַריאָ האָט זי אָנגעקוקט מיט לייכטן פאָרוווּרף, און מיט קענטיקער ליבשאַפט געוואָנדן צו מיר זיינע בליקן. איך האָב בפירוש דערפילט ווי אַ שטראָם פון וואַרעמקייט נעמט מיך אַדורך, און אין דער זעלביקער רגע האָב איך אים שוין אַלץ מוחל געווען, פונקט ווי אַ מאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד — זיינע קונדסישע שטיק.

איזאַבעלס ווערטער האָב איך אַראָפּגעשלונגען, בלויז גע־ ענטפערט:

— קיין גאַנצע פראַנצויזין בין איך נישט געווען...

— אַז איר זייט נישט קיין גאַנצע פראַנצויזין דערקענט מען פון אייער אַקצענט. איר רעדט ווי אייערע לאַנדסלייט רעדן.

איך האָב זיך געפילט געטראָפן. עס האָט בלויז געפעלט זי זאָל זאָגן: ווי די רוסאָס רעדן (רוסאָס רופט מען דאָ די יידן).

מאַריאָ האָט זיך געדרייט אויפן שטול. געקוקט מיט ערנסטע בליקן צום ווייב.

איז מיר איינגעפאַלן, אַז זיי זענען נישט קיין צוגעפּאַסט פּאָרל.

איך וועל נישט זיין קיין שטערונג צווישן זיי, אין זייער צוזאַ־ מענלעבן. מ׳דאַרף זיך אָפּרוקן נאָך ווייטער פון זיי.

מיט געמאַכטער רויִקייט האָב איך געזאָגט:

— זיכער דערקענט מען מיך לויט מיין אַקצענט. כ׳האָב שטודירט פּויליש, דערנאָך פראַנצייזיש. איצט זיך אויסגעלערנט שפּאַניש. דאָך איז מיין ערשטער אַקצענט געבליבן, אַזוי איז עס...

מאַריאָ האָט ברוגז געקנייטשט דעם שטערן.

— איזאַבעל, — האָט ער זי אָנגעקוקט, — גיי טו זיך אָן.

— מאַמע, דו האָסט אין שפּאַניש אַ פרעמדן אַקצענט, אמת, אָבער נישט קיין יידישן. וואָס איז דיר? ביסט לעצטנס געוואָרן עמפּינדלעך.

— דאַרפסט מיך נישט טרייסטן, מאַריאַ, דער אַקצענט אַרט מיך שוין נישט, איך האָב גאַרנישט געמיינט...

מאַריאַ האָט מיך פאַרשנדיק אָנגעקוקט. איך האָב באַשלאָסן צו זיין פאַרזיכטיק, היטן זיך מיט ווערטער, קומען צו זיי נאָך זעלטע־נער. כ׳האָב באַשלאָסן אַ ביסל צוּוואַרטן און אַוועק, דאָס געשפּרעך האָט זיך שוין נישט געקלעפּט.

פּלוצעם האָב איך זיך דערפילט צוריק שׂרה פונעם קליינעם יידישן שטעטל אין פּוילן. דאָרטן האָב איך זיך געהייסן רופן פאַר־פּוילישט: זוזאַנאַ, נישט שׂרה. אין פראַנקרייך סוזאַן, דאָ אין אַרגענ־טינע ווידער סוסאַנאַ. אַלץ לויטן לאַנד, לויט דער שפּראַך. איזאַבעל האָט אָבער דערשפּירט אין מיר שׂרהן.

וואָס טוט זיך עס מיט מיר? איך בין טאַקע געוואָרן עמפּינד־לעך צו „זאַכן״. מאַריאַ איז גערעכט.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. איך האָב אויפגע־צאַפּלט, געגאַנגען נעמען מיין מאַנטל. יעדער מאָל ווען כ׳בין ביי מיין זון ציטער איך אויף, ווען מען קלינגט אין טיר, כ׳וויל זיך נישט באַגעגענען מיט איזאַבעלס קרובים. איצט בין איך אַריינגע־פאַלן.

— אַה, טייערע געסט! מיין מאַמע איז אויך דאָ! — האָב איך דערהערט מאַריאָס אויסרוף.

אין זיין פריידיקן אויסרוף האָב איך דערקענט צעמישטקייט. איך בין געבליבן ווי פאַרשטייפט, אָבער באַלד זיך באַהערשט. איצט קען איך נישט אַנטלויפן, כ׳וועל מוזן בלייבן אַ ווילע.

כ׳בין געשטאַנען מיטן מאַנטל אין האַנט. איזאַבעל איז אַריין, אַ פריידיקע צוגעלאָפן צו זיי זיך קושן, דערנאָך געקוקט אויף מיר, און ווידער אויף די עלטערן.

— מיינע עלטערן, מאַריאַס מאַמע, — האָט איזאַבעל אַ פאַר־לוירענע פאָרגעשטעלט. מיר האָבן זיך העפלעך באַגריסט.

דער פאָטער אַ מיטלוווקסיקער, מיט געדיכטע ברעמען און אַ גלייכע לענגלעכע נאָז, די מוטער אַ דיקלעכע, פעסט געבויט, ענלעך צו דער טאָכטער, אָבער מיט אַ שטרענג און ערנסט פּנים.

ביידע האָבן גערעדט מיטן טיפּישן אַקצענט פון דער שפּאַני־שער פּראָווינץ גאַליסאַ. מיר האָבן זיך באַטראַכט מיט פאַרגנבעטע בליקן.

— איך קום פון דער אַרבעט אַהיים, נישט באַוויזן צו טרינ־קען אַ מאַטע (אַ טיפּישער געטראַנק אין דרום־אַמעריקע), ווייל די מאַמעלע שוין גיין צו דער טאָכטער, נישט געזען זי מסתּמא אַ צוויי־דריי טעג. אַז די מאַמע וויל, מוז עס שוין געשען — האָט דער פאָטער גערעדט רייבנדיק זיך פריילעך די הענט.

— ווי תּמיד, ווייל מיין פאַפּיטאָ באַלד אַ מאַטע. איך פאַרשטיי — איז איזאַבעל אַ צופרידענע אַריין אין קיך.

— ער מיט זיין מאַטע, ווי אַ קינד מיט דער טשופּעטע (אַ צוקערל) — האָט דאָס ווייב געזאָגט.

כ׳וויל אַנטלויפן, אָבער אָפּזאָגן זיך טרינקען דעם מאַטע מיט זיי וועל איך נישט טאָרן. אַריינגעפאַלן.

איך געפין זיך שוין יאָרן דאָ אין לאַנד און איך קען זיך נישט צוגעוווינען טרינקען מאַטע מיט פרעמדע מענטשן, טרינקען פון זעלבן רערל, וואָס גייט פון מויל צו מויל. אָפּזאָגן זיי, וועל איך זיי באַליידיקן, זיך איינקויפן נאָך מער שׂינאה ביי מיין שנור.

פאַרפאַלן. ערגערע צרות אַדורכגעגאַנגען. כ׳האָב זיך צוגע־גרייט צו טרינקען מיט זיי דעם מאַטע.

— מאַמע, דו שטייסט מיטן מאַנטל אין האַנט, זעץ דיך, — מאַריאַ האָט ביי מיר צוגענומען דעם מאַנטל. איך האָב זיך אַוועק־געזעצט, געפילט זיך ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע.

איזאַבעל האָט געברענגט אויף אַ טאַץ דעם טשייניק, צוקער, זשערבאַ (דער טיי צום מאַטע) און דעם מאַטע מיטן רערל אינגע־ווייניק.

די מוטער האָט זיך גענומען צו דער עבודה, אָנגעגאָסן וואַסער פון טשייניק, דעם ערשטן זופּ געגעבן, באַלד אַריינגעשאָטן אַ האַלב לעפעלע צוקער, וואַסער, און דערלאַנגט דעם מאַן. ער האָט געזופּט רוישיק און מיט הנאה. באַלד איז געקומען מיין ריי, דערנאָך איזאַ־בעל, מאַריאַ, און ווידער דער פאָטער, די מוטער און איך. דאָס רערל איז געגאַנגען פון מויל צו מויל.ביים דריטן מאָל האָב איך געזאָגט אַ דאַנק, דאָס הייסט: כ׳האָב געענדיקט.

— עס מאַכט מיר שלעכט די לעבער — האָב איך באַניצט מיין פּאַרטיקן תירוץ, וואָס כ׳זאָג תמיד אין אַזאַ פאַל.

— יאָ, די לעבער, די גאַל... — האָט גערן אויפגעכאַפּט איזאַ־בעלס מוטער, און עס איז אַוועק אַ סעריע רייד וועגן קרענק, וועגן דאָקטוירים.

— אײַ די ווייבער, מיט זייערע קרענק... איצט האָבן מיר שוין, גאָט צו דאַנקען, אַן אייגענעם דאָקטער אין דער משפחה — האָט געזאָגט דער מאַן און זיך געווענדט צו מיר — כ׳בין אַן אַגענט פון אַ האַנדלס־פירמע פון שיך, סעניאָראַ, מען לויפט זיך אַן פּאַר אַ גאַנצן טאָג. כ׳נעם אָן באַשטעלונגען, פאַרשרייב. שווערע צייטן איצט, מענטשן האַלטן זיך אָפּ פון קויפן, אַלע שרייען אין איין קול: אינפלאַציע, עס סטייעט קוים אויף עסן. אַלץ ווערט טייערער פון

טאָג צו טאָג, פּוטער, ברויט, פלייש. און דאָס ערשטע איז ביי אַ מענטש: עסן. מען דאַרף זיך גוט אָנרעדן, אײדער מען פאַרקויפט אַ פּאָר שיך, און פאַראַן קליענטן... בעסער פאַרגעסן אין זיי.

— איך האָב דווקא תמיד אַרבעט. פרויען האָבן ליב זיך אָנצו־טאָן אין אַלע אומשטענדן.

— איר אַרבעט ביי שניידעריי? מאַריאַ האָט טאַקע עפּעס גע־זאָגט — האָט די פרוי זיך אַריינגעמישט.

איך האָב זי גוט באַטראַכט: איזאַבעל איז געראָטן אין דער מאַמען, דאָס זעלבע אויסדרוקלאָזע פּנים, און די דיקקייט וועט מסתמא נאָכקומען.

— מאַריאַ רעדט מיט לויב וועגן זיין מאַמען, זאָגט אַז זי איז גאָר טיכטיק אין דער אַרבעט.

— מאַריאַ האָט נישט קיין ברירה, ער מוז גוט רעדן וועגן זיין מאַמען — האָב איך אים געענטפערט.

— ער איז אויך טיכטיק, מאַריאַ. ביי זיין יונגן עלטער האָט ער שוין אַ פיינע פּראַקטיק, פיין, פיין, גאָט צו דאַנקען.

— מיר ווילן האָבן אַ שיינע וווינונג, מען דאַרף זיך אַרויפ־אַרבעטן. — האָט מאַריאַ געזאָגט.

— דערווייל איז די דירה פשוט מעבלירט, אָבער נישט שלעכט. איך האָב דאָס אַלץ געהאַט איינגעקויפט פאַר מיין זון, זיין דירה איז עס. אַ ביבליאָטעק, אַ סאָפע מיט צוויי אויסגעבעטע שטולן, אַ פיינער זשיראַנדאָל, אַ בילד פון רענואַר, נאָך קליייניקייטן. מיט געניטע הענט וואָלט מען דאָ געקענט נאָך שענער איינאָרדענען.

איזאַבעלס מוטער האָט דערציילט חכמות פון איר אייניקל.ביידע האָבן געשיינט. איזאַבעל — גאָר אַן אַנדערע, נישט ווי מיט מיר. כ׳האָב געפילט אַן אייפערזוכט צו די פרעמדע מיר מענטשן.

דער פּאַטער האָט שוין אויפגעהערט טרינקען. ער האָט זיך געוואָנדן צו מיר העפלעך:

— ווען זיי רעדן וועגן קליינעם מיגעליטאָ, פאַרגעסן זיי אין אַלעמען. דאָס ערשטע אייניקל ביי אונדז, אַ געראָטן קינד. ער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל, געגעבן אַ קוש דעם פינגער.

— אַן אייניקל... עס מוז זיין אַ גרויס גליק האָבן אַן אייניקל... איך האָב עס געזאָגט מיט אויפריכטיקער בענקשאַפט, ווי אויך אונטערצוהאַלטן דעם שמועס.

— אָה, סעניאָראַ, איר ווערט עס דערגרייכן — האָט ער זיך צעלאַכט, און געקוקט צו זיין טאָכטער.

איזאַבעל איז געוואָרן רויט. אַריין אין קיך מיט דער מוטער. זיי רעדן עפּעס לעבהאַפט צווישן זיך. כ׳האָב ווידער דערפילט אייפערזוכט, כעס צו זיי, צו מאַריאַן.

— מאַריאָ האָט דערציילט, אַז ער האָט אַ ברודער, אויך וועגן זיין טאַטן, אַז איר האָט זיך אַנגעליטן אין פראַנקרייך בעתן וועלט־קריג. איר זענט געווען אויף צרות, אָבער דאַנקען גאָט, דאָ איז אַ פיין לאַנד, אַרגענטינע, אַ פריי לאַנד, און ווער עס וויל אַרבעטן שטאַרבט דאָ נישט פון הונגער.

— אמת, אַ פיין לאַנד אַרגענטינע. מיין מאַן איז ליידער אומ־געקומען. איך מיט מיינע צוויי קינדער זענען מיר געווען פאַר־שטעקט אין אַ דאָרף, אין פראַנקרייך. געאַרבעט האָב איך שווער.

— דאַנקען גאָט, איר האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען.

— אַ דאַנק מיינע פאַלשע פאַפּירן אַלס קאַטוילערין.

— אַזוי ? אַלס קאַטוילערין ? — האָט די מוטער לעבהאַפט אויפגעכאַפּט, זיך צעשיינט, זיך אַריבערגעבויגן צו מיר, — וואָס איז ווייטער געוואָרן ? — האָט זי געפרעגט אין איין אָטעם.

— וואָס הייסט? ווייטער האָט זיך שוין געענדיקט די מלחמה, עס איז געקומען די באַפרייונג, נישט באַדאַרפט מער קיין פאַלשע דאָקומענטן. איך בין אַ יידישקע, — איך האָב עס געזאָגט מיט הנאה. זי האָט זיך פאַרקרימט, ווי כ׳וואָלט זי באַגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער.

די פרוי איז געבליבן אַן אַנטוישטע, דער מאַן האָט זי אָנ־געקוקט און ווייטער אָנגעהויבן:

— אַלע האָבן מיר זיך אָנגעליטן. און אייער צווייטער זון?

— מאַריאַ האָט איך נישט דערציילט? ער האָט געררייזט אין דער וועלט, איצט איז ער אין יידישן לאַנד.

— אין יידישן לאַנד? מען דערציילט וועגן אויפטוען דאָרטן. כ׳האָב יידישע קליענטן, יידן זענען פעיִקע. אָבער נישט כדאי דאָרט צו זיין פאַר אייער זון, די לאַגע דאָרט אַן אומזיכערע, ווי לאַנג בלייבט ער דאָרט?

— ער וויל בלייבן, אים געפעלט דאָרט שטאַרק.

— ביי גאָט! בלייבן? מאַריאָס ברודער. אַ שאָד, דאָ איז זיכע־רער, הייסט אים צוריקקומען, דאָ וועט אים זיין אַ סך בעסער ווי אין יענעם לאַנד.

מאַריאַ איז געווען אין זיין קאַבינעט, איצט איז ער צוריק אַריין און אויפגעכאַפּט די לעצטע ווערטער. ער האָט זיך אָנ־גערופן:

— מיין ברודער יאָגט זיך נאָך שאַרפע איבערלעבונגען. ער וועט שוין צוריקקומען.

— נישט ריכטיק, מאַריאַ, וועלן דערקענען די וועלט הייסט נאָך נישט יאָגן זיך נאָך איבערלעבונגען. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז נישט קיין אַוואַנטוריסט, איך וויל נישט לויבן מיין זון, נאָר... אין „יענעם לאַנד" איז אַ יידישע מדינה.

— מאַריאָ איז אַזאַ ניכטערער, אַזאַ גוטער, אַן אמתער קריסט. ער איז פּראַקטיש אויך.

— איך דאַנק אייך פאַרן לויבן מיין זון. מיינע ביידע קינדער זענען גוטע, איך האָב זיך באַמיט זיי זאָלן אַזוי זיין, צו מיין מזל זענען זיי עס. מאַריאָס טאַטע איז אומגעקומען, ווייל ער איז געווען אַ ייד, און איך האָב צוליב מיין יידישן אָפּשטאַם נישט זוכה געווען צו זיין אויף מיין קינדס חתונה, דאָ, אין דעם פרייען לאַנד...

איזאַבעלס עלטערן זענען געוואָרן צעמישט. אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— מאַמאַ! — האָט מאַריאָ אויסגערופן מיט פאָרוווּרף, — לאָז אָפּ די טעמעס!

— מיין פרוי האָט אַ מוטער, אַ פרומע, זי האָט שטאַרק ליב איזאַבעלן, זי זאָגט אַז איזאַבעל וועט זיין איר יורשטע, זי איז פרום, ביי אונדז אויך דאָס זעלבע, געוויינהייט... דווקא מאַריאָס אָפּשטאַם איז נישט קיין פּראָבלעם פאַר אונדז, גאָרנישט קיין פּראָבלעם.

— נישט קיין פּראָבלעם, הם...

כ׳האָב אים דורכגעשטאָכן מיט מיין בליק, צוגעוואָרפן אַ קוים באַמערקבאַרן חוזק־שמייכל. מיר האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט מיר צוריקגעוואָרפן דעם שמייכל.

— עס איז גאָר נאָבל פון אייער זייט, איר מאַכט נישט קיין פּראָבלעם פון זיין אָפּשטאַם, אים אַריינגענומען אין אייער ווערדיקער משפחה...

עס איז געוואָרן שטיל, אַ פאַרמעסט אַן ווערטער. מאַריאָס פּנים איז אָנגעצונדן מיט כּעס, איזאַבעל וואַרפט צו אים משונהדיקע בליקן, זי קוקט נישט אין מיין זייט.

דער פאָטער האָט אויפגעגעבן דעם קאַמף מיט מיר, ער האָט געפּרוּווט שמייכלען, געקוקט אויף מיר מיט פאַרגעבונג.

— מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף די קינדער, אויף דיביידע יונגע מענטשן. זיי וועלן פּראָגרעסירן עקאָנאָמיש, איזאָבעל וועט איינפירן אַ פיינע שטוב. ליבע באַווייזט נסים.

אַוודאי דאַרף מען נסים, אַז זי זאָל איינפירן אַ פיינע שטוב, — האָב איך געטראַכט.

מיר האָבן פיינלעך געשוויגן, דערנאָך ממשיך געווען דעם שמועס, אָפּגעהאַקט, וועגן קלייניקייטן. זיי האָבן מיך געפרעגט וועגן מיין אַרבעט, ווידער גערעדט וועגן מאַריאָס גוטסקייט און דערפאָלג אין זיין אַרבעט. די פּאַציענטן, איבערהויפּט די בני־משפחה, זענען גאָר צופרידן פון מאַריאָס קורירן זיי.

מיר האָט זיך געדאַכט אַז אָט, אָט, און די האַרבע פראַגן וועלן אַרויס פון די ראַמען. מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען מיין ווייטיק: פאַר וואָס האָבן זיי מיך נישט צוגעלאָזט צו מיין זונס חתונה?

קוים באַוויזן זיך צו צוימען. ווי אַ שיפל איבערן וואַסער האָבן זיך אונדזערע ווערטער געגליטשט אַהין, אַהער, זיך געהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך. אַלץ איז אָנגעגאַנגען ווי ביי גוט דערצויגענע מענטשן, מיט אָנגעצויגענער העפלעכקייט.

— איַיער זון איז אין פּאַלעסטינע, ווי גערן וואָלט איך דאָרט וועלן זיין, באַזוכן די הייליקע מקומות, ישוס קבר, — האָט די מוטער געזאָגט.

געַנוג! — האָב איך זיך געזאָגט, — גענוג צו מיין וויזיט דאָ! עס האָט זיך שוין צו לאַנג פאַרצויגן. דער בייַטעם פון דעם אַלעם פרעסט מיך ביים האַרצן. איך מאַך זיך פאַרוווּרפן, פאַר וואָס כ׳האָב נישט רעאַגירט ווען זיי האָבן געזאָגט: „מאַריאָ איז אַ גוטער, אַן אמתער קריסט״.

פאַראַן דאָ אַזאַ געוווינהייט ביי די קריסטן, אויף יעדן איינעם, וואָס ווייזט זיך זיי אויס גוט, זאָגן זיי אַזוי, אַפּילו אַ הונט איז ביי זיי אַ גוטער קריסט...

ס׳דערוועקט זיך אין מיר די נטיה צו אַנאַליזירן: זיי לויבן אַזוי כּסדר מאַריאַן, ווייל זיי זענען נישט משלים מיט זיין אָפּשטאַם, זיי ווילן מיטן לויבן אים איינשטילן זייער געוויסן.

מאַריאַ זיצט אָנגעכמאַרעט. איך הייב מיך אויף, אונדזערע בליקן טרעפן זיך, איך בין שוין איצט רויק. איך האָב טאַקע טענות צו אים, אָבער אויך פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט. ער קוקט אויף מיר מיט פאַרוואורף, האָט זיך באַהערשט, זיך געוואָנדן צו זיינע שוויגער־עלטערן:

— מיין מאַמע איז היינט נערוועז. מסתמא אַ סך געאַרבעט.

דאָס איז צו פיל פאַר מיר, כ׳האָב מורא כ׳וועל זיך איינברעכן. כ׳דערמאָן זיך אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט, נאָך יענעם אָוונט, מיין געבורטסטאָג...

און ווידער — זיינע וואַרעמע בליקן, היינט, ווען זיין פרוי האָט צו מיר גערעדט מיט חוצפה.

— איך בין נישט נערוועז, מאַריאַ, געאַרבעט היינט ווי אַלע טעג, כ׳בין געוווינט דערצו.

— טאַקע שווער שוין פאַר אייך צו אַרבעטן אין דרויסן, איצט, אין ווינטער.

— עס האָט זיך געענדיקט דער זומער, עס איז ווינטער, די קעלט קומט פון די גרויע כמאַרעס, עס דראָען לאַנגע ווינטערנעכט. — האָב איך געזאָגט מיט געמאַכטן אָנשטעל, ממש דעקלאַמירט.

— אַזוי איז עס, עס איז קאַלט. נאַסע לופט אין דרויסן, אַזאַ שלעכטער קלימאַט דאָ אין בוענאָס־איירעס. אין די יאָרן פילט מען עס שטאַרק, — האָט איזאַבעלס מוטער רעאַגירט אויף מיינע ווער־

טער. נישט פֿאַר איר טעמפּן קאָפּ אויפֿצוכאַפּן דעם מיין פֿון מײַן דעקלאַמאַציע.

— די יאָרן באַשווערן מיך דערווייל נישט, — האָב איך זיך אויסגעגלייכט.

— אַזוי געפֿעלט מיר, נישט קרעכצן תמיד, ווי אַנדערע ווייבער, — ער האָט אָנגעקוקט זיין ווייב, געוווּנקען צו איר.

זי האָט צו אים געוואָרפֿן בייזע בליקן.

— מיין מאַמע איז אייביק יונג, — האָט אויך מאַריאַ מיר פֿריינדלעך צוגעוואָרפֿן.

איך קוק אים אָן מיט דאַנקבאַרקייט, דערנענטער זיך, גיב אים אַ קוש, אויך איזאַבעלן. מיט די עלטערן האָבן מיר זיך העפֿלעך געזעגנט.

איזאַבעלס פֿאָטער האָט מיר געווונטשן אַפּטע באַגעגענישן מיט זיי ביי די קינדער.

— קע לעס וואַזשאַ ביען, אַל דאָס גוטס!

— קע לע וואַזשאַ ביען, — האָבן זיי מיר צוריקגעווונטשן.

7

מיין טאַטע האָט געהייסן יהודה לייב, מיין מאַמע אסתר ליבע.

אַ שבת נאָך מיטאָג, דער טיש ווײַס געדעקט, אַ רויִקע שבת־דיקע שלווה אין שטוב. די מאַמע שטעלט אויפֿן טיש פֿאַרעווע קיכלעך און ווישניאַק מיט קאַרשן, דער טאַטע זיצט ביי אַ ספר, ער בעט ביי דער מאַמען דערלאַנגען אים טיי צו די קיכלעך. דער טאַטע קוקט היינט אויף דער מאַמען אַנדערש ווי אין דער וואָכן, אַנשטאָט זי צו רופֿן אסתר ליבע, ווי תמיד, רופֿט ער זי היינט מיט אַ וואַרעמער, גלעטנדיקער שטים: ליבע אסתר. די מאַמע

פאַרשטייט דעם רמז, זי שיינט, און אַנשטאָט צו רופן דעם טאַטן יהודה לייב, רופט זי אים היינט: לייבל.

מיר, קינדער, זענען צופרידן פון דער אידיליע אין שטוב. דער טאַטע לאָזט אונדז ליאַרעמען, שרייט נישט אָן אויף אונדז. מיר קריגן זיך איצט נישט אַרום, ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ וואָך, מיר קנאַקן די קערלעך פון די קאַרשן, בעטן נאָך, די מאַמע דערלייגט אונדז. שפּעטער נעמט די מאַמע אונדזער קליין ברודערל גדליהן אויף אירע קני, זאָגט „גאָט פון אברהם״, און קוקט מיט אירע רויִקע אויגן צום טונקעלן אומענדלעכן דרויסן...

8

נאָך מיין באַגעגעניש מיט איזאַבעלס עלטערן איז מיין געמיט אין גאַנצן צערודערט געוואָרן. מיט זשאַנס בריוו און מאַריאָס חתונה האָט זיך עס אָנגעהויבן. מיינע עלטערן, מיין שטעטל, שטייען מיר פאַר די אויגן, זיי ווילן נישט אָפּטרעטן, פּייניקן מיך. כ׳האָב אַלע יאָרן די געדאַנקען וועגן מיין חרובער היים נישט צוגעלאָזט צו זיך.

איצט זע איך מיין מאַמען ביי אַ ספר — טרערן אין אירע אויגן, מיין אויסגעמוטשעטן פאַרדאַגהטן טאַטן, — דאגות־פּרנסה! ווידער די מאַמע, מיט מאַזאַליעס אויף די הענט, — פון שווערער האָרעוואַניע.

דאָס קלינגען פון די קירכנגלאָקן וואַרפט אָן אַן אימה אויפן שטעטל. יידן, — פול מיט פּחד און אינערלעכן ווידערשטאַנד צו די שׂינאהדיקע בליקן פון די גויִים.

דער גרינער דאָנערשטיק. אַ פּראָצעסיע. גויִים מיט צלמים און פיגורן פון זייערע הייליקע אין די הענט. אין יידישע שטובן פאַר־קלאַפּט מען די לאָדנס.

— זיי בלעקעכצן שוין, קוקט נישט אַרויס, אַוועק פון די פענצטער! — רופט די מאַמע צו אונדז און פאַרציט געדיכט די פוירהאַנגען.

מיר ווייסן אַז מיר דאַרפן נישט קוקן, זיי וועלן נאָך אויס־טראַכטן אַ בילבול, אַז מיר לאַכן, אַז מיר וואַרפן שטיינער, אָבער מיר קענען נישט גובר זיין אונדזער נייגער און מיר גייען אַרויף אויפן בוידעם קוקן דורך אַ שפּאַלט.

פאַרויס גייען די איקאָנעס־ און צלמים־טרעגערס. אונטער אַ „חופּה" גייט דער גלח, לעבן אים דער אָרגאַניסט. זיי זינגען צו די הייליקע, דער המון חזרט איבער אין כאָר יעדן זאַץ דערנאָך דעם רעפריין: מודל שען זאַ נאַאַמי — זיי מתפּלל פאַר אונדז.

ביז די פּראָצעסיע פאַרשווינדט נישט אין גאַנצן, באַוויזט זיך נישט קיין איין ייד אין גאַס.

אין מיין קינדהייט, געדענק איך, האָבן די פּראָצעסיעס, קירכן און צלמים, אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ פּחד. דאָס אַלץ דערמאָנט זיך מיר איצט, יאָרן נאָך דעם ווי כ׳האָב פאַרלאָזט מיין היים.

די ברייטע וועלט האָט געלאָקט. דאָרט, האָב איך געהאָפט, וועט מען נישט קוקן אויף מיר מיט שׂינאה, כ׳וועל שטודירן, מיט אומרו און בענקשאַפט געחלומט וועגן גרויסע דערגרייכונגען. מורא פאַר שווערקייטן, פאַר אַנטוישונגען — נישט געווען. נישט ביי מיר, נישט ביי אַלבערטן. מיר האָבן נישט דערגרייכט דאָס וואָס מיר האָבן דערוואַרט, אַוודאי נישט.

אין פראַנקרייך, ווען די ערד אונטער אונדזערע פיס האָט גע־ברענט, האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזער גאָט — אין מיין שטאָם. איך האָב געבעטן צו גאָט, בלויז מיט איינצלנע ווערטער, וועלכע כ׳האָב געדענקט פון דער היים.

כ׳האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, שוין נאָך דער מלחמה, פאַרלייקנט מיין אָפּשטאַם. געווען גרינגער צו לעבן. נאָך אַ צייט האָב איך שוין אויפגעהערט געזאָגט, אַז איך בין אַ ייִדישע. די קינדער האָבן זיך אויך שוין ניט געוווּסט.

ליז איז געווען מיינע אַ גוטע באַקאַנטע, מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט גיין צוזאַמען אין אַ מאָדע־געשעפט. איר מאַן האָט אונדז געפירט אין זיין אויטאָ. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ שויפענצטער. פּלוצלונג האָב איך דערהערט לעבן מיר רעדן ייִדיש. כ׳האָב אויפגעציטערט, שוין לאַנג נישט געהערט די שפּראַך, און דאָ, אַזוי נאָענט פון מיר...

איך קוק זיך אַרום, לעבן מיר שטייט אַ מיטל־יעריק פּאָרפאָלק און רעדט די זעלבע שפּראַך ווי מיינע עלטערן. כ׳האָב זיי געקוקט אין פּנים אַריין, — מסתמא מיט בענקשאַפט, ווייל מיינע באַגלייטערס האָבן באַמערקט עפּעס אין מיין אויפפירונג.

— איר קענט די שפּראַך, אמת? — האָט ליז געפרעגט.

— איך? די שפּראַך? ניין, ניין.

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי.

— איך בין געבוירן אין פּוילן, דאָרט הערט מען אָפט די שפּראַך — האָב איך איילִיק געזאָגט, נישט געקוקט זיי אין די אויגן.

זייטיק האָב איך באַמערקט ווי זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ צווייִדייטיקן ווונק. וויפל איך האָב זיך נישט באַמיט דעמאָלט ממשיך צו זיין מיין שמועס מיט זיי, איז עס מיר נישט געלונגען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי ווייסן ווען מיר מער ווי עס ווייזט זיך מיר אויס. עס האָט מיך באַהערשט אַן אומקלאָרע בושה, אַן איבלדיק געפיל צו זיך אַליין.

אַ פּוילישע בין איך — פלעג איך זאָגן. דאָס וואָרט קריסטין האָב איך נישט אַרויסגעבראַכט. בלויז — אַ פּוילישע. מיינע בלאָנדע

האָר און בלויע אויגן און מיין פּנים באַשטעטיקן עס, — האָב איך געטראַכט.

איך עטלעכע וואָכן אַרום:

איך פֿאָר אין אַן אויטאָ, דערהער רעדן יידיש, דריי זיך אויס — אַ גרופּע טוריסטן. טייל פֿון זיי רעדן פּויליש, טייל יידיש. איך הער וועגן וואָס זיי רעדן. איך טשאַטעווע אויף זיי, כ׳באַשליס: איך וועל אויסשטייגן מיט זיי צוזאַמען, כ׳וועל מיט זיי רעדן יידיש, אויך פּויליש.

זיי פֿאָרן, איך אויך. זיי שטעלן זיך אָפּ נעבן אַ מוזיי, איך שטייג אויס מיט זיי. איך קוק זיך אַרום, דערנענטער זיך, הייב אָן רעדן יידיש, דערנאָך פּויליש, זיי רינגלען מיך אַרום מיט פֿרייד.

זיי פֿאָרן קיין ישׂראל, טייל זענען פֿון פּוילן, טייל פֿון אַנדערע לענדער. איך גיי מיט זיי אין מוזיי, פֿיר זיי אַרום, דערקלער זיי אַלץ, אין יידיש שווערלעך, אָבער עס הייבט אָן גיין. כ׳האָב לאַנג נישט גערעדט, אָבער געטראַכט אַ סך אויף דער שפּראַך.

מיר איז גוט מיט זיי, איך פֿיל זיך ווי איינע פֿון זיי... מיר גייען אין אַ רעסטאָראַן, איך וויל פֿאַרן קאַפֿע באַצאָלן, זיי לאָזן נישט — אַ פּרווי צאָלט נישט — זאָגן זיי.

זיי פֿאָרן קיין ישׂראל, רעדן וועגן לאַנד מיט ליבשאַפֿט און פֿרייד. פֿול מיט גלויבן זענען זיי, אַז דאָרט איז זייער פּלאַץ.

לאַנגע שעהען פֿאַרברענגען מיר צוזאַמען. איך פֿאַרגעס, אַז כ׳האָב זיך אָפּגעשמועסט זיין ביי אַ חברטע. איצט אַרט מיך נישט, אַז יענע וועט וואַרטן — כ׳בין דאָך צווישן אייגענע — ביז כ׳וועל זיי באַגלייטן צו דער שיף.

9

די זונשטראַלן, וואָס דרינגען אַריין אין מיין צימער, ווען איך צעעפן די פענצטער, העלפן מיר באַפרייען זיך פון די נאַכטיקע קאָשמאַרן. ס׳הייבט זיך אָן אַ נייער אַרבעטסטאָג. איך איל אין וואַרשטאַט און טראַכט וועגן זשאַנען, וועגן פּאַלמען־ביימער און זאַפטיקע גרינע פעלדער — געדאַנקען פון פרייד און דערוואַרטונג.

ס׳דערמאָנט זיך מיר די באַגעגעניש מיט די יידישע עמיגראַנטן. מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג זיי האָבן גערעדט וועגן ישראל!

טראָט נאָך טראָט פאָלג איך נאָך מיין גאַנג אונטער פרעמדע הימלען: געוואָלט פאַרלייקענען זיך אַליין, געוואָלט זיין ענלעך צו עפּעס, וואָס איך בין נישט. איצט ווילט זיך מיר אָפּטרייסלען דער־פון, אַנטלויפן פון די זיסע, פאַלשע ריידעלעך פון מיינע מחותּנים, פון מיין זונס פרוי. אַנטרינען פון דער פאַרהאַסטער וועלט.

געמיינט, אַ מאָל, אַז פראַנקרייך איז מיין היים, דאָרט ווו אַלבערט איז געבליבן. כ׳ווייס אַפילו נישט ווו זיין קבר געפינט זיך. דערנאָך האָט אַרגענטינע געדאַרפט זיין מיין היים, בין איך אָבער אַ פרעמדע אין מיין זונס משפּחה, מיין אַקצענט איז זיי פרעמד. מען טוט מיר טובות: כ׳קען קומען צו מיין זון אַלע צוויי וואָכן, מיין שנור שענקט מיר אַ שמייכל, מיר רעדן וועגן וועטער — אַ שיינער טאָג, אַ מיאוסער טאָג. מאַריאָ וואָלט מיך אפשר מקרב גע־ווען, איז ער אָבער פאַרנומען, ער איז מיד.

די וועלט וואָס כ׳האָב מיר געהאָט אויפגעבויט איז צעפאַלן: אַזוי פיל מי און אַרבעט, אַז מאַריאָ זאָל האָבן אַלץ בשפע. איצט האָט ער זיך אָפּגעפרעמדט פון מיר, פאַר מיר איז ער תּמיד פאַר־נומען, האָט נישט קיין געדולד מער צו זיין מאַמען. „מיר זעען זיך

דאַך" — זאָגט ער — "וואָס איז דער אונטערשייד ווי אָפּט און ווו, ביי דיר צי ביי מיר אין שטוב..."

קורצע טעג און לאַנגע נעכט.

איך גיי אַרויס צו דער זון, זיך דערוואַרעמען. באַמי זיך צו פאַריאָגן מיינע מעלאַנכאָלישע געדאַנקען, זיך אָפּטרייסלען פון זיי.

איך לאָז זיך מיטשלעפּן מיטן מענטשנשטראָם און פיל ווי איך ווער אַנטשפּאַנט. איך ווער אַ טיילעכל פון המון, פון די קאָלירטע רעקלאַמעס און אויסגעפּוצטע שויפענצטער. דער מענטשנשטראָם האָט מיך צוגעפירט צו דער גאַס קאָרריענטעס [הויפּטגאַס אין צענטער פון בוענאָס־איירעס]. כ׳בין אַריין אין אַ קאַפע, זיך געזעצט ביים פענצטער. קוק אויף פאַרבייַגייערס, לייען פון מענטשלעכע פנימער.

אין ווינקל גאַס שטייט אַ גרופּע סטודענטן. זיי שמועסן וועגן פּאָליטיק:

„קאָמוניזם, אימפּעריאַליזם, דעמאָקראַטיע".

דיסקוסיעס אין די גאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכן פאַלן פון דיקטאַטאָר כואַן פּעראָן. מענטשן קענען איצט פריי זיך אויסרעדן, אַרויסזאָגן זייערע פּאָליטישע מיינונגען.

אָט רעדט אַ פּרוי מיט היץ וועגן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. אַ צווייטע, מיט באַגייסטערונג, וועגן פידעל קאַסטראָ. דער שמועס גייט אָן פריינדלעך, יעדן דאַכט זיך, אַז בלויז זיין אמת איז דער עכטער. צום סוף צעקאָכט מען זיך. באַלד באַווייזט זיך אַ גרופּע יונגע־לייט, זיי מאַרשירן מיט אויסרופן:

— וויוואַ קאַסטראָ, וויוואַ על טשע געוואַראַ!

און פון דער זייט — אויסרופן קעגן די דעמאָנסטראַנטן:

— ווענדעפּאַטריאַס!* קאָמוניסטן!

* פאַררעטער.

שוין אין דרויסן, אויף דער גאַס, לעבן מיר, דערהער איך:
— סאַלווע לאַ פּאַטריאַ, מאַטע און כודיאַ!**

און גלייך, ווי געוואָרט דערויף, האָבן זיך פון דער צווייטער זייט גאַס אַ שאָט געטאָן זידלערייען קעגן יידן. איך קוק מיט עקל אויף די טעמפּע פּנימער, גיי ווייטער.

לעבן דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „לאַ נאַסיאָן" זאַמלען זיך מענטשן. אויף אַ שוואַרצן לוח ווייזן זיך אותיות — די לעצטע ידיעות. וועגן דער מלחמה אין וויעטנאַם, וועגן מיטעלן מיזרח, צוזאַמענשטויסן ביי די גרענעצן פון ישראל.

זשאַן איז אין אַ קיבוץ. איך האָב נישט קיין אַנונג, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ קיבוץ, אָבער איך שטעל מיר פאָר אַז דאָרט הערשט אַ פּאַסטאָראַלע רויִקייט. גרינע פעלדער, פּרדסים, הימל און זון...

איך בין ווידער אויפגערודערט. נאָך היינט וועל איך זיין ביי מאַריאַ און וועל אים זאָגן: איך פאָר צו זשאַנען! אַ, איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ רעאַקציע דאָס וועט ביי אים אַרויסרופן! אפשר אָנהייבן מיט אַ רמז? צוגרייטן אים צום געדאַנק, אַז דאָרט וועל איך האָבן אַ היים? און איך אַליין, צי בין איך באמת גרייט אויף דעם?

עס האָבן זיך געשטעלט פייכטע, דושנע טעג. די לופט איז הייס און שווער. עס טרעפן אין דעם לאַנד אַזעלכע טעג אין סאַמע ווינ־טער. אין איינעם אַזאַ טאָג האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיינער אַ קוזינע. דער בריוו האָט מיך דערפרייט. זי שרייבט, אַז זי האָט זיך אַריבערגעקליבן אין שטאָט. כ'האָב לעצטנס טאָקע געטראַכט וועגן איר, געפּלאַנט צו פאָרן קיין קאָרדאָבאַ, זיין ביי איר. איצט איז זי פון יענער שיינער פּראָווינץ געקומען וווינען אין שטאָט.

** ראַטעווע דאָס פאָטערלאַנד, הרגע אַ ייד.

מיינע צוויי אָפּגעפרעמדטע קוזינעס האָב איך ביז איצט זעלטן געזען. קנאַפּע קאָנטאַקטן צווישן אונדז. די וועלכע וווינט פון לאַנג אין שטאָט האָט מיך געהאַט פאַרבעטן צו זיך, ווען זי האָט געמאַכט אַ יום־טוב, באַנייט איר וווינונג, און אַ צווייט מאָל, צו איר טאָכטערס פופצן־יאָריקן געבורטסטאָג. די וואָס האָט איצט צו מיר געשריבן האָט געוווינט ווייט.

ווען מיין פעטער האָט געלעבט פלעג איך זיי טרעפן ביי אים אין שטוב.

מיין פעטער האָט מיך געהאַט אָפּגעזוכט נאָך דער מלחמה דורך דער אַגענץ „היִאַס" און אונדז געבראַכט קיין אַרגענטינע. ער האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט וואַרעמקייט. געזען אין מיר מיין מאַמען, זיין אומגעקומענע שוועסטער. אויך איך האָב געפילט צו אים אַ נאָענטקייט, נאָך דעם ווי כ'האָב פאַרלוירן מיין גאַנצע משפחה, מיין אַלבערטן.

ער האָט זין און טעכטער. די זין קען איך ווייניק, זיי וווינען אין ווייטע פּראָווינצן. די שטאָטישע טאָכטער איז מיר פרעמד, אָבער די ייִנגערע, מאַרטאַ, וואָס איז איצט געקומען וווינען אין שטאָט, איז מיר געפעלן.

מיינע קוזינעס רעדן די לאַנדשפּראַך, זענען ווייט פון ייִדישקייט.

מאַרטאַס בריוו האָט דערוועקט אין מיר האָפענונג און בענקשאַפט. איצט, ווען איך בין אַזוי עלנט...

מיין פעטער האָט געהאַט צרות פון איר. אירע ברידער און שוועסטער האָבן זיך פון איר אָפּגעטרייסלט.

מיט יאָרן צוריק, ווען זי איז געווען יונג און שיין, און זיך פאַרמאָסטן צו „שטורעמען וועלטן", האָט זי פאַרלאָזט דעם טאַטנס דאָרפישע בעל־הבתישקייט, שטודירט אין אוניווערסיטעט, געוואָרן אַ פאַנאַטישע קאָמוניסטקע, זיך פאַרליבט אין אַ קריסטלעכן אַרבע־

טער, אַ קאָמוניסט. געווען איז ער דאָרט עפּעס אַ מנהיג ביי די אַרטיקע אַרבעטערס און האָט זי פאַרבליפט מיט זיין שיינריידעריי. נאָך אַלעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַן אומוויסנדיקער פּשוטער לא־יוצלח און, ווי די ברידער האָבן געזאָגט, מיט צוויי לינקע הענט, וואָס טויגן זיך נישט אויס צו קיין שום זאַך. איצט זענען זיי געקומען וווינען אין שטאָט, מסתמא זוכן גליקן.

10

מיט דער אונטערגרונט־באַן האָב איך זיך געלאָזט צום שטאָט־טייל טשאַקאַריטאַ, אין דער נאָענט פון דעם הויפּטצענטער פון בוע־נאָס־איירעס, געפינען מאַרטאַס וווינונג.

כ׳בין אַריין אין אַ גאַס צווישן לאַנגע, הויכע ווענט, הינטער וועלכע ס׳האָט זיך געפונען די פאַבריק פון פאַרברענען דעם שמוץ־אָפּפאַל פון דער שטאָט און אומגעגנט.

דער געשטאַנק איז דאָ אומדערטרעגלעך. אין דער לופטן פליִען שטיקער סאַזשע. אין גאַס וואַלגערן זיך האַלב־פאַרברענטע פּאַפּירן. כ׳בין אַדורך אײַליק, געקוקט ווי מענטשן גייען רויִק, ס׳אַרט זיי נישט, זיי זענען, ווייזט אויס, שוין צוגעוווינט צום עיפּוש.

כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ליידיקן שמוציקן פּלאַץ, וווּ עס וואַלגערן זיך אָפּפאַל, ברוכוואַרג, קעגן אַן אַלט נידעריק הויז. יאָ, דאָ איז עס, מאַרטאַ וווינט נישט צווישן גבירים...

ביים אַריינגאַנג האָב איך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, לויטן אַרגענטינער שטייגער. עס האָט זיך באַוויזן אַ פרוי, געפרעגט מיך צו וועמען איך דאַרף.

— דאָניאַ מאַרטאַ, טיענע וויסיטאַ! (איר האָט אַ גאַסט) — האָט זי גערופן הויך און היציק.

אַנשטאָט מאַרטאַן האָט זיך באַוויזן אַ טונקלהויטיקער מאַן, אַ מיטלוווקסיקער. דאָס פּנים נישט ראַזירט. פונעם אָפענעם העמד האָט זיך אַרויסגעזען זיין האָריקע ברוסט.

כ׳האָב געזאָגט ווער איך בין, האָט ער זיך אַנטשולדיקט וואָס ער האָט מיך נישט דערקענט, זיך ברייט צעשמייכלט און העפלעך מיך פאַרבעטן צו גיין נאָך אים. מיר זענען אַריין אין אַ לאַנגן הויף מיט עטלעכע טירן. דורך איינער פון די טירן זענען מיר אַריין אין אַ גרויסן צימער מיט אַן אַרויסגאַנג צו אַ פאַרלאָזטן, פאַרטריקנטן גערטנדל. דאָ וווינט עס מיין קוזינע מיט איר מאַן, זון און טאָכטער.

אַ שפּאָר ביסל אָפּגעטיילט פון צימער, אין זעלבן הויף, געפינען זיך נאָך פיר שכנים, אין קלענערע צימערן, אויך מיט אָפּגעטיילטע קליינע הילצערנע קיכלעך.

אַזוי וווינען דאָ מענטשן, דערציִען דאָ קינדער, וווינען צוזאַמען מיט דערוואַקסענע זין און טעכטער... פאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין גרויסע גבירים זענען עס.

אַ צעקנייטשטע, פאַרעלטערטע, אין אַן אַלטן אָפּגעבליאַקעוועטן שלאָפראָק, מיט צעפּודלטע האָר, האָט שוין מאַרטאַ געוואַרט אויף מיר. קענטיק, אָקערשט אויפגעהויבן זיך פון דער סיעסטאַ (נאָכמיטאָג־שלאָף).

אַ פאַרשעמטע, אָבער מיט קענטיקער פרייד אויף איר פּנים, האָט זי מיך צוגעדריקט צו זיך, מיך געקושט.

— אָ, סאַראַ גאַסט!

אירע אויגן, אין וועלכע עס האָט אַ מאָל געגליט אַ פלאַם, זענען איצט מיד. דאָס פּנים — מיט קענטיקע שפּורן פון אַמאָליקער שיינקייט — בלאַס און פאַרשאָטנט. זי האָט אָנגעהויבן אויף גיך אָפּצורוימען פון טיש דעם נישט־געוואַשענעם געשיר, זיך אַנט־

שולדיקט, אָנווייזנדיק אויף דער אומאָרדענונג. זי איז געלעגן אין בעט, פילט זיך נישט גוט היינט.

זי האָט גערעדט גיך, מיטן זינגענדיקן אַקצענט, אַוועק אין אַ ווינקל, זיך פאַרריכט די האָר.

— גרייטן אַ מאָטע? — האָט געפרעגט דער מאַן.

— ניין, ניין, איך קען נישט, די לעבער... — האָב איך גיך געענטפערט. געקוקט אויף זיי, און מיט פאַרגנבעטע בליקן אויף דער אָרעמקייט אין שטוב: אַן אַלט בעט פון בראָנדז און נאָך צוויי שמאָלע בעטן קעגן איבער, ביי די ווענט. אַ טיש מיט עטלעכע בענקלעך, אַן אַלמער, אַ קרעדענץ — אַלץ אין ענגשאַפט. ווי שטענדיק, וועט מאַרטאַ באַלד אַרויס מיט אַ מענה־לשון, מיט טענות צו דער משפחה, צו דער וועלט, נאָר נישט צו זיך...

כ׳האָב זי געפרעגט וועגן די קינדער. זי האָט אויפגעלעבט, מיר דערציילט, אַז ביידע אַרבעטן און אַז דער זון אַרבעט און לערנט זיך אויף אָוונטקורסן. „ער האָט ליב צו שטודירן, ווי אַ מאָל זיין מאַמע" — האָט זי געזיפצט. — „און מיין טעכטערל... ברענגט ווייניק אַהיים פון די פאַרדינסטן. דו ווייסט דאָך, היינטיקע מייד־לעך... עס איז קנאַפּ צו לעבן פון די קינדערס פאַרדינסטן. קאַרלאָס קען נאָך דערווייל נישט באַקומען קיין אַרבעט, געווען שטרייקן. אַלץ איז טייער, איך וועל מוזן גיין אַרבעטן".

באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, אַ צעשטרייטע, זי האָט נישט קיין כּיבוד. געשושקעט זיך מיטן מאַן. כ׳האָב געעפנט מיין פּעקעלע. זי האָט עס צוגענומען האַלב פאַרשעמט און באַלד איז געשטאַנען כּיבוד אויפן טיש.

— די לעבער ביי דיר? האָסט צו טאָן מיט דאָקטוירים... וויפל האָט מיר געפעלט צו ווערן אַ דאָקטאָר?... די שוועסטער, די ברי־דער, אַלע פון דער ווייטנס. גבירים. עס פּאַסט זיי נישט די אָרעמע

שוועסטער. אַוודאי, איך בין צו ווייניק געלערנט פאַר די איגנאָ־ראַנטן... מיין קאַרלאָס איז בעסער פאַר זיי. די צייט זייערע פאַר־טאַכלעווען זיי אין קאָרטן־שפּילן. האָבן טענות צו מיר: געדאַרפט דאָס טאָן, יענץ טאָן, ענדיקן לערנען... זיי אַרט, וואָס כ׳האָב נישט חתונה געהאַט מיט אַ גביר.

מאַרטאַ האָט גערעדט און גערעדט, אָן אויפהער. דעם אמת אָבער דערציילט זי נישט.

כ׳האָב געוווּסט אַז זי מיט קאַרלאָסן זענען זיך פרעמד. איינער פאַרשטייט נישט, וואָס עס יוירט ביים צווייטן. אין אָנהייב האָט ער זי גענומען מיט זיין פשוטער חייהשקייט, וואָס האָט גערייצט אירע בלוטן. שפּעטער אָבער האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרטיפט דער תהום צווישן זיי.

בשעת מאַרטאַ רעדט, שמייכלט ער, קאַרלאָס. ער קוקט מיט דרך־ארץ אויף זיין אינטעליגענט ווייב. זי האָט אָבער אַ שווער לעבן מיט אים, ער קען זי אַפילו נישט מפרנס זיין.

קאַרלאָס האָט, ווייזט אויס, געוואָלט זיך באַווייזן פאַר מיר, האָט ער אָנגעהויבן מיט פּאָליטיק: „די רעאַקציאָנערן, אַלץ זיי, זיי שטייען ביי דער מאַכט, אין לאַנד איז קאָרופּציע... די אַרבעטערס אין אַ שווערן מצב, די קאָמוניסטן פאַרפאָלגט מען, שווער אים צו באַקומען אַ פּאַסיקע אַרבעט, שלעכטע באַדינגונגען, און געווען איז ער אַ מאָל אַ גאַנצער אָנפירער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי״.

מאַרטאַ איז אים אַריין אין די רייד, געקנייטשט דעם שטערן, צונויפגעצויגן די געדיכטע ברעמען:

— נו, נעכטיקע טעג, מיר זענען געווען...

דאָס וואָס זי האָט זיך גענומען פאַר אַ מאַן אַ נישט־ייד איז נישט געווען קיין חטא ביי דער משפחה. זיי האָבן איר נישט גע־

קענט מוחל זיין, פאַר וואָס אַ פּשוטן אַרבעטער, וואָס קען איר נישט געבן קיין באַקוועם לעבן.

מאַרטאַס שוועסטער האָט מיר דערציילט, אַז ווען זיי קריגן זיך רופט ער זי „רוסאַ", מיט אַ מיאוס וואָרט אַלס צולאָג.

ס'איז געקומען מיין ריי. כ'האָב אָנגעהויבן דערציילן:

— מאַריאַ האָט חתונה געהאַט, געווען אַ קורצע צערעמאָניע, אַ שטילע חתונה.

— אַה, — איז מיר מאַרטאַ געפאַלן אויפן האַלדז — פעלי־סידאַדעס! (גליקוואונטשן) מיט וועמען האָט ער חתונה געהאַט?

— אַ שפּאַניאָלקע, נישט קיין יידישע.

קאַרלאָס האָט זיך צעשטראַלט. מאַרטאַ האָט זיך לייכט פאַר־קרימט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אַזוי גאָר? די פון שפּאַניע זענען פרומע קאַטאָליקן, נישט אַזוי?

— עס איז אַזוי, — האָב איך צוגעגעבן מיט אַ נאַטירלעכן טאָן.

— כאָטש ציוויל בלויז? — האָט מאַרטאַ שטיל צוגעגעבן.

— אַפילו נישט ציוויל...

מאַרטאַ האָט זיך ווידער פאַרקרימט. קאַרלאָס האָט מיך פאַרשנ־דיק אָנגעקוקט.

די קלוגע מאַרטאַ האָט באַמערקט מיין געמיט־צושטאַנד, זי האָט שוין מער נישט געפרעגט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

מיר האָבן געשוויגן. איך האָב זיך אויפגעהויבן, מיר האָבן זיך וואַרעם געזעגנט.

איך דערמאָן זיך איצט: ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל געהערט אַז מאַרטאַס מאַן איז נישט קיין ייד האָט עס דעמאָלט ביי מיר נישט געהאַט אַרויסגערופן קיין רעאַקציע.

מיר איז נישט אויסגעקומען האָבן קיין נעענטערע פאַרבינדונג מיט יידן, טאָ פאַר וואָס האָט עס מיך דערשיטערט, ווען מאַריאָ האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין?

מאַרטאַ האָט זיך נישט געשמדט, נישט געגאַנגען אין קירך. איר חתונה איז געווען אַ ציווילע, אירע קינדער זענען נישט געשמדט. זיי זענען טאַקע נישט־אַהין, נישט־אַהער. זיי קענען זיך פאַרוואַנדלען, ביי אַ געלעגנהייט, אין יידן־שונאים, און פאַרקערט, זיך דערנענטערן צום יידישן שטאַם. איך גלייב נישט, אַז מאַרטאַ טוט עפּעס פאַר אַ דערנענטערונג. איך בין אויך נישט געווען אַנדערש.

איצט אָבער טראַכט איך גאָר אַנדערש ווי פריִער. איך ווייס וועגן יידישע פּראָבלעמען פון די צייטונגען „לאַ נאַסיאָן" און „לאַ פּרענסאַ", זיי רעדן מיט סימפּאַטיע וועגן ישׂראל.

פאַראַן דאָ אַ שפּרודלדיק יידיש לעבן אין די קוואַרטאַלן באַוווינטע פון יידן. ביז איצט האָב איך נישט געהאַט מיט זיי קיין נאָענטע באַציִונגען. ביי מיין אַרבעט האָב איך זיך באַפריינדעט מיט אַן איטאַליענערין, אַן אַלטע בתולה, און אַן ענגלענדערין, אַן אַלמנה. מיר פאַרברענגען אַ מאָל צוזאַמען, באַרגן זיך ביכער, פאַרטרויען איינע דער אַנדערער פּערזענלעכע סודות. איך האָב זיי דערציילט וועגן מאַריאָס חתונה (וועגן מיין פאַרדראָס אויף זיין שמד האָב איך פאַרשוויגן). זיי האָבן געשיינט. וואָס מיין זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאַטוילערין איז זיי גראַד געפעלן, בין אַפילו אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן, געוואָרן חשובער.

זייער פרייד האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ טראַציקייט. כ'האָב זיי דערציילט וועגן זשאַנען, שאַרף רעאַגירט ווען זיי האָבן גערעדט קעגן ישׂראל אָדער לטובת די אַראַבער.

איך בין נישט קיין פּאָליטיקערין, מיר איז ליבער צו רעדן וועגן אַ בוך, טעאַטער־פאָרשטעלונג, אָבער צוליב זשאַנען איז מיר דער ענין ישׂראל געוואָרן נאָענט.

נעכטן, ווען מיר זענען צוזאַמען אַרויס פון דער אַרבעט און זיך פאַרקערעוועט אין געסל אַריין, צו נעמען דעם אויטאָ, האָבן אונדזערע בליקן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ריזיקן אויפשריפט אויף דער וואַנט, געשמירט מיט שוואַרצער סמאָלע:

„ראַטעווע דאָס פאָטערלאַנד, הרגע אַ ייד".

עס האָט מיר געגעבן אַ שטויס אין האַרצן. זיי האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן עס נישט. איך האָב צום ערשטן מאָל דערפילט צו זיי אַ ווידערווילן.

אַ סך מאָל האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע און ענלעכע אויפשריפטן. איצט אָבער האָט עס מיך אויפגערעגט מער ווי אַלע מאָל. פריִער, אין אַזעלכע פאַלן, פלעג איך טראַכטן: „אין אַלץ איז שולדיק די רעאַקציע", אָדער: „אַז ס׳וועט קומען די צייט און דער סאָציאַליזם וועט זיגן..."

11

כ׳האָב שוין געזאָגט מאַריאַן, אַז כ׳וויל אַהין ווו זשאַן איז.

ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט, מיך אָנגעקוקט, ווי כ׳וואָלט אַראָפּ פון זינען.

איך בין געווען רויִק און ערנסט, געהאַלטן אין האַנט דאָס העברעיִשע בוך, וואָס כ׳האָב מיר געקויפט, כדי אָנצוהייבן זיך לערנען די שפּראַך.

ער האָט געקוקט אויפן בוך, אויף די פרעמדע אים אותיות, זיי זענען אים לגמרי אומבאַקאַנט. ער קוקט אויף מיר, און ווידער אויף

די פּירקאַנטיקע אותיות. ער ווייסט אָבער צו וועלכן פאָלק זיי געהערן. זיינע בליקן נעמען מיך אַדורך, ווי ער וואָלט דערזען אַ בייז ווונדער.

ניין, משוגע זע איך נישט אויס אין זיינע אויגן, ער זעט דאָך מיין רויִקן בליק, ער איז דאָך אַ דאָקטער...

— מאַמע, וואָס איז דיר, עס פעלט דיר דאָ עפּעס?

— ניין, מיין קינד, עס פעלט מיר דאָ גאָרנישט. איך בין גליקלעך ווען איך זע דיך. ס׳טוט מיר וויי, וואָס איך דאַרף זיך מיט דיר שיידן, אָבער... מיך לאָקט אַהין, אין לאַנד ווו זשאַן איז.

מאַריאָ האָט געדרייט מיטן קאָפּ, געצויגן מיט די אַקסלען:

— צוליב חואַנען, זייט זיין בריוו האָט זיך אַלץ ביי דיר געענדערט. ווי אַזוי קען אַ בריוו פון חואַנען פאַרדרייען אַ מענטשן דעם קאָפּ?

צוליב זשאַנס בריוו? איך האָב נישט רעאַגירט אויף זיין פאַרוווּרף, אויך נישט מודה געווען, אַז זיין שמד האָט מיך אויפגערודערט, דערצו נאָך די שנור. און מיין איינזאַמקייט, — אַלץ צוזאַמען, אָבער טאַקע קודם־כל זשאַנס בריוו, איך האָב געענטפערט:

— אמת, צוליב זשאַנען. זינט זיין בריוו, האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט מיין יידישקייט, פון וועלכער כ׳האָב מיין גאַנץ לעבן געפּרוווט אַנטלויפן.

מאַריאָ האָט פאַרדעקט זיין פּנים מיטביידע הענט און נאָך אַ פיינלעך שווייגן געזאָגט מיט געמאַכטער רויִקייט:

— דו דאַרפסט וואַרטן, מאַמע, איַיל זיך נישט, ער וועט זיכער צוריקקומען.

— זיי נישט אַזוי זיכער, ער האָט אַ שטאַרקן ווילן, ער איז אַן עקשן.

— מאַמע, כ׳ווייס נישט וואָס כ׳זאָל דיר ענטפערן דערויף. איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן מיט דיר אין וויכּוחים. אָבער שפּאַר זיך נישט איין, יעדן טאָג ברענגען די צייטונגען „נייעס” פון דאָרטן, זיי זאָגן נישט אָן קיין גוטס... ס׳פעלט דיר אויס? ווייניק ביסטו אַדורכגעגאַנגען?.. איך וועל שרייבן צו חואַנען, זיך דערוויסן ווי עס האַלט ביי אים. ער דאַרף עס נעמען ערנסט — צוליב דיר! איך בין זיכער, אַז ס׳איז בלויז אַן אַוואַנטורע ביי אים.

אַדרבא, שרייב צו דיין ברודער, אַדרבא! איך ווייס אָבער, אַז ס׳איז נישט ביי אים קיין אַוואַנטורע. זשאַן האָט זיך אָנגעטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט אַן אַנדערע וועלט. איך זע עס פון זיינע בריוו. און איך וויל אַהין פאָרן נישט בלויז צוליב מיין זון. איך טו אַזוי ווי די געפילן פון חרטה און מיין געוויסן זאָגן מיר אונטער.

— מאַמע, כ׳וויל דיר נישט אָקעגנרעדן. איך גלייב, אַז כ׳האָב זיך תּמיד גוט באַנומען צו דיר. דו אַליין האָסט דאָך מיך געלערנט זיין אַזוי ווי איך בין! איך בין שוין דאָ יאָרן, דאָ האָב איך זיך געלערנט, איך פיל זיך אַלס אַרגענטינער, כ׳האָב עס דיר שוין געזאָגט ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, לאָמיר עס נישט איבערחזרן. און דו, מאַמע, גיב נישט קיין פּריצייטיקע ענטפערס וועגן חואַנען, וואַרט צו. — מאַריאַ האָט עס געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם כּעס און געבליבן זיצן אַן אַנגעכמאַרעטער.

איזאַבעל איז אָנגעקומען פון גאַס, זי האָט זיך באַגריסט מיט מיר. באַמערקט מאַריאָס אויפגערעגטן פּנים און געפרעגט אים:

— וואָס איז דיר?

— גאָרנישט, קאַפּווייטיק. — האָט ער געענטפערט מיט אַ פאַר־ביסן מויל.

12

איך לערן זיך העברעיִש אין אַן אינסטיטוט, וואָס הייסט „אולפּן״. כ׳פּיל זיך מונטער. יעדן אָוונט פאָר איך מיט אַ פריידיק געפיל אויף דער גאַס פּאַראַגוואַי. דאָרט טרעף איך פּראָפעסיאָנאַלן פון יעדן עלטער, אַ סך יוגנטלעכע, זיי גרייטן זיך פאָרן קיין ישׂראל. איך ווער אַ סך געוווירר ווען דעם לאַנד, נעם זיך אָן פון זיי מיט ענטוזיאַזם.

דער עיקר: מיינע פאַרשריטן אין לערנען — כ׳בין אַ גוטע שילערין.

פון זשאַנען געקומען אַ תשובה. ער רופט מיך צו זיך, ער שרייבט:

„קום, מיין ליב מאַמעלע, וועסט דאָ קענען אַרבעטן ווו דו וועסט וועלן, אין שטאָט צי אין קיבוץ. איך אַרבעט דאָ אַלס גערטנער אין קיבוץ, איך וועל זיך באַמיִען, אַז צו דיין אָנקום זאָלן זיין אויסגעשפּרייט פאַר דיר גרינע טעפּעכער. וועסט דאָ האָבן אַ סך גאָלד, גאָלד פון דער זון (דווקא געלט באַקומען מיר בצימצום, אָבער נישט וויכטיק, מיר קומען אויס). אויך פרוכט וועסטו עסן פון אונדזער אייגענעם סאָד, — דיין זונס פּראַצע. גרינע פּאַלמען און בלומענבייטן וועסטו האָבן לעבן דיין שטוב — כ׳ווייס, אַז מיין ראָמאַנטישע מאַמע האָט עס ליב. בחורות דאָ פּאַראַן, אין שטאָט עלעגאַנטע, ווי אין פּאַריז און בוענאָס־איירעס, און אין קיבוץ — זאָפטיקע, ווי פרוכט. איך וועל דיר ברענגען אין שטוב אַריין אַ בחורה און דיר זאָגן: — מאַמע, דאָס איז מיין כּלה!..״

איי, מיין זשאַן! אַזוי שפּילעוודיק ווי ער רעדט, אַזוי שרייבט ער. אַז ער צעלאָזט זיך... מיר געשילדערט אַ גאַנצע אידיליע.

ווי רויִק און זעלבסטזיכער ער איז. דער עיקר: ער איילט מיך צו, כ׳זאָל קומען, ער וואַרט אויף מיר מיט בענקשאַפט און ליב־שאַפט. — אַזוי שרייבט ער. וואָס נאָך וויל אַ מאַמע?

איצט פיל איך, ווי כ׳וואָלט שוין מער נישט אָנגעהערט צו דעם פרעמדן אַרום.

מאַריאַ האָט געלייענטביידע בריוו, צו מיר און צו אים. ער רעדט שוין גאָרנישט, ער איז איצט פאַרנומען מיט זיך. איזאַבעלליידט פון מיחושן, זי איז שוואַנגער.

כ׳וואָלט שוין וועלן וואָס גיכער אַנטלויפן, נישט זיין דערביי, ווי מען וועט נעמען מיין ערשט אייניקל אין קירך אַריין, צום שמד.

מאַריאַ האָט אַ פיינעם אויטאָ, זי פאָרן אָפט אַרויס. איזאַבעל האָט אויפגעהערט אַרבעטן.

איך טראַכט וועגן אונדזער צעשיידונג, עס טוט מיר וויי. דער־פאַר באַמי איך זיך צו זיין אָפטער ביי זיי. אומזיסט אָבער מיין מי, זיי זענען פאַרנומען מיט זיך.

13

זיי זענען יונג.

צוריק צו בראשית. וואַליזעס, פעק און וואַנדערוועג.

כ׳וועל איבערגעבן דעם שליסל פון מיין שטוב און זיך אָפּ־טרייסלען, אָפּשיידן פון אַלץ וואָס הינטער די פאַרשלאָסענע טירן און צווישן די מויערן־ווענט; פון די גאַסן און געסלעך ווו מיינע טריט האָבן געטראָטן. ס׳וועט דאָ פון מיר קיין זכר נישט בלייבן. מיין שווייס, מיינע הענט האָבן דאָ אפשר יאָ צייכנס איבערגעלאָזן. עס וועלן אָבער קומען אַנדערע אויף מיין אָרט, און אַלץ וועט

אַנגיין ווייטער, אָן מיר. מיך אַרט עס נישט. ס׳איז נישט מיינס, כ׳בין דאָ געווען ווי אַ זאַמדעלע, פון אַ שטורעם פאַרטראָגן אַהער.

געקומען די צייט צו געזעגענען זיך מיט מיינע קרובים, דער־פילן אַ חוב. קודם־כּל — צו מאַרטאַן. כ׳האָב זי ליב און האָב אויף איר רחמנות. זי אַרבעט שוין אין אַ פאַבריק. פאַר וואָס דווקא אין אַ פאַבריק, מיט איר אוניווערסיטעט־בילדונג? כ׳וויל איר העלפן, גיין צו איר שוועסטער, אַפּעלירן צו איר געוויסן, צו אירע משפּחה־געפילן, זי זאָל העלפן איר שוועסטער.

אידאַ איז געווען אין שטוב, ווען איך בין אַריינגעקומען. אַ לוקסוס־וווינונג, רייך מעבלירט, כאָטש צו פיל אָנגעשטעלט, צו שרייעדיק. זי האָט זיך דערפריידט מיט מיר. צוגעפירט מיך צו דער סאָפע, לעבן אַ טיש געדעקט מיט כּיבוד און נאַשוואַרג.

אידאַס גרוי־בלויע אויגן קוקן מילד, דאָס פּנים רונד און גלאַט, דער גוף פאַררונדיקט, אויסגעפּילט, אַ ביסעלע צו פיל אויסגעפּילט.

היינט וואַרטן זיי אויף געסט, עס איז היינט די ריי צו שפּילן קאָרטן ביי זיי.

— מיין אָסקאַר איז תּמיד פאַרקאָפּעט מיט דער פאַבריק: סוח־רים, אַרבעטערס, דאגות. די זין זענען אַוועקגעפאָרן אין מאַר דעל פּלאַטאַ (אָפּרו־שטאָט), אין קאַסינאָ, בלויז די טאָכטער איז אין שטוב. איך האָב ליב מענטשן, איך בין טאַקע תּמיד אַרומגערינגלט מיט מענטשן. מען קומט צו מיר גערן שפּילן קאָרטן. מען זאָגט נישט אויף מיר, אַז כ׳בין אַ שלעכטע — האָט זי זיך צעלאַכט, מעשׂה וויץ.

אידאַ האָט פון תּמיד ליב צו רעדן וועגן יענעמס חסרונות און אייגענע מעלות, וועגן רעצעפּטן אויף פּאַטראַוועס און געבעקס. געסט האָבן הנאה פון איר כּיבוד און איר וואַרעם שמייכל...

אָסקאַר, איר מאַן, איז אַ מעבל־פֿאַבריקאַנט, מאַכט גוטע געשעפֿטן. מען שמועסט, זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ קאַפּיטאַל, אויסער הייזער, וואָס זיי פֿאַרמאָגן.

כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז זיינע קרובים קומען צו אים, ווען זיי זענען אין אַ צרה, דאַרפֿן צאָלן אַ וועקסל... אידאַ הערט זיי אויס מיט פֿייכטע אויגן, פֿון מיטלייד, איז גרייט צו טרייסטן, אָבער נישט מער. ביי דעם בלייבט עס, זי ווירקט אויף אָסקאַרן, אַז ער זאָל נישט באָרגן...

— וואָס באַווייזסטו זיך נישט? כ׳בין קראַנק געווען, אַן אָפּעראַציע, נישט די ערשטע ביי מיר. פֿאַרדראָס צוליב די זין... דו ווייסט דאָך, יינגלעך — פֿאַרברענגען, שפּילן אין קאַסינאָ, פֿאַרשפּילן. אָסקאַר תמיד פֿאַרנומען. איך האָב רעוומאַטישע ווייטיקן. דער מאָגן. וואָס דען נישט?.. צווישן אונדז געשמועסט, כ׳בין שוין נאָך די פֿופֿציק, — האָט זי מיר דאָס לעצטע געשעפּטשעט שטיל, ווי עמעצער וואָלט געשטאַנען דערביי און זי וויל נישט ער זאָל הערן איר ווידוי.

אָסקאַר איז אָנגעקומען און זיך פֿריינדלעך צעשמייכלט.

ער האָט מיך אויסגעפֿרעגט וועגן מיין לעבן, וועגן מיינע זין. עס איז אים געפֿעלן וואָס זשאַן איז אין ישׂראל. ווען כ׳האָב אים דערציילט, אַז מאַריאָ האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. וועגן זיין שמד האָב איך ווידער פֿאַרשוויגן.

איך ווייס, אַז מיינע קרובים קוקן קרום אויף מיר, ווייל כ׳האָב זיי נישט געבעטן אויף מיין זונס חתונה. אַז מיך האָט מען אויך נישט געבעטן קען איך דאָך נישט דערציילן...

אָסקאַר האָט אַ יידישן אויסזען, יידישן אַקצענט, און זיינע ברוינע אויגן קוקן וואַרעם אויף מיר:

— טאַקע קיין ישׂראל פאָרסטו? פיין! איך וועל מיר אויך מאַכן בקרוב אַ רייזע אַהין, אַ שפּאַציר.

אידאַ איז צוגעקומען מיט אַ פאַרקרימט פּנים, זי האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן פאַרן מאַן, אַז זי פילט זיך היינט שלעכט און געוויזן אויף די געגרייטע טישלעך.

— זעסט, פון דעסטוועגן... נאָך צוגעגרייט אַלץ, כ׳בין שטאַרק, אַז כ׳האַלט אויס.

— שוין, שוין, דו הייבסט שוין אָן? האָסט באַדאַרפט עס אָפּ־רופן, עס וואָלט נישט געשאַדט.

— אָפּרופן? ניין, נישט ביי מיר.

אידאַ האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם דערפאָלג פון אירע מאכלים ביי אירע געסט, און אָסקאַר האָט געשאָקלט גוטמוטיק מיטן קאָפּ:

— ווייבערשע דאגות, הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן.

אידאַ האָט תמיד ליב געהאַט צו עסן. פון איר האָט מען גאָר־נישט דערוואַרט ביי מיין פעטער אין שטוב. עסן און שלאָפן, פויל געווען תמיד. איצט האָט זי זאַטקייט, עשירות. און איר געראָטענע שוועסטער מאַרטאַ... כ׳וועל רעדן וועגן מאַרטאַן, אפשר וועט זיך אַ ריר טאָן דאָס טעמפּע שטיק...

זייער טאָכטער איז אַריינגעקומען פון איר צימער, אַ העל־אויגיקע, ווי די מאַמע. אין אַ קורץ קליידל מיט אונטערגעשמירטע אויגן האָט זי אויסגעזען ווי אַ שיין קעצעלע.

זי האָט גענומען צום מויל פון צוגעגרייטן נאַשוואַרג, דערנאָך האָט זי זיך ערשט באַגריסט מיט מיר. זיך נישט דערמאָנט ווער איך בין, זיך געזעצט אין אַ ליגשטול ביי דער שוועל פון באַלקאָן און זיך געוויגט. די מוטער האָט געקוקט מיט נחת אויף איר.

— נו, וואָס זאָגסטו צו מיין מיזינקע? שוין אַ כלה־מיידל.

— טאַקע, אויסגעוואַקסן.

— מאַמאַ, הער אויף מיט דיין „כלה־מיידל״. דווקא וועל איך נישט חתונה האָבן, ווען דו וועסט וועלן.

— וועסט חתונה האָבן ווען דו וועסט וועלן, זאָל זיין אַזוי.

ביידע, מאַמע און טאָכטער האָבן געשמייכלט צו זיך.

— נאָראַ איז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — האָט אָסקאַר געזאָגט.

— אַזוי גאָר? — האָב איך זיך פאַרוווּנדערט.

— די קוזינע פאָרט קיין ישׂראל, — האָט דער פאָטער איר געוויזן אויף מיר. נאָראַ האָט אויפגעשיינט, צוגערוקט דעם ליגשטול צו מיר, מיר אָנגעהויבן דערציילן אַז זי וויל אויך פאָרן, ווען אומבאַדינגט פאָרן.

— אַלץ דער טאַטע, דער טאַטע איז שולדיק אין אַלץ. פאַר־שטאָפּט איר דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטן — האָט זיך אידאַ באַ־קלאָגט.

— איך טראַכט מיט מיין אייגענעם קאָפּ, מאַמיטאַ, און מיין פּאַפּיטאָ איז גערעכט, דו רעדסט ווי אַ גויע, דו ביסט אויך אין דיין פירונג ווי אַ גויע.

איך האָב געגאַפט, זיך נישט געריכט דערויף.

— וואָס מען שטייט אויס פון קינדער... די זיין לעבן אַ גוטן טאָג און זי, ווידער, געוואָרן ניינצן יאָר, צייט צו טראַכטן וועגן חתונה האָבן, נישט בחינם מיינע ווייטיקן. ער גיט אַ סך געלט פאַר ישׂראל, ער זאָגט עס איז אַ חוב. מילא, מען קען זיך נישט תמיד אַרומרייסן. ער אַרבעט אויפן געלט, נישט איך, אָבער פאָרן?.. זי האָט געבראָכן די הענט.

— מאַמאַ, רעד נישט אַזוי, סוסאַנאַ פאָרט אויך.

— מיך אַרט נישט יענעמס מיינונגען, מיך אַרט מיין טאָכטער,
— האָט זי שוין געזאָגט אַן אָנגעברוגזטע — נאָכגעגעבן איר אַלץ, צעפּיעשטשעט, איצט וויל זי אַנטלויפן.

— אידאַ, אפשר וויל סוסאַנאַ עפּעס טרינקען? — האָט זי דער מאַן שאַרף אָנגעקוקט. אידאַ האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אוי, כ׳בין היינט צעטראָגן, מיר זאָל עס פּאַסירן כ׳זאָל פאַרגעסן... זי איז אַריין אין קיך און צוריקגעקומען מיט אַ פולער טאַץ מיט גלעזער, קוכנס און סאַנדוויטשן. איצט איז געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט צו רעדן וועגן מאַרטאַן.

— איר׳ט שוין געזען מאַרטאַן? זיי זענען געקומען ווינען אין שטאָט — האָב איך אָנגעהויבן.

— זי האָט טעלעפאָנירט צו אונדז, אַז זי וווינט אין שטאָט. — האָט אַן חשק געענטפערט אידאַ.

— איר האָט זיך נישט געטראָפן?

אידאַ האָט געצויגן מיט די פּלייצעס.

— אַז זי וועט קומען וועל איך זי נישט אַרויסוואַרפן. איך וואַרף קיינעם נישט אַרויס.

דער ביסן וואָס כ׳האָב געהאַלטן אין מויל האָט מיך אָנגעהויבן וואַרגן.

— מאַמאַ, זי איז דיין שוועסטער.

— עס איז אַ סך צו רעדן...

אָסקאַר האָט זי בייז אָנגעקוקט.

— דיין שוועסטער איז עס, מאַרטאַ האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן.

— קיינער האָט זי נישט געשטויסן צו איר צושטאַנד.

— ווייל איר מאַן איז נישט קיין ייד, ווילסטו זי נישט זען?

— דאָס אַרט מיך נישט, מיינעטוועגן קען ער זיין אַ קריסט, אָבער עפּעס דאַרט אַ נאַרישער, אָרעמער קאָמוניסט, וואָס האָט זי געזען אין אים? די קלוגע, געלערנטע האָט זיך באַנאַרישט.

— אַלטע מעשׂיות... איך בין אויך נישט געווען קיין גביר, אַן אָרעמער סטאָליאַר — האָט אָסקאַר געברומט.

— דו ביסט פון אַ רייכער שטוב, מאַמאַ?

— נישט פון קיין רייכער שטוב, אָבער... וואָס מישסטו זיך אַריין דאָ?

איך האָב דערפילט אַ ווידערווילן צו אידאַן. די רייכקייט האָט זי נישט אויסגעשליפן, זי איז געבליבן ווי געווען. אַוודאי, די קלוגע און געראָטענע שוועסטער האָט זיך באַנאַרישט, און זי, די נישט־געראָטענע... כ׳האָב מיט צוגעקליבענע ווערטער געפּרוווט אויף איר ווירקן, אַז זי זאָל זיך דערנענטערן צו דער שוועסטער. געטראַכט דערביי, אַז סיי ווי ווער שוין קיין דערנענטערונג נישט זיין, מסתּמא האָבן זיי זיך קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען.

פאַר מיין אַוועקגיין האָט מיר אידאַ געזאָגט, אַז אויב כ׳וועל זען איר שוועסטער זאָל איך איר זאָגן, אַז זי זאָל קומען. זי וואַרט אויף איר וויזיט. כ׳האָב זיי צוגעזאָגט נאָך אַ מאָל קומען. אָסקאַר האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען צו דער שיף מיך באַגלייטן.

14

פאַרבליבן אַ חודש ביז מיין אָפּפאָר.

געמוזט פּריצייטיק איבערגעבן די דירה. וווינען אין אַ האָטעל איז צו טייער פאַר מיר. מאַריאַ האָט מיך געבעטן זיין ביי אים. מיט אַ שווער געמיט בין איך מסכּים געווען. מיינע אָפּשפּאָרונגען

זענען אַוועק אויף איינאָרדענען אים אַ קאַבינעט. אויף דער רייזע קיין ישׂראל וועט מיר קלעקן דאָס שליסלגעלט פאַר דער דירה.

די געגנט „בעלגראַנאָ" וווּ מאַריאַ וווינט איז אַ פּרעכטיקע. אַרום דער שטוב געדיכטע ביימער, עס איז דאָ רויִק. בלויז די אויטאָס וואָס רעשן אין אַ שכנותדיקער גאַס דערמאָנען אין דער שטאָט.

פאַר דער צייט, וואָס איך בין ביי מאַריאַן איז געווען ביי מיר אַ האָפענונג צו פאַרבעסערן די באַציִונגען צווישן מיר און מיין שנור. עס איז אָבער נישט געשען. הינטער דעם צודעק פון העפ־לעכקייט האָב איך געפילט איר פיינטשאַפט צו מיר.

כ'וויל אויספוצן די שטוב, העלף איר, זי וואַרפט אָבער אָפּ מיינע באַמיִונגען מיט ביטול און גרינגשעצונג. מיינע רייד גיט זי אַ קאַפּויערדיקע אויסטייטשונג, זי ציילעמט זיך אָפּט און רופט צו הילף יעזוסן און די הייליקע מאַריאַ. איך בין מיד פונעם פאַר־ענטפערן זיך, אַז כ'בין גאָרנישט אויסן. כ'בין געצוווּנגען יעדן וואָרט צו קאָנטראָלירן פריִער אין מיין מוח, איידער כ'ברענג אים אַרויס. באַמי זיך גאָר וויניק צו רעדן. איך טו כמעט אַלץ אין דער שטוב, קיין פאַרשטענדעניש איז אָבער צווישן אונדז נישטאָ.

איך קוק אויף איר מיט פאַרגעבונג. זי וועט ווערן אַ מאַמע וועט זי מיך אפשר פאַרשטיין. זי האָט זיך אַפילו שוין פאַרענטפערט פאַר מיר, אַז זי איז נערוועז, דער צושטאַנד... עס וועט איבערגיין, האָב איך זי געטרייסט.

ווען מאַריאַ קומט אַהיים, אָטעמען מיר ביידע אָפּ, ווי נאָך אַן אָנטשפּאַנונג. מיט מיין אָפּפאָרן וועט קומען אַ סוף צו אונדזערע אָנגעשטרענגטע באַציִונגען.

ווייסט כאָטש מאַריאַ וועגן דער פיינטשאַפט פון זיין פרוי צו מיר? נישט אין גאַנצן. מסתמא גיט זי אים אָן סיבות, תירוצים.

ווען זיי זענען צוזאַמען רוק איך זיך אָפּ.

דווקא מיינע לעצטע וואָכן פון זיין אין אַרגענטינע זענען גע־וואָרן פאַרשאָטנט פון דאַרפן זיין ביי מאַריאַן אין שטוב.

איזאַבעלס עלטערן קומען ווען כ'בין אויף דער לעקציע. עס טרעפט, כ'קום אַהיים, געפין איך סימנים פון זייער באַזוך.

די לעצטע טעג איז איזאַבעל געוואָרן צוגעלאָזענער, פריינד־לעכער. איך קוק אָן אויפהער אויף מאַריאַן, וויל זיך אָנזעטיקן, שטאַרק זיך, נישט צו וויינען. וויין באַהאַלטענערהייט, אין די נעכט.

צום צווייטן מאָל, זייט ער איז געבוירן געוואָרן שיידט ער זיך אָפּ פון מיר, מאַריאַ. ער האָט איינגעאָרדנט אַ געזעגענונג מיט זיין פרויס עלטערן. מיט מתנות זענען זיי געקומען, מיך העפלעך גע־בעטן צו זיך. כ'האָב זיי באַדאַנקט און זיך העפלעך אָנטזאָגט:

„צוליב מאַנגל אין צייט"...

ליב איז מיר דאָס לאַנד אַרגענטינע, עס איז אַ פריי לאַנד. דאָך... ציט מיך אַהין, אין מיין אייגן לאַנד.

זיי האָבן מיך באַגלייט צו דער שיף — מאַריאַ מיט ליבשאַפט און פאַרדראָס, איזאַבעל העפלעך און קאָרעקט.

אויף מאַריאַס אַקסלען האָב איך פאַרגאָסן טרערן, געפילט זיך צעבראָכן און גלייכצייטיק אויסגעלייזט, באַפרייט.

ב

גרינע חלומות

1

אַ בלאָער הימל, אַ צעשיינטער טאָג, בלומענבייטן ביי די שטובן, גרינע אַלעען און קינדערלעך ביי זייערע הוידלקעס האָבן מיר לייכט געמאַכט מיינע טריט, ווי כ'וואָלט געשפּרייזט אויף גרינע אויסגעשפּרייטע טעפּעכער, ביי דער זייט פון מיין זון, ווען איך בין אָנגעקומען אין קיבוץ.

מיט ליבשאַפט און געפיל נעם איך נאָך אַ מאָל מיין באַבערדלטן זון אין מיינע אָרעמס, קוק אים אָן, מיין אויסגעבענקטן זון זשאַן.

דאָ הייסט ער חנן.

פון זיין פאַרברוינטן פּנים, באַדעקט מיט אַ טונקל־בלאָנדער באָרד שמייכלען אַרויס צו מיר זיינע אויגן, זיי קוקן צו מיר מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט.

אין זיין צימער אויפן טיש — אַ וואַזאָן מיט פרישע בלומען, אַ טאַץ מיט עסן, אַ קוכן — דאָס האָבן פאַר אונדז צוגעגרייט זיינע חברים.

אין צימער: צוויי בעטן, אַ טיש, עטלעכע בענקלעך, אַ פּאָליצע מיט ביכער, אַ בילד.

חנן וווינט מיט אַ חבר, איך האָב אויך באַקומען אַזאַ דירה — האָט ער מיר געזאָגט.

איך ענטפער אויף פּראַגעס, וועגן מאַריאַן, זיין פרוי, וועגן פריינד.

איך קוק ווידער אַרויס צום צעגרינטן אַרום. עס קומט מיר אַ געדאַנק: וועל איך זיך דאָ איינלעבן? וועט דאָ דער קיבוץ זיין פאַר מיר אַ היים?

צי קען דען זיין אַנדערש? אין מיין חלום בין איך שוין דאָ געווען. ס׳איז דער חלום פון גרינע בלעטער, וועלכע מיין חנן האָט אונטער מיינע פיס געשפּרייט.

אין נישט־פאַרשריבענעם בוך פון מיין לעבן האָב איך אַ סך בלעטער געהאַט, פון אַלערליי קאָלירן: ווייסע, ראָזע, גרינע, גרויע, נישט פאַרשריבענע... איצט וועל איך דאָ מיין טאָגבוך שרייבן אויף גרינע בלעטער, בלעטער פון באַנייונג.

2

ביים אַריינגאַנג אין חדר־האוכל האָט זיך לעבן אונדז אָפּגע־שטעלט אַ בחור, אַ הויכער, מיט אַן אינטעליגענט פּנים און פינקל־דיקע, לעבעדיקע אויגן. מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און וואַ־רעמען שמייכל האָט ער מיך באַגריסט צו מיין אָנקומען אין לאַנד.

חנן האָט מיר געזאָגט:

— ער איז דער מזכיר פון קיבוץ.

— דער אָנפירער?

חנן האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— נישט פּינקטלעך, כ׳וועל עס דיר שוין געבן אַלץ צו פאַר־שטיין, דאָ זאָגט מען: לאַט, דאָס הייסט, פּאַמעלעך.

— אני מבינה. — האָב איך געענטפערט חננען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן איבערראַשטער, מיך אָנגעקוקט. איך האָב שוין ווייטער גערעדט צו אים אויף מיין שוואַכן עברית.

— אַה, מאַמיטאַ מיִאַ.

דער חדר־האוכל וויזט זיך מיר אויס ענלעך אויף אַ שיף.

איך קוק זיך אַרום, קוק אויף פּנימער, אַלץ וויגט זיך מיט מיר, ווי אויף דער שיף. כמעט אַלע טישלעך באַזעצט, פרויען און מענער, פּשוט און ריין אָנגעטאָן. די פרויען אָן מאַקיאַזש. מען טיילט עסן פון וועגעלעך אַרויס.

איך טראַכט: ווי איז עס מעגלעך, צו ווערן באַדינט דאָ אין אַ קיבוץ. איז עס דעמאָקראַטיש? עס איז דאָך דאָ אַ קאָמונע, — האָב איך געהערט זאָגן.

חנן הייבט אָן מיר אויפקלערן ווי עס גייט דאָ צו, און איך בין אַלץ פאַרטאָן מיט באַטראַכטן דעם אַרום. אַלע זעען אויס פּשוט און נאַטירלעך.

די יונגע פרוי מיטן וועגעלע עסן דערנענטערט זיך צו אונדזער טישל, פרעגט מיך וואָס איך וויל. כ׳האָב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

חנן האָט פאַר מיר געבעטן, און אַזוי פיל עסנס! כ׳האָב גע־טראַכט: ער פאָדערט צו פיל, ער וויל מיר צו ליב טאָן.

באַלד האָב איך דערזען דעם בחור וואָס האָט אונדז באַגריסט אין דרויסן. ער האָט געטראָגן אַ ווייסן פאַרטעך, דערלאַנגט עפּעס צו אַ טישל.

— ער באַדינט דאָ? ער האָט דאָך אַ הויכן דזשאָב!

חנן האָט אָנגעהויבן לאַכן. פון די אַרומיקע טישלעך האָט מען געקוקט אויף אונדז...

— אימאַלע, כ׳וועל דיר ווייזן נאָך מער „פּערזענלעכקייטן״: דער וואָס ווישט דעם טיש איז אַן אינזשעניר, די וואָס פירט אַרום

עסן מיטן וועגעלע איז אַ לערערין, דער וואָס דערלאַנגט ברויט צום טיש האָט שטודירט רעכט.

איך בין באַגייסטערט. דאָס איז אמתע דעמאָקראַטיע!
דאָס עסן איז געשמאַק.

3

זשאַן (איצט שוין חנן) האָט מיך אַרומגעפירט ווייזן דעם קיבוץ. מיר זענען אַריין אין אַ וואַרשטאַט ווו מען נייט און מען פאַרריכט בגדים. אַלץ אַזוי פיין און מאָדערן איינגעשטעלט. צום מייניסטן האָבן מיך באַאיינדרוקט די קינדערהייזער. כ׳האָב גע־טראָפן אַ דערציִערין וואָס רעדט שפּאַניש. זי האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי דער טאָג ווערט אויסגעפּילט ביי די קינדער, וואָסער איבער־געגעבנקייט און זאָרג פאַרן קינד! דאָ ווערט געשאַפן אַ נייע גע־זעלשאַפט.

— די חברשאַפט איז גרויס ביי אייך אין קיבוץ, דאָס זע איך שוין, — האָב איך געזאָגט צו חננען מיט התפעלות.

— דעספּאַסיאָ, מאַמאָ. (פּאַמעלעך, מאַמע) — האָט ער מיר געענטפערט — מיר זענען מענטשן, נישט קיין מלאכים.

כ׳האָב געקוקט אויף אים מיט אומרו, פאַר וואָס וויל ער מיר איצט צעשטערן מיין שטימונג?

ער האָט זיך באַלד צעשמייכלט און געזאָגט:

— מיר זענען אויך מענטשן, — מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכ־קייטן.

— וואָס הייסט? און דאָס אַלץ?

גוט. כ׳וועל זיך באַמיִען צו באַקענען די מענטשן, זיך באַקענען מיטן לעבן דאָ, איך וויל עס. כ׳וויל זיך דאָ פילן ווי אין דער היים.

אַוודאי בין איך דאָ אין אַ נייער וועלט, ווייט פון מיינע ביז־איצטיקע געוווינהייטן. אומבאַקאַנט מיר אַלץ. צי וועל איך זיך איינלעבן צווישן די מענטשן?

די טישן נישט געדעקט מיט טישטעכער צום מיטאָג־עסן, מען זיצט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, אין פאַרלאַטעטע בגדים, פאַרשוויצ־טע, פאַרברוינטע, נישט־ראַזירטע פּנימער. די פרויען אין פּשוטע קליידער.

כּדי צו זיין אַ מיטגליד אין אַזאַ קאָלעקטיוו דאַרף מען דאָך געפינען דאָ אינהאַלט, אַנדערש וואָלט עס נישט מעגלעך געווען.

מיט דער צייט וועל איך מסתמא אַלץ פאַרשטיין, חנן וועט מיר צוהעלפן.

דערווייל רעד איך נאָך נישט מיט חננען וועגן מיינע געדאַנקען און פראַגן, ער האָט מיר דאָך געזאָגט: „פּאַמעלעך מאַמע״.

פון דער פּראַקטיק מיט מיינע קינדער ווייס איך, אַז זיי האָבן נישט ליב אַז מען איז צו פיל צודרינגלעך מיט פרעגענישן, זיי האָבן נישט קיין געדולד דערצו. עס וועט שוין אַליין נאָכקומען.

יום שישי.

באַלד פון דער פרי פילט זיך דער יום שישי, דער טאָג איז אַנדערש פון אַלע טעג.

נאָך מיטאָג, די קינדער גייען אַהיים צו טאַטע־מאַמע, זיי גייען אויסגעפּוצטע אין ווייסע בלוזקעלעך, מיט נאַשוואַרג אין די הענט.

אַלץ איז יום־טובדיק, די געבראָטענע עופות פאַרשמעקן דעם חדר־האוכל.

דער קבלת־שבת ביי ווייס־געדעקטע טישן, מען זיצט משפּחה־ווייז, אַ חברה צינדט ליכט. דער ציבור ענטפערט איר מיט אַ „שבת־שלום״. זי לייענט אַ קאַפּיטל פון תנך, אַ חבר שפּילט אויף אַן אַקאָרדעאָן, עמעצער לייענט אַ קאַפּיטל פּאָעזיע, אונטער דער באַגלייטונג פון אַקאָרדעאָן.

דער עולם זינגט:
הנה מה טוב ומה נעים, שבת אחים גם יחד...
עס באַווייזן זיך די וועגעלעך מיט עסן.
יום־טובדיקע פּנימער, אַ יום־טובדיקע שיינקייט אין חדר־האוכל.

בין איך דאָ טאַקע בלויז צווישן יידן? יענע, מיט די טונקעלע פּנימער, יידן? פּרייטיק צו נאַכט...
כ׳בין צוריק געוואָרן שׂרה, ווי אַ מאָל, אין מיין עלטערנס שטוב.
שׂרה, אין אַ באַנייטער שיינער יידישער וועלט.
כ׳האָב דאָס געפיל, אַז איך געפין זיך דאָ אויף אַן אינדזעלע און עס דערגייען אַהער נאָר אָפּקלאַנגען פון דער אויסערלעכער וועלט, אַ וועלטעלע פאַר זיך.
אַן איינהייטלעכער קאָלעקטיוו. דאָ ווערן רעאַליזירט די דער־הויבנסטע אידעאַלן, נישטאָ קיין פּריוואַט אייגנטום, אַלץ געהער צום כּלל, צו די חברים פון קיבוץ. יעדער באַקומט דאָס נייטיקע. נישט פאַראַן קיין פּריווילעגירטע אַרבעט.
יעדער חבר פון קיבוץ האָט אַ מעגלעכקייט אַרויסצווייזן זיינע פעיִקייטן אין שולוועזן, קולטור־אַרבעט, קונסט אאַז״וו, שטודירן הויכבילדונג, אויב ער האָט אַספּיראַציעס.
חנן האָט מיר שוין געהאַט געזאָגט: „מיר זענען נישט קיין מלאכים״, ווי קען דען זיין אַנדערש? איך קוק זיך צו און טראַכט:
פון אַלערליי לענדער קומען זיי אַהער, בחורים און מיידלעך, מיט זייערע חלומות צו בויען די זיכערע היים פאַר זייער קיום.
ווי אַזוי יחידים פון פאַרשיידענע שטובן, מיט אַ פאַרשיידענער מענטאַליטעט געפינען דאָ אַ בשותפותע שפראַך — דאָס ווייס איך נאָך נישט.

4

אין מיין אַנדערטהאַלבן צימער־וווינונג — אַ בעט, אַן אַלמער, אַ טיש מיט דריי בענקלעך. פּשוט, און ווי די ערד דאָ אַרום, אונ־טערטעניק דער מי, וואָס מען לייגט אין איר אַריין. איך פּוץ אויס דעם צימער מיט אַ ריין געוואַשענעם דיל, ווייסע געהאַפּטענע פיר־הענגלעך, עטלעכע בילדלעך אויף די העלע ווענט און אַ וואַזאָן מיט פרישע בלומען.

אין דער פרי שמייכלט די זון אַריין זייטיק, ביי די ראַנדן פון די פירהענגען. איך נעם אויף די אָפּקלאַנגען פון דרויסן, גיי אַרויס, קוק אויףביימער, גרינסן, סדר אַ ביסל ביי די בלומען, גלעט יעדן פרישן בלימעלע אין גערטנדל. מיין זון האָט עס אַזוי שיין צוגע־גרייט.

אין דער שטילקייט פאַרבענקט זיך מיר אַ מאָל נאָך מענטשן. איך באַגריס זיך מיט פאַרבייגייערס, צעשמועס זיך גערן וועגן קיבוץ. כ׳פרעג וועגן זאַכן, וואָס זענען נוגע דאָס לעבן דאָ. פון דעם שמייכלען און פון די ענטפערס זע איך, אַז מען איז נישט להוט צו רעדן דערוועגן, און אויך נישט מיט אַזוי פיל התפעלות, ווי איך וויל עס זען. איך טראַכט, זיי ווילן בעסער טאָן איידער רעדן.

מען פרעגט מיך פון וואַנען איך קום. טאָמער הייב איך אָן רעדן מיט אַ פּאַטריאָטישן נוסח לאַכט מען צו מיר פריינדלעך, אָבער מען ענטפערט מיר נישט מיט דעם זעלבן. איך פיל זיך דעריבער מאָדנע, איך דאַרף זיך צוימען, ווייניקער רעדן.

נאָך מיטאָג קוק איך אַלע ווײַלע אויפן זייגער, וואַרט אויף חננען. כ׳וואָלט אים תמיד וועלן זען נעבן זיך, ער זאָל זיצן אַקעגן מיר, שמועסן מיט מיר. נישט גענוג די איינציקע שעה אין די נאָכ־

מיטאָגס, ווען ער קומט צו מיר, צי ביים נאָכטעסן, ווען מיר זיצן צוזאַמען, און דאָס נישט אַלע טאָג.

יעדן נאָכמיטאָג, אין דער זעלבער שעה, שטיי איך ביים אָפענעם פענצטער, קוק אַרויס מיט אומגעדולד. דער ווינט דרינגט אַריין, פרישט דאָס צימער, שפּילט זיך מיט די פירהענגען.

היינט דאַרף מיר חנן זאָגן ווו כ׳וועל אַרבעטן. כ׳וויל שוין אָנהייבן אַרבעטן, אַרבעטן און אָפּרוען זיך פונעם שווערן און מיפולן לעבן, זיך אָפּטרייסלען פון קאָשמאַרן, פון שולדגעפילן.

כדי צו פילן זיך גוט, איז נישט גענוג בלויז נעמען, מען דאַרף אויך געבן. ס׳איז גוט צו דערוואַרעמען זיך מיט יענעמס אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט, אַן אויסגעשטרעקטע האַנט. אָבער אויך דאָס געבן ברענגט גליק.

איך פרעג זיך: פאַר וואָס מוז איך איצט בענקען נאָך מאַריאַן? פאַר וואָס איז נישט גענוג צו האָבן נעבן זיך נאָענט איין געליבט נפש און זיין גליקלעך?

חנן איז געקומען אַן איבערגעטוענער, אין אַ בלוי העמד. ער זעט אויס שיין. ער איז הויך, שלאַנק און איידל. דאָס קליינע, שיין צוגעשאָרענע בערדעלע פּאַסט אים. ער האָט אַן אָפן פּנים, קוקט גלייך אין די אויגן... איך קוועל אָן מיט מאַמעשן שטאָלץ פון זיין זעלבסטזיכערקייט. וואַרעם און רויִק ווערט מיר, ווען איך שמועס מיט אים.

אין די טעג, אין די נעכט, אין דער שטילקייט איז אין מיר אָנגעגאַנגען אַ יום־טוב. כ׳האָב געהערט מיין זונס פעסטע טריט אויף דער ערד. דערפילט מיינע אייגענע טריט.

פרייד און יום־טוב האַלטן נישט אָן אייביק. עס האָט זיך גע־מוזט מיט עפּעס ענדיקן.

כ׳בין געגאַנגען צו חנהס חדר, גענומען פאַר אים פרישע בלו־מען, געטראַכט: צורוימען זיין צימער, ער וועט קומען פון דער אַרבעט, טרעפן ריין, אַלץ בסדר, וועט ער זיך אויסרוען און קומען צו מיר פריִער. ביי דער שוועל פון חדר בין איך געבליבן שטיין אַ דערשטוינטע. אַן אומאָרדענונג, צעוואָרפענע שיך, זאָקן, בגדים, רעשטן פון עסן, נישט־געוואַשן געשיר און מוראַשקעס... כ׳האָב זיך געוואַקלט, וועמער איז עס בכּוח ברענגען אין אָרדענונג? נישט־ניחא־דיק האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. עס ליגן בריוו, פאָטאָ־גראַפיעס פון מיידלעך. כ׳האָב אַ פאַרגנבעטן בליק געטאָן. מיידלשע האַנטשריפט. צו וועמען? צו חננען צי צום צווייטן בחור? אַוודאי, לייענען וועל איך נישט.

כ׳האָב זיך אָנגעהאָרעוועט, כ׳וועל אָבער חננען אויסמוסרן פאַר זיין אָפּגעלאָזנקייט. מסתמא יענער בחור אויך אַזוי. דער צימער האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען, אַ צופרידענע בין איך געגאַנגען אַהיים זיך אויסרוען און וואַרטן אויף אים.

ווי תמיד, געגרייט דאָס טישל, געקוקט אויפן זייגער, געוואַרט, געוואַרט, שוין שפּעט, ער קומט נישט, און לויט מיין חשבון האָט ער געדאַרפט היינט פריִער קומען.

כ׳לאָז איבער דעם געגרייטן טיש, כ׳גיי צו זיין וווינונג. איך הער אַ פריילעך געפילדער אינעווייניק. כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אַרום געגרייטן טיש אַ גאַנצע חברה, בחורים, בחורות, אויך עטלעכע וועלכע מ׳דערקענט נישט זייער געשלעכט, אַלע לאַנג־האָריקע. ביי מיין אַריינקומען האָט זיך ספּאָנטאַן אָפּגעשטעלט דאָס הילכיקע געלעכטער. אַלע האָבן געקוקט אויף מיר.

— אַה, מאַמע, כ׳וועל שפּעטער קומען, דיר פאַרגעסן צו זאָגן,
— איז חנן געוואָרן צעמישט. חנהס חבר האָט זיך אויפגעשטעלט, מיך געבעטן זיצן. חננס בליקן האָבן מיך געבעטן גיין.

— אַ דאַנק אייך, איך דאַרף שוין אַוועק, — האָב איך זיך אויסגעדרייט צו דער טיר. חנן איז אַרויס נאָך מיר.

— מאַמע, דו האָסט צוגערוימט אונדזער חדר? זיכער דו, כ׳האָב עס דערקענט, זאָל עס זיין דאָס לעצטע מאָל!

איך קוק אים אָן, ער איז אין כּעס, שטאַרק אין כּעס.

— כ׳האָב אַ סך צייט, פאַר וואָס ביסטו אין כּעס?

— איך האָב פיינט, אַז מען קוקט מיר נאָך אין מיין חדר.

— אָבער חנן... איך קוק דיר נאָך?..

כ׳בלייב שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענע. ער פאַרשטייט, ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. ער זאָגט שוין רויִקער:

— דו דאַרפסט ביי מיר נישט רוימען, איך לייד עס נישט. איך קום דאָך צו דיר. צו וואָס דאַרפסטו?.. כ׳וועל שפּעטער קומען אויף אַ ווײַלע צו דיר.

איך גיי אַוועק אַן אויסגעלאָשענע, מיט שווערע טריט.

נעבן דער מרפּאה איז צו מיר דערגאַנגען אַ יידישלעכער „אוי־וויי”. כ׳האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַהין, דערזען אַן עלטערע פרוי. זי איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי איר טאָכטער וואַשט די טירן און פענצטער פון דער מרפּאה און געזיפצט:

— וויי, וויי וואָס איך האָב דערלעבט... מיין טאָכטער אַ דינסט, מאַכט ספּאָנדזשע — ווי מען רופט עס דאָ. — דערצו האָט זי געלערנט אַ יאָר אין אוניווערסיטעט... דווקא דו מוזסט דאָס טאָן? דו? דו?

די טאָכטער האָט שיעור נישט אויסגעגאָסן דעם עמער, געלאַכט הילכיק, בייגנדיק זיך אין צווייען מיט דער נאַסער שמאַטע אין האַנט. מיט נייגיר האָב איך זיך צוגעהערט.

— מיין מאַמע איז דאָ אַ קורצע צייט, ערשט צוויי חדשים. זי האָט קיין חלוצישע דערציִונג נישט באַקומען, צו ביסלעך וועט זי

זיך צוגעוווינען — די טאָכטער האָט עס מיר געזאָגט נאָך אַלץ לאַכנדיק.

— נאָר זי טרייסט מיך, צוגעוווינען... צוגעוווינען שייערן טעפּ, וואַשן כּלים, וואַשן דילן, טיר־און־פּענצטער, צו זיין אַ דינסטמיידל זיך צוגעוווינען. צו דעם נחת הייסט זי מיר צוגעוווינען זיך... און צו מיר האָט זי געזאָגט:

אין דער היים האָט זי נישט געאַרבעט, בלויז געלערנט. אין שטוב איז געווען אַ דינסט, פון כּל־טוב האָט זי געהאַט.

די טאָכטער איז געוואָרן ערנסט:

— מאַמע, מיר פעלט דאָ נישט פון כּל־טוב, און הער שוין אויף!

— איר דאַרפט אייער מאַמען געבן אַ לעקציע וועגן קיבוץ־לעבן, ווי מיין זון טוט עס מיט מיר.

די פרוי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע תמימותדיקע אויגן.

— אייך געפעלט דאָ?

— אַז אַזאַ מיידל ווי אייער טאָכטער טוט די אַרבעט אַזוי נאַטירלעך און פּשוט, געפעלט עס מיר גאָר, גאָר שטאַרק.

— איר ווייסט וואָס פאַר אַ קאָפּ זי האָט...

— מאַמע, גענוג, גיי אַהיים, לאָז מיך צו רו!

די טאָכטער האָט שוין בייז געקוקט אויף איר מוטער.

איך האָב זיך געזעגנט מיט אַ „שלום", און נאָך אַלץ געהערט הינטער זיך די כּעסדיקע רייד פון דעם מיידל.

5

כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין קיך, באַקומען מאַזאָליעס אויף די הענט. זיך געשעמט צו ווייזן מיינע הענט די חברות, זיך אָנגעשטרענגט ווייטער צו אַרבעטן, ביז מיר איז געוואָרן אוממעגלעך צו נעמען דאָס מעסער אין האַנט אָפּצורייניקן די אָפּגעשיילטע אין מאַשין קאַרטאָפּל און גרינסן.

— איר מוזט זיך פאַרבינדן די הענט, אַרבעט נישט מער היינט, גייט אין מרפאה — האָבן מיר די חברות געזאָגט פריינדלעך.

באַלד האָב איך באַקומען אַ „שטאָך" פון אַ צווייטער מוטער, וואָס אַרבעט נעבן מיר אין קיך. אַ צעקנייטשט טרוקן פּנים, אויגן ווי ביי אַ פיש. עס האָבן אויפגעבליצט בייזע פייערלעך אין אירע אויגן. מיט איר מאַנצביליש קול האָט זי געזאָגט:

— מסתמא געשפּילט פּיאַנאָ ביי זיך אין שטוב און די דינסטן האָבן אַלץ געטאָן פאַר זיי...

די חברות, אומצופרידענע, האָבן זיך איבערגעקוקט, שווייגנדיק אַדורכגעלאָזט דער פּרויס ווערטער.

די פרוי זאָגט מיר אָפּט אַריין ביז אין דער זיבעטער ריפּ און בלשון רבים, למשל:

— זיי זענען אַ גרויסע „אויסטויגערין", מ׳דערקענט עס אין זיי...

מעגלעך, אַז מיין אָנוועזנהייט אין קיך שטערט איר, אפשר ווייל כ׳רעד אָפּט מיט די חברות עברית. דאָס דערמאָנט איר, אַז טראָץ אַזוי פיל יאָרן אין קיבוץ פאַרשטייט זי נישט די שפּראַך פון אירע אייניקלעך.

יעדן טאָג, ווען כ׳גיי צו דער אַרבעט, פּרוּוו איך זיך אַליין באַרויִקן: רויִק, נישט ענטפערן! —

איך בין דאָ נישט די איינציקע וואָס האָט פאַרבונדן איר לעבן מיטן קיבוץ, כדי צו זיין נאָענט לעבן איר קינד, אָבער יעדער נעמט אויף די ווירקלעכקייט אויף זיין שטייגער, אָפהענגיק פון דער באַציִונג פון די קינדער צו זיי, וואָס דאָס רוב איז זי אַ וואַרעמע. מיט די אייניקלעך פעלט די שפּראַך, דאָך איז פאַראַן די שפּראַך פון געפילן. אָן עברית קענען די עלטערן נישט געניסן אין דער פולער מאָס פון אַ געזעלשאַפטלעך לעבן: קינאָ, טעאַטער, פאַרווייַלונג.

מען גייט צו קינדער, מען פרייַדט זיך מיט די אייניקלעך. וואָס איז דאָ מער צו טאָן, כדי צו פאַרטרייַבן די איינזאַמקייט? שטילקייט און רו פעלט נישט, עלטערן אַרבעטן בלויז אַ האַלבן טאָג, אַ סך אַרבעטן מיט דערפאַרונג און געניטקייט און ברענגען נוצן, פירן אויך אַ געזעלשאַפטלעך לעבן צווישן זיך.

איך האָב שוין מיט אַ טייל געהאַט פריינדלעכע שמועסן. עלטערע מענטשן זענען עמפּינדלעך. זיי זוכן וואַרעמקייט, מען וויל באַקומען אַ שמייכל, אַ „שלום". ווען עמעצער קומט דערמיט אַנט־קעגן, ווערט וואַרעם און גוט, אָבער נישט תמיד באַקומט מען עס. פאַראַן אַ מחיצה צווישן יונג און אַלט.

אין אַ נענטערן שמועס מיט אַ פּאָרפאָלק, פּשוטע און האַרציקע פאָלקסמענטשן, האָבן זיי זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז טראָץ דעם רעספּעקט וואָס די חברים ווייזן אַרויס אין באַציִונג צו זיי — פילן זיי זיך דאָ ווי בירגער פון אַ צווייטער מדרגה.

זיי האָבן מיר דערציילט פאַקטן, — אמת, איך האָב עס שוין באַ־מערקט אַז די וווינונגען פון די עלטערן זענען אויס אַנדערש... און די באַציִונג? נו, דאָס איז דער אייביקער קאָנפליקט צווישן דורות. יאָ, עלטערע מענטשן זענען אַ מאָל געווען יונג, קענען זיך דער־מאָנען, ווי אַזוי עס איז געווען אין דער יוגנט. אָבער די יונגע זענען קיין מאָל נישט געווען אַלט, קענען זיי נישט פאַרשטיין קיין זקן.

דער אַרגענטינער שרייבער כאַרכע לוּיִס באָרכעס זאָגט אין זיינס אַ דערציילונג אונטערן נאָמען „פּאַרמען פון אַ לעגענדע", אַז „מענטשן עקלט צו זען אַ זקן, אַ קראַנקן און אַ מת".

אַזוי איז עס, כ׳האָב זיך דערמאָנט אין מאַריאָס אויפפירונג לגבי מיר, ווען כ׳בין צו אים געקומען און אים געטראָפן מיט זיינע חברים. אויך חנן אַזוי.

כ׳בין אים מוחל פיל ווייטיקלעכע צוזאַמענשטויסן. איך פאַרשטיי ווי צו פירן זיך מיט אים, נישט פאַרלאַנגען צו זען אים אָפט, נישט רוימען זיין צימער. יאָ, כ׳בין שוין נישט פאַר זיין חברה. ער פילט זיך דערווייטערט פון מיר. נישט אַלע עלטערן זענען משלים מיט דעם, ליידן זיי.

ביי דער אַרבעט האָב איך אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך פון דער נאָענט מיט געוויסע פּראָבלעמען פון קיבוץ־לעבן, מיט מענטשן פון קיבוץ.

דער סדרן־עבודה איז אַריינגעקומען אין קיך און געזאָגט ורדהן, אַז מאָרגן קען זי גיין אַרבעטן אַנדערש ווּ, דאָרט ווּ זי האָט געבעטן. ורדה האָט אויפגעשיינט.

הייסט עס, אַז מ׳קען זיך אויסוויילן ווּ צו אַרבעטן?

אגב, לויט ורדהס רייד דערפילט מען, אַז אויף אירע רונדיקע פּלייצעס טראָגט זי אַ לאַסט פון ביטערניש. די התפעלות פון אירע קינדער שטעלן זי נישט צופרידן. פאַראַן חברים, וועלכע האָבן שענערע מעבל ווי זי האָט. די וואָס האָבן רייכע עלטערן אין אויסלאַנד באַקומען פון זיי מתנות, קויפן זיך אַפילו לוקסוסזאַכן. מיט איין וואָרט: נישט פאַראַן קיין גלייכקייט אין קיבוץ, שוויון — הייסט עס אין עברית.

ורדה פילט זיך נישט גוט אין קיבוץ. אַרויס פון אים קען זי נישט. דאָ איז זי זיכער מיט איר אויסקומעניש. רעדט זי באַטש.

זי איז קיינעם קיין זאַך נישט מוחל, באַרעדט זי. איר באַרעדן איז אָבער געגנוג פאַרזיכטיק, כאָטש מיט פאַרביטערונג. היט זי זיך, זי זאָל נישט אַרויס פון די ראַמען. סוף־כּל־סוף אַרבעט מען צוזאַמען, מען עסט צוזאַמען אין חדר־האוכל, מען טרעפט זיך איבעראַל. פאַר קריגערייען האָט זי מורא. עס קען קומען צו אַ בירור (אויפקלערונג). פאַראַן אַ וועדה וועלכע פאַרשט אויס און גלייכט אויס סיכסוכים צווישן חברים.

אין קיבוץ ווייסט מען וועגן ורדהס באַרעדן. זי ווערט געדולדעט מיט פאַרשטענדעניש. אַוודאי איז זי נישט נושא־חן דערמיט, „אַזאַ איז זי, ורדה" — זאָגט מען. זי איז אויך נישט די איינציקע וואָס רעדט, פאַראַן נאָך. מ׳קען זיך פון דער נאָענט, נישט פאַראַן אָבער קיין אינערלעכער קאָנטאַקט צווישן זיי, שטויסט מען זיך אָפּ. כ׳האָב עס געזאָגט חננען.

— מאַמע, צו וואָס צעטרייבערסטו אַזוי אַלץ? דו גריבלסט זיך צו פיל. איך בין פונקט ווי דו געקומען אַהער פון אַ פרעמדער וועלט, באַקענט דעם קיבוץ, אַזוי ווי ער איז, ער איז מיר געוואָרן ליב און נאָענט.

כ׳האָב זיך דערפילט נאַריש, ווען ער האָט צוגעגעבן:

— דו קענסט מענטשן, קענסט דאָס לעבן, דו ביסט גענוג רייף צו פאַרשטיין, וואָס פאָדערסטו?

— אָבער דאָ... ניין, כ׳בין נישט מסכים מיט דיר, עס דאַרף זיין גלייכהייט, חברשאַפט.

— געמיינט, אַז כ׳האָב אַ קלוגע מאַמע, שטודירט פסיכאָלאָגיע האָט זי, יאָ, דו פאָדערסט צו פיל, אַוודאי, נישט אַלע געפעלן מיר דאָ, און פאַראַן זאַכן וועלכע איך וואָלט עס בעסער געמאַכט.

ער האָט זיך צעלאַכט, דערנאָך צוגעגעבן ערנסט:

— טראַץ אַלעם, טראַץ די רו און גן־עדן וואָס דו ווילסט דווקא דאָ געפינען, איז דאָך יעדער יחיד, אַפילו אין אַ קאָלעקטיוו, אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך, מיט זיינע נייגונגען און אייגנשאַפטן, וועלכע ער ברענגט אַרויס אויף זיין אופן, און נישט אַלע האָבן גע־פילן פון אחריות. מיין מאַמע דאַרף עס פאַרשטיין, עס איז מענטש־לעך. אין דער פּראַקטיק גייט דאָ אָן אַ דעמאָקראַטישע פירונג. פאַראַן אויך אַזעלכע, געקומענע אַהער, וועלכע האָבן זיך עס אַנדערש פאַר־געשטעלט, טאַקע בלויז ווי אַ גן־עדן, זיי זענען געוואָרן אַנטוישט. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ באַזונ־דערן פּסיכישן באַגאַזש, זענען נישט צוגעפּאַסט צו אַ קאָלעקטיוו לעבן, ווילן בלויז נעמען, נישט געבן.

— למשל, ורדה, זי איז נישט צוגעפּאַסט צו אַ קיבוץ־לעבן.

— ביסט אַ גוטע תלמידה, מאַמע!

חנן שיינט. כ׳קוק אויף מיין זון, וווּנדער זיך, ער איז געווען אַזוי ווייט פון דעם...

— און דו, חנן? פון וואַנען ווייסטו עס אַלץ?

— איך לעב דאָ — האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט זיכערקייט אין בליק.

— איך זוך דאָ בלויז גוטס, געפין אַ סך שיינקייט, אָבער ליי־דער אויך גרילצן.

— עס וועט ביי דיר אַדורכגיין, דיין עמפּינדלעכקייט. אין אָנ־הייב בין איך אויך געווען קריטיש צו אַלץ. איצט בין איך שוין דאָ אַ תושב. ווי דו זעסט, ווערן דאָ אַפילו נעגאַטיווע דערשיינונגען געדולדעט, פאַראַן פאַרשטענדעניש פאַר נאַטירלעכע שוואַכקייטן ביים מענטש... און איצט וועל איך דיך איבערלאָזן, מיין וויזיט האָט זיך צו פיל פאַרצויגן. מיין מאַמע האָט זיך אויסגעטראַכט אַ גן־עדן אויף דער ערד, און דאָ וויל זי אים געפינען, דעם אויסגעחלומטן

גן־עדן, און אויב זי וועט אים אַפילו ניט געפינען דאָ, וועט זי אַלץ איינס ווערן אַ חלוצה, ווי איך.

ער האָט מיך אַ קוש געטאָן און איז אַוועק.

עס איז טאַקע עפּעס אַ מין ווונדער. וואָס איז געשען מיט מיין זון? ער איז דאָך געווען אַ גוי גמור. און איך מיט מיין רייכן נסיון?... אַלץ צוליב ורדהן? צוליב דער פרוי וואָס זאָגט מיר אַריין?

צו וואָס בלאָז איך עס אויף? אַוודאי, נישט אַלע זאַכן געפעלן מיר דאָ. ווען מען שטעלט זיך אָפּ אויף ברעקעלעך, זעט עס אויס קליין. וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס אָבער אויפן פאָן פון אַזוי פיל שיינקייט.

6

היינט איז דאָנערשטיק, דער טאָג פון קינאָ.

ביים אַריינגאַנג אין חדר־האוכל האָב איך איבערגעלייענט אַ מודעה אויפן לוח, אַז מען טאָר נישט אַרויסגיין ביי נאַכט פונעם באַוווינטן תחום פון קיבוץ, מען האָט געזען אַריינדרינגלערס.

איך האָב זיך אויסגעדרייט, געפרעגט עמעצן, וואָס איז געשטאַנען דערביי, צי איז עפּעס געשען.

— זיי האָבן באַקומען זייערס, — האָט מען מיר קורץ געענטפערט.

— זענען זיי מסתמא אַנטלאָפן, צו וואָס היט מען נאָך? — קיינער האָט מיר נישט געענטפערט.

אינעווייניק, אין חדר־האוכל, האָב איך געזען אַ מאָדנעם בילד: חברים זיצן מיט ביקסן אויף די אָרעמס, גאַנצע רייען. זיי זיצן מיט אויסגעלייטערטע פּנימער.

דאָס קינאָ־בילד האָט זיך אָנגעהויבן, געווען אַ קאָמעדיע. אָנ־שטאָט צו קוקן אויפן עקראַן האָב איך געקוקט אויף די חברים מיט די ביקסן, זיי האָבן זיך געטרייסלט אין הילכיקע געלעכטערס.

איך וואַרף אַ בליק אויפן זאַל, אויפן עקראַן און ווידער אויף די ביקסן. איך פיל זיך אַזוי גוט, רויִק, לאַך אויך פון די קאָמישע סצענעס וואָס אויפן לייוונט...

7

טאָג־טעגלעכקייט קען באַנייט ווערן. נישט פון ערגעץ דאַרף עס קומען, מען דאַרף עס ווייט נישט זוכן — נאָר אין זיך, עס קומט פון אינעווייניק.

כ׳בין געקומען, כמעט אַ פרעמדע, צו אַן אומבאַקאַנטער וועלט, בין געווען פאַרגוייִשט, אָבער מיט יידישע וואָרצלען. גאָר טיפע וואָרצלען, נישט געוווּסט עס.

אמת, געווען טעג, ווען כ׳האָב געהאָט אַ געפיל, אַז כ׳בראָדזשע צוריק אין די בלאָטעס און זאַמדן פון מיין קליין שטעטעלע...

פאַראַן דאָ זאַמדן, אָבער אויף די זאַמדן בויט זיך אַ ניי לעבן, — דאָס באַנייטע שטעטל, מיט יונגער פרישקייט. צווישן ביימער קלינגען יונגע געלעכטערס.

דאָ לאָזט מען טיפע וואָרצלען. און דאָס לעבן — אַ קאָמפּאָזי־ציע פון ליכט און שאָטן.

מיין חנן, מיט זיין „ביטל״־בערדעלע, ווי גוט ער האָט זיך דאָ אַריינגעפּאַסט. און אורי, דער טראַקטאָריסט? שווער צו גלייבן, אַז אָט דער בחור איז אַן אינטעלעקטואַל, שטאַמט פון אַ רייכער היים. דאָ איז ער פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, דער קיבוץ איז אים טייער און ליב, ער פירט אָן מיט קולטור־ארבעט, מוזיק־פּראָגראַמען.

שאול איז פון דרום־אַמעריקע. געווען איז ער אַ וואַגאַבונד (ער אַליין האָט עס מיר דערציילט), אַ ליידיקגייער, זיך געחברט מיט נישט קיין בכּבודיקע לייט, געווען אַפגעריסן, באָרוועס. מען האָט אים שוין געהאַט אַריינגעצויגן אין נישט קיין שיינע מעשׂים. דורך אַ צופאַל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ הכשרה. דער וועג זיינער איז געוואָרן בהדרגהדיק געלייטערט. אין קיבוץ האָט ער אַ פרוי און קינדער. ער האָט דאָ איינגעזאַפּט גוטע מידות. מיט זיינע מוסקולירטע הענט פאַרדינט ער ערלעך זיין טעגלעך ברויט. און צו מיר האָט ער געזאָגט:

— אַלע טעג פון מיין לעבן וועל איך דאַנקבאַר זיין דעם קיבוץ.

ער איז טאַקע דאַנקבאַר — מיט זיין אַרבעט און איבערגעגע־בנקייט. אין קיבוץ איז דער עיקר: אַרבעט. און די וואָס אַרבעטן פילן זיך דאָ ווי אמתע בעלי־בתים.

און די פעלדער גרינען מיט דאַנקבאַרקייט.

און עס איז ווידער יום שישי.

8

בעת מיינע קורצע באַגעגענישן מיט חננען באַמי איך זיך, נישט שטעלן אים קיין פראַגעס, נישט אַרויסרופן זיין אומגעדולד. ער פרעגט מיך:

— מאַמע, פאַר וואָס זיצסטו תמיד אין שטוב?

— כ׳האָב שוין אויך שפּאַצירט, אָבער איך וואַרט אויף דיר, עס איז די שעה פון דיין קומען.

— ווילסט שפּאַנישע ביכער, זשורנאַלן אין עברית?

כ׳האָב ביכער, כ׳קען שוין לייענען אַ בוך אין אַ לייכטן עברית.

חנן קווענקלט זיך, ווייל עפּעס זאָגן. ער פֿאַרשטייט, מיר געצוגט נישט דאָס קורצע זען אים, ער קומט אויף אַ ווייל. פֿריִער, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן קיבוץ, האָבן מיר מער געשמועסט, איצט — ווי אָפּגעשניטן. ער דערציילט מיר אויך נישט וועגן זיך.

אַזוי איז עס. איך האָב פֿאַר מיין מאַמען אויך נישט געהאַט קיין אָפּן האַרץ. זי האָט אָבער סיי ווי אַלץ געלייענט פֿון מיין פּנים, פֿון מיין שווייגן צו איר, סיי ווי אַלץ געוווּסט.

אָנשטאָט אַרויס מיט טענות צו אים (עס וועט סיי ווי נישט העלפֿן...), פֿאַר וואָס ער קומט צו מיר נאָר אויף אַ ווײַלע, האָב איך פּרובירט אים אָפּנאַרן, ווי מען נאַרט אַ קינד, געזאָגט אים האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט:

— עס איז גוט אַזוי. איך לייען. קלאַנגען פֿון מוזיק. שטילקייט. אַ גערטנדל. אין די אָוונטן קוואַקען זשאַבעס און ס׳גרילצן גרילן. כ׳קוק אויפֿן אויסגעשטערנטן הימל. עס וועט קומען אַ צייט, וועסט מיר ברענגען אַ מיידל, מיר זאָגן: מאַמע, דאָס איז מיין בחורה.

— אַה, מיין ראָמאַנטישע אמא! לײדער...

— עפּעס געשען?

— קיין שום שלעכטס איז נישט געשען, די זאַך איז אַזוי: כ׳האָב געבעטן ביי דער אָנפֿירונג פֿון קיבוץ אַ דערלויבעניש פֿאַר דיר, דאָ צו בלייבן בלויז עטלעכע חדשים. דו אַרבעטסט, עס איז בסדר, אָבער איך בין ערשט אַ מועמד, נישט קיין חבר, דאָס הייסט אַ קאַנדידאַט צו ווערן אַ חבר אין קיבוץ, פֿאַרשטייט זיך, אויב איך וועל זיך גוט אויפֿפֿירן, גוט אַרבעטן, אַזוי איז דער געזעץ. דאָ איז דער עיקר גוט אַרבעטן.

— הייסט עס, דו האָסט מיך אַראָפּגעבראַכט בלויז אויף עטלעכע חדשים?.. קינדער האָבן נישט קיין איינזען, זענען לייכטזיניק. ווידער... אין מיינע יאָרן.

— עס איז נישט אַזוי. איך האָב געוואָלט ברענגען דיך אַהער מיט דער זיכערקייט אַז דו וועסט דאָ בלייבן אין קיבוץ. מען איז מסכּים געווען דערויף. דערווייל האָט זיך עס אַ ביסעלע פאַרצויגן, איז אָנגעקומען אַ נייע חברה אין קיבוץ אַריין, זי איז די שניידע־רין. איך וויל נישט זיין צודרינגלעך, פאַרשטיי מיך.

— איך וועל מוזן אַוועק פון דיר?

— אַזוי וועט עס מוזן זיין, דערווייל. איך וועל פאַר דיר נישט פאַרלוירן גיין. ווען כ׳וועל ווערן אַ חבר, וועסטו קענען צוריק־קומען, אויב דו וועסט וועלן.

— וווהין זאָל איך אַוועק? ווידער אָנהייבן פון דאָס ניי?..

— זאָרג נישט, מירן אויסזוכן אַ דירה אין שטאָט. און דו, מיט דיינע גאָלדענע הענט, וועסטו דיר פאַרדינען דיין ברויט. ייִצטס האָבן אַרבעט.

אַן אומגעריכטער סורפּריז... איך האָב זיך דערמאָנט אין מאַריאָס ווערטער, אַז מען קען חנגען נישט געטרויען, ער וועט נאָך צוריק־קומען. איך בענק איצט נאָך מאַריאַן אַ סך מער ווי פריִער. מאַריאָ איז אַזוי ניכטער, איז פאַראַנטוואָרטלעכער...

— און דו זשאַן, דו וועסט דאָ בלייבן?

— איך וועל דאָ בלייבן. אויס וואַנדערן. אויס ראָמאַנטיק. איך האָב זיך אָנגעלייענט וועגן דער יידן־פאַרטיליקונג, וועגן דער שואה. אַ שאָד וואָס כ׳האָב עס אין אַרגענטינע נישט געוווּסט. אויך מאַריאָ ווייסט קנאַפּ דערוועגן. און אונדזער טאַטע איז אויך דערמאָרדעט געוואָרן דורך זיי... איך האָב דיך געבעטן קומען אַהער, ווייל איך בלייב דאָ, דאָ וויל איך זיין.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט וואַרעמקייט.

וואָס קען איך שוין זאָגן? זיינע ווערטער האָבן אין זיך אַ כּוח, מען קען אים גלייבן, געטרויען...

ער האָט געקוקט אויף מיר צערטלעך, מיט ליבע.

— כ׳בין זיכער, וועסט זיך פיין איינאָרדענען אין שטאָט, איך האָב צוטרוי צו מיין מאַמען.

— איך האָב אַ ברירה? מסתמא וועט גוט זיין, — האָב איך אים באַרויִקט.

— מאַמע, — האָט ער זיך דערמאָנט — דו ווילסט באַקענען ירושלים. כ׳וועל עס צוגרייטן, דיך נעמען. מיר וועלן מאַכן אַ טיול.

— טאַקע? — האָב איך זיך דערפריידט.

— גאָר אין גיכן וועלן מיר פאָרן.

כ׳דאַרף זיך ווידער אַנגורטן מיט געדולד, אָבער אויף חננען האָב איך נישט קיין פאַראיבל. ער האָט צו מיר גערעדט מיט וואַרעמקייט, כ׳האָב ליב באַקומען דעם קיבוץ, מיר ווילט זיך נישט אַוועק פון דאַנען.

9

שבת. די עלטערע מענטשן אַרבעטן נישט שבת, אַ רוטאָג. איך לייען. אין די פרימאָרגנס לייענט זיך גאָר אַנדערש, דאָס געלייענטע דרינגט אַריין מיט מער קלאָרקייט.

איך לערן עברית, מאַך פאַרשריטן אין דיקדוק. לערן זיך אַליין, טו עס מעטאָדיש. מיינסטן געלינגט מיר מיט דער הילף פון אַסאָציאַציעס פאַרגעדענקען דאָס איינגעחזרטע.

דעם היינטיקן שבת אַרבעט חנן. כ׳וועל וואַרטן לעבן חדר־האוכל אויף אים, ביז ער וועט קומען עסן מיטאָג. נישט אָפט קומט מיר אויס עסן מיט אים צוזאַמען ביי איין טיש, ער לייגט נישט קיין אַכט דערויף. אָבער אין די שבתים זוך איך אים אויס.

איך לאָז זיך צום חדר־האוכל, גיי פאַרביי אַ קינדערהויז. סיגאַל, דאָס חנוודיקע דריי־יעריק מיידעלע פון מיינע שכנים שטייט אין דרויסן. ווען אין אָנהייב האָב איך זיך געפּרוּווט באַפריינדן מיט איר, האָט זי נישט געהאַט קיין צוטרוי צו מיר, געקוקט אויף מיר קרומלעך. מיין פאַרגרייזטער עברית איז איר נישט געווען צום האַרצן, איצט זענען מיר שוין פריינד. זי שפּילט זיך איצט אין דרויסן. דערזען מיך, שמייכלט זי היימיש.

— האָסט אַ סך שפּילצייג?

— מיר האָבן אַ סך. קום אַריין, וועסטו זען.

כ׳בין אַריין, מיט דער דערלויבעניש פון איר מטפּלת. זי האָט מיר אַלץ געוויזן, געגעבן צו פאַרשטיין ווי מען שפּילט זיך מיט יעדער שפּילצייג. זי האָט גערעדט מעשׂה דערוואַקסענע, ווי איך וואָלט געווען אַ קינד. כ׳האָב דערזען אויף אַ וואַנט צייכענונגען אויף גראָבע פּאַפּירן, געזוכט איר נאָמען הינטער די צייכענונגען, געפונען, איר געזאָגט אַז זי צייכנט פיין.

— כּולם עשׂוּ יפה — תּסתּכּלי — האָט זי מיר געוויזן אַלע צייכענונגען אויף דער וואַנט.

סיגאַלס ווערטער האָבן מיך דערפריידט. סיגאַל פאַרשטייט נישט, וויפל כּוח און גלויבן אירע ווערטער גיבן מיר, כ׳וועל עס דערציילן חנבען.

אַ מונטערע גיי איך וואַרטן אויף חנבען. נאָך פרי, האָב איך זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, נישט ווייט פון אַריינגאַנג. פּלוצלונג דערהער איך לעבן מיר אַ געשפּרעך אין פּויליש. די ווערטער דערגרייכן צו מיינע אויערן. האַסטיק דריי איך זיך אויס — אויף אַ דערבייַיקער באַנק זיצט אַ יונגע פרוי, לעבן איר שטייט אַ מיידל. אויף אַט דעם מיידל האָט עס די פרוי אויסגעלאָדן אַ שפּראַך מיט די „זאַפטיקסטע“ פּוילישע קללות, וועלכע כ׳האָב שוין לאַנגע יאָרן

נישט געהערט. די איידעלע שיינקייט פון דער פרוי האָט נישט הארמאָניזירט מיט דער שפּראַך.

דאָס מיידל האָט געקוקט צו מיר פאַרשעמט. כ׳האָב געוואָלט אַוועק פון דער באַנק. דאָס מיידל ווייסט, אַז כ׳האָב פאַרשטאַנען, כ׳האָב שוין אַ מאָל גערעדט מיט איר פּויליש. זי קוקט אין מיין זייט און שעפּטשעט שטיל צו דער פרוי.

— אָסטראָזשניע (פאָרזיכטיק), איַיער שוועסטער ווייסט, אַז איך קען די שפּראַך — האָב איך זיך אָנגערופן אויף פּויליש.

די פרוי איז פּלוצעם אַנטשוויגן געוואָרן, דער צאָרן איז פאַר־שווונדן פון איר פּנים. זי האָט געזאָגט פאַרשעמט:

— איך בין נעמיס מוטער, נישט שוועסטער, נישט געוווּסט, אַז איך האָב אין קיבוץ אַ לאַנדסמאַנקע.

— עס קומט אייך אַ גרויסן קאָמפּלימענט, איר זעט אויס ווי צוויי שוועסטער.

זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ געמאַכטן געלעכטער:

— איך בין נישט אַזוי יונג, ווי עס דאַכט זיך אייך, מיין אויסזען נאַרט...

זי איז צוגעקומען צו מיין באַנק. אין מיינע אויגן האָט זי אויס־געזען אַרום פינף און דרייסיק, שיין, שלאַנק און רירעוודיק. אירע טונקל־בלאָנדע האָר שיין פאַרקעמט, גרויסע בלויע אויגן און אַ הונגעריקער גלאַנץ אין זיי.

— בלויז פּויליש רעדן האָב איך געהערט, מער גאָרנישט, — האָב איך זיך פאַר איר אַנטשולדיקט, — זייט רויִק, איך ווייס נישט וועגן וואָס איר האָט גערעדט. זייט מוחל, וואָס כ׳האָב זיך אָפּגערופן.

— אַ דאַנק אייך, באמת...

עס איז אָנגעקומען חנן. ער האָט מיך דערזען, באַגריסט מיט דער האַנט און אַריין אין חדר־האוכל.

איך האָב זיך גיך אויפגעהויבן, זיך אַנטשולדיקט פאַר דער פרוי און אַריין נאָך חננען.

ביים אַרויסגיין, נאָכן עסן, איז די פרוי צוגעקומען צו מיר.

— קומט, מיר וועלן זיך אַוועקזעצן אויף דער באַנק, עס איז אַזוי שיין אין דרויסן...

נישט געוועזן ביי מיר קיין חשק דערצו, כ׳האָב אָבער נישט געקענט אַנטזאָגן איר.

זי האָט געוואָלט, ווייזט אויס, זיך פאַרענטפערן, צוליב דער קריגעריי מיט איר טאָכטער, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי איז נערוועז, זי האָט אַדורכגעמאַכט די שואה אין פוילן, דערנאָך אויס־געוואַנדערט קיין טשילע, צום סוף געקומען קיין ישראל. די טאָכטער האָט דאָ געפונען איר צוקונפט אין קיבוץ. אַזוי וויל טאָקע די מאַמע, ווייל די וועלט איז שלעכט, מענטשן זענען רשעים, אין קיבוץ איז אַלץ בעסער — אַזוי גלייבט זי — די טאָכטער איז איר איינציק פאַרמעגן, וויל זי זי אָפּהיטן. די אויפרעגונג היינט? — נעמי גייט מיט אַ בחור, דער מאַמען געפעלט ער נישט, זעט אויס וווּלגאַר און נעמי איז ערשט אַכצן יאָר אַלט.

כ׳האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, איר געזאָגט אַז כ׳פאַרשטיי זי. מיר האָבן גערעדט פויליש. איך האָב נישט ליב די שפּראַך, בין איך אַריבער אויף שפּאַניש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי רעדט אויך גוט יידיש און עברית. מיר איז געווען אַ חידוש, אַז אין איר עלטער האָט זי שוין אַזאַ גרויסע טאָכטער, איך האָב עס איר געזאָגט.

— וויפל יאָר גיט איר מיר?

כ׳האָב זי ווידער באַטראַכט, איר געזאָגט, אַז זי זעט אויס ביי די פינף און דרייסיק.

— אַ מיסטעריע, טראַץ מיינע איבערלעבונגען זע איך אויס מיט צען יאָר יינגער. אַלע זאָגן מיר עס, איר זייט נישט די איינציקע.

מיך האָט געוווּנדערט איר אויפריכטיקייט, אַ זעלטענע זאַך ביי פרויען, וואָס שייך זייער עלטער... זי וווינט אין רמת־אביב, אַרבעט אין שטאָט, אין אַ רעסטאָראַן. כ׳האָב איר געזאָגט, אַז כ׳וועל דאַרפן זוכן אַ דירה אין שטאָט, אַרבעטן ביי שניידעריי. זי האָט זיך דער־פריידט, מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט:

— איך הייס לאה, זיך פאַרגעסן פאָרצושטעלן, אַנטשולדיקט.

וואָס איז דאָ די שימחה? — טראַכט איך — דערלאַנגט איר מיין האַנט און געזאָגט: שׂרה. אויך בלויז מיין נאָמען.

— איך האָב אַ צווייצימער־דירה, כ׳קען אייך דערוויילֿ, אויף אַ געוויסער צייט, אָנבאָטן אַ צימער ביי מיר, אַרבעט וועט אייך נישט פעלן, כ׳האָב אַ סך באַקאַנטע, פרויען, וואָס האָבן ליב זיך צו פּוצן...

זי האָט מיך געפרעגט וועגן מיין זון. כ׳האָב איר דערציילט, נישט אָן שטאָלץ, אַז ער האָט אין אַרגענטינע שטודירט פילאָסאָפיע. דער־נאָך האָט זי מיר געזאָגט, אַז כ׳וועל איר נאָך מסתמא נייען אַ קלייד, אַ חופּה־קלייד, זי שטייט אין שידוכים.

— נישט קיין וווּנדער... זאָל אייך זיין מיט מזל, און וואָס שייך דער דירה, וועל איך עס באַטראַכטן, — האָב איך איר געענטפערט און מיר האָבן זיך געזעגנט.

10

אין גיכן וועל איך אַוועק פון קיבוץ, זיך לאָזן אין שטאָט אַריין, צום עול פּרנסה. נייען קליידער. מילא, ווי זאָגט מען דאָ: אין ברירה.

לאה, מיין נייע באַקאַנטע, קומט יעדן שבת. זי זאָגט, אַז זי קומט זען איר טאָכטער. זי איז נישט צופרידן פון דעם בחור דער טאָכ־

טערס. מיט קללות איז זי שוין איצט פאַרזיכטיק, ס׳טרעפט אָבער, אַז זי כאַפּט זיך אַרויס מ׳ט אַ „שיין" פּויליש ווערטל. זי איז קלוג און אינטעליגענט. זי זוכט מיין חברשאַפט. יעדן מאָל ווען זי קומט אַהער, זוכט זי מיך. זי דערמוטיקט מיך צו קומען אין שטאָט. ווינען ביי איר, ווי זי וויל עס, בין איך נישט גרייט. זי דערציילט מיר וועגן אירע שידוכים. זי רעדט מיט גרינגשעצונג דערפון און, ווי זי זאָגט, איז שוין גאָר נאָענט צו אַ תכלית מיט איינעם. זי הייסט מיר זיין רויִק, אין אַ געוויסן שבת וועט זי קומען אַהער מיט אַ „פּאַרטיקער דירה" פאַר מיר.

איך זיץ אין דרויסן. די זון גלעט מיט אירע לעצטע שטראַלן, און זעצט זיך נידעריק אין מערב. עס איז גוט. די שאָטנס הייבן זיך אָן אויסציִען לענגער, לענגער, — פּליִענדיקע פלעקן אויפן בלויען הימל. עס צינדן זיך שוין ליכט אין די פענצטער, עס באַווייזן זיך קאַמאַרעס.

אַ שטילקייט, פול מיט שלווה, נידערט אַראָפּ פון אויסגעצ־שטערנטן הימל — אויף אַלעמען.

די שומרים גייען שוין מיט די ביקסן אויף די אַקסלען, די אויגן און אויערן אָנגעשפּיצט. אַ גאַנצע נאַכט אַזוי.

טריט פון איינצלנע פאַרבייגייערס, געלעכטערס, אָפענע ראַדיאָ־הילכערס, אָפּגעריסענע שטימען. נאַכט. פּנים־אל־פּנים מיט דער שטילקייט און רו, מיט זיך אַליין.

דער טאָג שטייט־אויף אַן אויסגעבאָדענער אין די ערשטע ליכט־שטראַלן. דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס רייסט זיך אַריין די זון, דאָס געזאַנג פון פייגל.

די זון גאָלדיקט שוין אויף די דעכער פון די נידעריקע היי־זער, די בלעטער פון דיביימער, וואַסער־פאָנטאַנען באַגיסן די גרינע גראָזטעפּעכער, שלענגלען זיך, דרייען זיך אַהין, אַהער. די

מטפּלות טראָגן עסן אין די קינדערהייזער אַריין, עס ווימלט שוין מיט אַרבעט און סדר. עס רוישן טראַקטאָרן. אין דרויסן — אַ ריח פון צעאַקערטער ערד, פריש געשניטענעם גראָז.

אויך איך גרייט זיך גיין צו דער אַרבעט.

11

איך פאָר קיין ירושלים. גרינע באַרגיקע וועגן איינגעהילט אין קדושה. מיינע געפילן, ווי ערב יום־כּיפּור ביי מיינע עלטערן אין שטוב.

אויסגעדרייטע פאַרזשאַווערטע פאַנצער־אויטאָס שווייגן אויס דעם וויטיק פון מאַמעס, פון נאָענטע.

מען דאַרף זיך נאָר איינהערן און די שווייגנדיקע בערגעלעך און טאָלן — זיי דערציילן פון נסים און גבורה.

כ׳טו תפילה — אָן ווערטער — צו דער הייליקער ערד...

12

מיר פאַרלאָזן דעם קיבוץ, אויף דערווייל — אַזוי זאָגט חנן.

ער דאַרף באַלד אָנקומען, באַגלייטן מיך אין שטאָט אַריין. מיט פייכטע אויגן קוק איך זיך אַרום אויף „מיין" גערטנדל, אויף די ווייסע הייזער, אויף די גרינע פעלדער און טראַכט: אַ פאַר־ווירקלעכטער חלום. אַ נייער דור מיט יונגע שעפערישע כּוחות.

אָבער נישט אַלע חלומות ווערן וואָר. אַזוי איז דער שטייגער פון לעבן.

און אַזוי איז אויך אין דעם קליינעם און שיינעם יישוב, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין דער מענטשלעכער טבע. און שיין איז עס, ווייל ס׳איז אַזוי ווי עס איז.

ג

אייביקע וועגן

1

אין שטאָט.

מײַן וווינונג — אַ קליינע מעבלירטע צווייצימער־דירה. כ׳האָב זי באַקומען אַ דאַנק לאהן, ביי אירע באַקאַנטע, אַ פּאָרפּאָלק וואָס איז אַוועק אויף צוויי יאָר צייט קיין חוץ־לארץ. לאה העלפט מיר איצט אין מײַן קליטה, זי וווינט אין דער זעלבער שכונה.

אין אָנהייב פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָב איך זיך געוואָלט דערווייטערן פון איר, איצטער פאַרבינדט אונדז שוין אַ פריינד־שאַפט. זי קומט צו מיר, דערציילט מיר, מיט צוטרוי, וועגן זיך, אַפילו אינטימע זאַכן, מייניסטנס וועגן אירע שידוכים, אין וועלכע זי איז פאַרטאָן. זי לעבט, באַשיידן, איז שפּאָרזאַם, אָבער פּטרט געלט אויף שדכנים. עס האָלט שוין ביי אַ שידוך, כאָטש דער מאַן געפעלט איר נישט. ער האָט אַ גרויסן נאַקעטן ראָזעווען קאָפּ, אַ שפּאָר בייכל, איז עלטער פון איר מיט צען יאָר, ער האָט אָבער מעלות אויך.

— ער איז מסתמא רייך — האָב איך געזוכט די מעלות.

לאה האָט זיך פאַרקרימט.

— אין דר׳ערד האָב איך געלט, כאָטש עס איז מיר שווער צו אַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן, שמייכלען ווען עס גלוסט זיך מיר נישט,

שפּאָרן יעדן גרוש צו קענען קויפן פאַר מיין טעכטערל אַ מתנה. די שדכנים קאָסטן אויך. ער האָט אַ מעלה, אייך וועל איך עס אויס־זאָגן, ער איז נישט פון דאָרטן... פון קיין קאָנצענטראַציע־לאַגער, צי פון אַן אַנדער בייז יאָר. כ׳וויל שוין נישט מער האָבן צו טאָן מיט אַזאַ איינעם, וואָס זאָל מיר דערמאָנען...

לאה האָט נישט דערזאָגט, וואָס זיי דערמאָנען איר, אָבער פון אירע פילמאָליקע רמזים פאַרשטיי איך: זי האָט געליטן.

— הייסט עס, אַז איך האָב אַ באַזונדער מזל ביי אייך.

— איך ווייס נישט, איר דערמאָנט נישט אייערע ליידן נישט מיט רייד, נישט מיטן אויסזען, דערצו פאַרשטייט איר מיך, כ׳וועל זיך שוין ווייטער פאַרטרויען — מיין שידוך: אמת, ער איז צען יאָר עלטער פאַר מיר, אָבער ער איז קרעפּטיק. אַ מאָדע איצט, מען פּרוּווט אויס, צי נאָך פאַראַן ביי זיי כּוח־גבֿרה. כ׳בין מיט אים אַוועק... פאַרטאָגס בין איך צוריקגעקומען. יאָ, עס וועט זיין אַ שידוך, ער שיינט אין גאַנצן, דער אַלטער, איך געפעל אים. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס עס קומט מיר אויס אויסצופּרוּוון. ס׳אַ מאָדע אַזאַ, אַלע טוען עס...

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט ווידערווילן. לאהס אויגן האָבן גע־קוקט אין אַ זייט. זי האָט נישט באַמערקט מיין רעאַקציע אויף אירע ווערטער. זי האָט מיר ווייטער איבערגעגעבן פּרטים וועגן דעם ענין, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— איך האָב עגמת־נפש צוליב מיין טאָכטער, זי גייט מיטן בחור, און איך בין זי חושד, אַז זיי זענען שוין נאָענט צווישן זיך.

אירע אויגן זענען געווען פאַרשפּיצט מיט אומרו.

— הם... זיי זענען שוין „אפשר" נאָענט צווישן זיך... און אפשר איז עס אויך אַן „אויספּרוּוון". עס איז בלויז אַ חשד ביי אייך?

כ׳האָב געוואָלט צוגעבן, אַז זי טראַכט, מן־הסתם, אַז די טאָכ־טער איז ענלעך צו איר. איך האָב זי געשווינט, ווייל זי איז רויט געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן רעדן גיך:

— איך פאַרשטיי, פאַרשטיי... איך וועל דאַרפן אַ ניי קלייד צו מיין חופּה. ווען עס וועט זיין די חתונה, ווייס איך נאָך נישט. כ׳וועל צופאָרן, דערציילן מיין טאָכטער. כ׳וועל אייך שאַפן אַרבעט, איך פרעג זיך נאָך, — האָט זי גערעדט גיך, אײַיליק.

2

ווען וועל איך זען חנבען?

לאה וועט מיר שאַפן אַרבעט, און וועט זיך אַראָפּרעדן פאַר מיר. און נאָך דער אַרבעט? ווידער בענקען.

אין שיכון, וווּ איך וווין, זענען פאַראַן עולים חדשים. די נייע עולות נייען זיך נאָך נישט קיין קליידער. איך טרעף זיי אין דרויסן, אַלע ווייסן שוין פון מיר. לאה דערציילט זיי. לויט דעם „שלום״, לויט זייער שמייכלען צו מיר זע איך, אַז קיין שלעכטס רעדט זי נישט.

מיט וואָס איך האָב זוכה געווען דערצו ווייס איך נישט, בלויז מיטן אויסהערן זי?

זי וויל מיר פאַרלייכטערן מיין קליטה, האָט זי מיך באַקענט מיט עטלעכע שכנים, גלייכצייטיק באַטאָנט אַז כ׳בין אַ וואַזשנע שניידערין.

דערווייל קוק איך אַריבער צו די קעגנאיבערדיקע באַלקאָנען, שאָקל מיטן קאָפּ צו די וועלכע דאַרפן מיר פאַרלייכטערן דאָס לעבן... די נאָענטסטע שכנים: אַ מיטל־יעריק פּאָרפּאָלק, איך ווייס שוין וועגן זיי פון לאהן. זיי קומען פון אַ לאַנד, וווּ אָרדענונג איז דאָס

ערשטע געבאָט, זיי פירן אַ רויִק לעבן. רעדן כּמעט נישט מיט קיינעם, באַגריסן זיך נאָר. יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה שפּאַצירן זיי. ווען עס איז הייס זיצן זיי אין דרויסן פאַר דער שטוב. קומט אַ קיל ווינטעלע, פאַרשווינדן זיי.

אויב זיי רעדן אַ מאָל עטלעכע ווערטער מיט שכנים, רעדן זיי וועגן וועטער.

אַ צווייטע שכנה האָט מיר געוויזן אויף זיי נישט־פאַרגינעריש:

— קוקט זיך צו צו זיי, זיי זיצן אויף דער זון ווען ס'איז קאַלט, זיצן אין שאָטן ווען ס'איז הייס, היטן זיך, נישט נאָס צו ווערן אין אַ רעגן, עסן מיט אַ פול מויל, פיינשמעקערס! מ'האָט זיי טאַקע גערופן „די פיינשמעקערס". פּרנסה האָבן זיי געהאַט: פּענסיע און פּיצויים. אויף די שכנים האָבן זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ. זיי טראָגן זיך אַרום מיט אילוסטרירטע צייטשריפטן...

מען האָט זיי כּמעט נישט געפילט. כ'האָב נישט געזען פון זיי קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס. קיינעם זעענן זיי גאָרנישט שולדיק, און קיינער קומט זיי נישט. פאַר וואָס די טענות פון די שכנים? איך באַגריס זיך מיט זיי, זיי גריסן צוריק זייער פריינדלעך. כ'זאָג זיי אויף זייער נוסח:

— אַ שיינער טאָג היינט — ענטפערן זיי:

— יאָ, אַ שיינער טאָג.

— אין דער צייט דאַרף מען באַגיסן דאָס גערטנדל.

— יאָ, אין דער צייט.

איין מאָל האָב איך געטראָפן די פרוי שלעפן צוויי קוישלעך שפּייז פון געוועלב. כ'האָב איר געוואָלט העלפן:

— איך וועל אייך העלפן, כ'גיי אַהיים. שווער פאַר אייך.

זי האָט זיך אָנגעצונדן:

— אַ דאַנק, שווער? אַלץ איז פאַר מיין געלט!

שוין, כ׳האָב זיך מער נישט געפּרוּווט פּאַרטשעפּען מיט זיי.

אַ צווייט פּאָרפּאָלק, פּשוטע און גוטמוטיקע מענטשן, אויך גע־קומענע פון אַרגענטינע. זיי האָבן מיך, אַלס לאַנדסמאַנקע, פריינד־לעך פאַרבעטן צו זיך.

— זיי קלייבן זיך ווערן יורדים, — האָט מען מיר געשעפּטשעט אויפן אויער.

— יורדים ? — כ׳בין געוואָרן נייגעריק. כ׳האָב אָנגענומען זייער איינלאַדונג.

זיי האָבן מיט גרויס פאַרביטערונג גערעדט וועגן לאַנד.

— געקומען אין לאַנד פון „מילך און האָניק״. ניין, די יידישע מדינה איז נישט דאָס וואָס מען שטעלט זיך פאָר, ווי מיר האָבן זי אויסגעחלומט.

די פרוי האָט אָנגעהויבן זיפצן.

— מיין מאַן איז שוין נאָך די פופציק, אָבער ער קען אַרבעטן פאַר צוויי, און דאָ גייט מיט דער פוטער אַראָפּ. באַקומט ער עפּעס אַן אַרבעט, איז איידער ער דערוואַרעמט זיך ביי דער אַרבעט, זאָגט מען אים שוין אָפּ.

איך בין פון איר געוווּיר געוואָרן, אַז אין אַרגענטינע איז איר מאַן געווען אַ גרויסער אויסטויגער, און דאָ איז זיין עלטער אַ שטער איינצואָרדענען זיך.

איך קוק אויף זיי מיט רחמנות. ער אַ הויכער און אַ דאַרער, זי אַ נידעריקע, אַ בלאַסע. לויט זייער אויסזען, לויטן אויסזען פון זייער שטוב, בין איך זיך משער, אַז דאָס לעבן האָט זיי ביז איצט נישט געבאַלעוועט. זיי האָבן איבערגעלאָזט דאָרט די קינדער, דריקט אויף זיי די איינזאַמקייט און בענקשאַפט. דאַרף מען עמעצן, אויסצוגיסן די ביטערקייט. ווער ווייס זיך עס לאָזן ? צו קיין שלעכטס זענען זיי נישט פעיִק, בייזערן זיי זיך אויף זוניקע, הייסע טעג

און קילע נעכט, אויף שלעכטע מענטשן, אויף דער ביוראָקראַטיע (וואָס פעלט נישט אין לאַנד).

אַ צווייט מאָל האָב איך זיי געטראָפן נאָך מער פאַרביטערט. שווער זיי צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. יעדער קלאַנג פון זייערע ווערטער ווייזט דעם היפּוך פון זייערע טענות צום לאַנד.

— מיר האָבן רייכע קרובים, עגאָיִסטן, האַלטן זיך פון וויטן. ווען זיי העלפן, וואָלט אַנדערש געווען. זיי האָרעווען, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט אָפּצועסן. זיי קומען זיך צונויף מיט זייערע פריינד — מיר זענען נישט וויכטיק. אַוודאי, נישט קיין גבירים זענען מיר, — יעדער באַרימט זיך, וויל ווייזן זיין עשירות. דאָס געקויפט, יענץ געקויפט, ביי „איוואַניר״... אַז מ׳האָט געלט!

— ראָסאַ, ראָסאַ, צעיאַכמער זיך נישט, — האָט ער, אַ פאַר־שעמטער, זי געפּרוווט באַרויִקן.

— אַוודאי, דער ציוניסט האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט, מיך צעבראָכן. זיין ברודער איז דאָס... אַלע, די גאַנצע משפּחה זיינע זענען היפּער־פּאַטריאָטן. מיין מאַן האָט דאָרט געאַרבעט פאַר ישׂראל, פאַרנאַכלעסיקט די פּרנסה, און דאָ קוקט זיך קיינער נישט אום אויף אים, אַ לאַנד... פאַר פאַרריכטן אַ פּרימוס־מאַשינקע האָב איך באַצאָלט פינף פונט... געלאָזט דאָרט מיינע קינדער...

איך האָב זיי געענטפערט, גערעדט, באַרויִקט.

זיי האָבן זיך אַנדערש פאַרגעשטעלט. זי האָט געמיינט, אַז דאָ וועט איר מאַן עפּעס אויפטאָן. גייט גוט, זעט מען דאָ כּולו גוטס, גייט שלעכט, זענען די מענטשן שלעכט, דאָס לאַנד, דאָס וועטער. אַלץ זעט מען אין ליכט פון די אייגענע דורכפאַלן. לויט אירע ווערטער, טוט איר ווי יוֹרד צו זיין, זי בענקט אָבער נאָך די קינדער.

— ער, אַלץ ער! נישט געוואָרט, פאַרנאַכלעסיקט דאָס געוועלב, נאָר עולה זיין, נישט געוואָרט אויף די קינדער...

— שוין ווידער זיך אָנגעצונדן ווי אַ טרוקענע שטרוי ? —

די פרוי האָט אין דער גיך, אַ פאַררויטלטע, אַ נערוועזע, מיר דערלאַנגט דעם אַדרעס פון די באַרעדטע קרובים, די וותיקים :

— כ׳האָב פאַרגעסן, כ׳האָב ביי אַ געלעגנהייט דערציילט מיין שוועגערין וועגן אייך, זי וועט באַדאַרפן עטלעכע קליידער פאַר דער טאָכטער, זי קלייבט זי חתונה מאַכן, מיר וועלן מיט מזל האָבן ביי זיי אַ חתונה... אין צוויי חדשים אַרום האָט זי געהייסן קומען, זיי פאָרן אויף וואַקאַציעס, דערנאָך וועלן זיי באַנייען אַ דירה.

איך האָב גענומען דעם אַדרעס, באַדאַנקט.

— אָבער איך בעט אייך, קיין וואָרט רעדט דאָרט נישט דער־וועגן, וואָס איר האָט דאָ געהערט.

איך האָב זיך אָפּגעטרייסלט דערפון, איר געזאָגט, זי זאָל נישט זאָרגן דערוועגן. מיט אַ שווער האַרץ בין איך אַוועק פון זיי.

נעכטן האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן פאַרדונגען זייער קליין צימער פאַר אַ סטודענטין, מיט עסן...

3

די לעצטע זומערטעג בריִען מיט היץ, ווי זיי וואָלטן זיך גע־איַילט אויסצולאָדן דעם גאַנצן זומער אין איין מאָל.

נאָך דער אַרבעט אין פרעמדע שטובן — זיץ איך אין די אָוונטן אויף מיין באַלקאָנדל. רו זיך אָפּ פון טעגלעכן האַוועניש. אויף די דערבייַיִקע באַלקאָנען שפּילט מען אין קאָרטן. אונטן, אויף דער גאַס, אַהין און אַהער, איַילן מענטשן, גייען זייער וועג. פרעמדע פאַרבייגייערס, יעדער מיט זיין גורל, מיט זיין אינטים לעבן. וואָס ווייס איך פון זיי ? וואָס ווייסן זיי פון מיר ?

איך אַרבעט טעג און ווי די אַמאָליקע ישיבה־בחורים, עס איך טעג אין פרעמדע שטובן. די מענטשן זענען דאָ גאַסטפריינדלעך, צוגעלאָזן. פאַראַן אַ סך, גאָר אַ סך, וואָס האָבן אַדורכגעלעבט שווע־רע צייטן, סיי דאָ, סיי „דאָרטן" (אונטער די נאַציס).

און ווען מען באַקומט צוטרוי ביי יענעם איז מען להוט זיך אַראָפּצורעדן, מיינסטנס פרויען. פאַראַן אַזעלכע וואָס בענקען נאָך געוועזענע צייטן, רעדן וועגן אַמאָליקע גליקן, זוכן ביים צוהערער אינטערעס און פאַרשטענדעניש. איך ווער אַ שותפטע צו יענעמס לעבן.

איצט האָב איך אַליין חשק זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, פונקט ווי יענע, זיך באַפרייען פון אַ לאַסט.

4

די קליענטקע האָט מיר געשאַפן לאה. דערציילט וועגן איר, זי פאָרגעשטעלט ווי אַ זיצערקע אין די קאַפעען, זי זיצט אין די פריי־מאָרגנס דאָרט וווּ לאה אַרבעט. לאה דערציילט:

— מען שמועסט, זי האָט אַן אָפענע האַנט און האַרץ, — נישט בלויז פאַר נויטבאַדערפטיקע, אויך פאַר מענער. זי קוקט אין קאַפע אויף מענער, ווי אַ נאַשער אויף זיסוואַרג. כ׳האָב עטלעכע מאָל גע־כאַפּט אַ שמועס מיט איר, אַ סך צו שמועסן האָב איך נישט קיין צייט, אויך נישטאָ וועגן וואָס צו שמועסן מיט איר. זי זאָגט מבינות אויף די קליידער פון די פאַרבייגייענדיקע פרויען, אויך אויף מענער. אויף מענער איז זי דווקא אַ מבינטע. זי איז נישט קיין מיאוסע, נישט קיין שיינהייט, זי איז, פיוי, פיוי, — האָט זי געוויזן מיט דער האַנט אין דער לופטן.

— איר שפּאַרט מיר איין אַרבעט, לאה, איך קען מיינע קליענט־קעס איידער איך באַקען זיך מיט זיי.

— איך אַרבעט אין אַ קאַפע־רעסטאָראַן...

— נו, און וואָס הערט זיך ביי אייך וועגן חתונה האָבן?

לאה איז געוואָרן ערנסט:

— עס וועט געשען בקרוב. אויף שבת פאָר איך צו נעמין אין קיבוץ, איר זאָגן, קומט אויך מיט.

— כ׳וואָלט גערן פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין קיבוץ, אָבער מיין זון וועט זיין אויף אַ טיול, איך וויל אים זען. ווען נישט מיין אַרבעט וואָלט מיר שווער געווען די צעשיידונג.

לאה האָט געזיפצט:

— ביי מיר אויך אַזוי.

5

כ׳בין צוגעפאָרן צו דער „זיצערקע אין די קאַפעען״.

זי זעט אויס נאָענט צו די פערציק, האָט אַ פאַררונדיקטן שיינעם קערפּער, דאָס פּנים גלאַט, פריש, רונדיק, מיט אַ זאַטן אויס־דרוק.

כ׳האָב איר געזאָגט ווער עס האָט מיך געשיקט און נאָך וואָס כ׳בין געקומען.

מיט אַן איבערגעטריבענער העפלעכקייט האָט זי מיך אויפגענומען, מיר געוויזן דאָס צימער ווו עס שטייט די ניימאַשין, וועלכע זי האָט נאָך בירושה פון איר מאַמען, אָבער זי קען זיך מיט איר נישט באַנוצן.

דערנאָך האָט זי מיר געוויזן די גאַנצע דירה. אַוודאי שיין. כ׳האָב אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין התפעלות, ווי זי האָט עס געוואָלט.

זי דערציילט מיר:

— איך האָב ליב מענטשן, געבן אַ לאַך, הערן אַ וויץ. וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן? ווען נישט דאָס?.. מיר קומען זיך צוזאַמען אין די אָוונטן, אַ מאָל ביי מיר, אַ מאָל ביי יענעם, מען פאַרברענגט, ווען מ׳זאָל זיצן אין שטוב, זיך אַריינטראַכטן, קען מען משוגע ווערן.

ביים רעדן באַקומען אירע אויגן פון צייט צו צייט אַן אומרויִקן, אומגעדולדיקן גלאַנץ, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס.

איר מאַן, שוין דער דריטער (אַזוי זאָגט זי, לאה זאָגט, אַז זי האָט געהאַט מער), זעט אויס ביי די זעכציק, אַ הויכער מאַנספּאַר־שוין מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען. זיינע טיפע אויגן האָבן אין זיך אַ ווייכע גוטסקייט. ער שמועסט מיט מיר העפלעך, דערנאָך זעצט ער זיך אַוועק אין לענשטול, אויף דער מירפּסת לייענען. זי דערלאַנגט אים טיי, זי פרעגט אים צי ער וויל עפּעס עסן, ער קוקט אויף איר מיט וואַרעמקייט און זאָגט:

— גענוג געגעסן, זעץ דיך אַוועק — ווייזט ער איר דעם צווייטן לענשטול נעבן זיך.

— כ׳האָב נישט קיין געדולד צו זיצן.

זי גייט אַוועק, שפּיגלט זיך, שמירט דאָס פּנים מיט קרעם. די טאָכטער, אַ שילערין פון אַ מיטלשול, איז אַ שיין, חנעוודיק מיידל, האָט אָבער אָנגעשפּיצטע, נערוועזע אויגן, אויך איר שפּראַך און באַוועגונגען זענען נערוועזע.

איר רעדן מיט מיר איז ווי דרך־אַגב, מיט געמאַכטער העפ־לעכקייט, זי שפּיגלט זיך, קעמט זיך די האָר, און זעצט זיך אַוועק מיט אַ זשורנאַל, דערנאָך ערשט מאַכט זי די לעקציעס.

אין דער פרי בלייב איך מיט דער בעל־הביתטע אַליין. זי איז נערוועז, אַלץ פאַלט איר פון די הענט, לאה האָט איר געזאָגט אַז איך „פאַרשטיי פּסיכאָלאָגיע" — רעדט זי זיך אַראָפּ פאַר מיר:

— כ׳בין נערוועז, ווען כ׳דאַרף זיצן אין שטוב ווי אין אַ שטײַג, און נישט אַרויסגיין.

— צוליב מיר? — פיל איך זיך שולדיק.

— ניין, נישט בלויז צוליב אייער נייען, פאַראַן זאַכן... איך פאַרשטיי וואָס עס איז גוט פאַר מיר, איז מען מיר מקנא. אַנשטאָט צו שייערן און ראַמען ווילט זיך מיר אַוועקזעצן אין אַ קאַפע, קוקן אויף מענטשן, מיר געפעלן שיינע קליידער, כ׳האָב ליב צו שפּילן קאָרטן, און אַז מען רעדט שוין מיט אַ מאַן, איז וואָס? פאַר וואָס זוכן זיי נישט ביי זיך קיין חטאים? מיך וועלן זיי נישט גע־נאַרן, מאַכן זיך פאַר מלאכים...

איך האָב נישט געוווּסט ווי זי צו טרייסטן, דאָך האָב איך איר געזאָגט:

— מילא, זיך צוהערן צו אַלץ וואָס מען רעדט...

— זיי טראָגן עס אָבער צו צו מיין מאַנס משפחה — האָט זי שוין ממש אויסגעשריגן און זיך ווייטער פאַרטרויט:

פון איר ערשטן מאַן האָט זי אַ זון, ער איז מיטן פאָטער. מיטן צווייטן מאַן אויך נישט גוט געווען. געווען מייַנס, דייַנס און אונ־דזערס, נישט געטויגט. די טאָכטער... זי האָט זיך צוריקגעכאַפּט, אָבער כ׳ווייס אַז דער איצטיקער מאַן איז נישט דעם מיידלס פאָטער.

אַוודאי פעלט איר איצט גאָרנישט. אהרון איז אַ גוטער. ער איז אָבער אייפערזיכטיק. וואָס מער זי צעבליט זיך, אַלץ מער אייפער־זיכטיק ווערט ער...

— ער איז פריִער נישט געווען אַזוי. אַלץ צוליב אַ חבר. איין מאָל איז געקומען זיינס אַ חבר, אַ ייִנגערער, אַ פריילעכער יונג. אהרון האָט געזען ווי יענער האָט מיר געגעבן אַ קוש, סתם, כ׳ווייס אַז איך געפעל אים, אָבער עס איז געווען סתם, ער איז אַזוי פול מיט לעבן יענער, וויִצן שיטן זיך ביי אים ווי פון אַרבל אַרויס...

צו מאָרגנס האָט די טאָכטער פאַרשלאָפן, נישט געגאַנגען אין שול. פון איר צימער האָבן זיך דערטראָגן שאַרפע רייד:

— אַזוי שפעט ביי נאַכט, פאַרשלאָפן דעם בית־ספר... עס איז אַ סקאַנדאַל. דו דאַרפסט וויסן, ווי זיך צו פירן! ווייסט נישט וואָס עס איז געשען מיט נוגהן? זי גייט אַזוי יונג חתונה האָבן, און באַלד, אין האַניק־חודש וועט זי ניאַנטשען אַ קינד...

— אמא, מה את רוצה ממני? את צדקנית?.. איך וועל טאָן לויט מיין רצון. מיין אויפפירונג, מיין לעבן געהערן מיר אַליין. אַז כ׳וועל אַלט זיין ווי דו, וועל איך טראַכטן אַנדערש.

— שווייג, דו אויסגעלאַסענע, דו חצופה!

— אמא, אַלע זאָגן, כ׳בין ענלעך צו דיר, איך הייב ערשט אָן, דו וועסט באַלד ענדיקן, דו ביסט אַ זקנה, פינף און פערציק יאָר.

קיין ווערטער האָב איך שוין מער נישט געהערט, בלויז געשרייען און אַ קוויטשעריי.

די טאָכטער האָט מסתמא באַקומען קלעפּ.

די מוטער איז אָנגעקומען אָן אויפגערעגטע, מיט אַ צעפלאַמטן פּנים.

שוין דער פערטער טאָג ווי איך ניי ביי איר. היינט דאַרף איך ענדיקן אַ קלייד, איך איַיל זיך. דווקא היינט דאַרף זי האָבן דאָס קלייד, גיין „ערגעץ״, ווען דער מאַן איז פאַרשלאָפט, קען זיך נישט אויפהייבן פון בעט. איצט איז זי אַוועק אין מכולת, עפּעס געשען מיט דער עוזרת וואָס קומט דריי מאָל אין דער וואָך. שוין עטלעכע טעג ווי זי באַווייזט זיך נישט.

זי האָט גענומען אַ קוישל און איז אַרויס אָן אויפגערעגטע.

זי זאָמט זיך לאַנג. כ׳בין אַריין אין צימער, ווו דער מאַן איז געלעגן, אים געפרעגט צי ער דאַרף עפּעס.

ער האָט מיך פּיין באַדאַנקט, מיר דערציילט, אַז ער ליידט פון שאַרפע רעוומאַטישע שמערצן פון צייט צו צייט, ער נעמט תרופות, רוט זיך אויס עטלעכע טעג אין בעט, ביז ס׳ווערט בעסער.

— איר אַרבעט אַ סך ? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַ סך, נישט קיין סך, מען האָוועט אַרום אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט ווידער : קאָרטן, מסיבות, רעסטאָראַנען, עס סטייעט נישט קיין געלט, כאָטש גיי באַגנבע אַ באַנק. „מאָדערנע צייטן״. אַ שיין פּנים האָבן די מאָדערנע צייטן...

— איר האָט קינדער ?

ער האָט זיך צעשיינט :

— כ׳האָב חתונה־געהאַטע קינדער, אייניקלעך, כ׳האָב נחת פון מיינע קינדער. מיין זון שוין באַוויזן גבורה דאָ אין לאַנד, הלוואי זאָל מען מער נישט באַדאַרפן קיין גבורה פון אונדזערע אַלעמענס קינדער. אָבער וואָס זאָל מען טאָן ? די אויגן מוזן זיין תמיד וואַך. אונדזער מדינה, מיר מוזן זי אָפּהיטן ווי דעם טייערסטן אוצר. ווי זאָגן זיי, די יונגע : אֵין ברירה.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אין קלייד וואָס כ׳דאַרף אויסענדיקן, זיך אַנטשולדיקט.

— מען דאַרף גיין צוריק צו דער מאַשין.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט ביטול :

— איר וועט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן.

די פרוי איז אָנגעקומען נאָך מער נערוועז. זי איז צו צום טעלעפאָן, געקלונגען צום מאַנס קרובים, געזאָגט אַז ער איז קראַנק, זי איז אַריין צום מאַן.

— כ׳האָב געקלונגען צו משהן, — האָב איך דערהערט פון דער אָפענער טיר.

— צו וואָס מאַכסטו דערפון אַ טאַראַראַם? עס וועט מיר גיך אַדורך.

— איידער זיי זאָלן קלינגען, דיך נישט טרעפן אין געשעפט.

— זי האָט זיך צעוויינט.

— וואָס וויינסטו, נאַרעלע? עס האָלט נישט, חלילה, אַזוי שלעכט מיט מיר. דאַרפסט נישט נעמען זיך צום האַרצן, מאָרגן וועל איך שוין קענען אויפשטיין. האַרעווע ווייניקער, איך וועל זיך נאָכפרעגן וועגן אַן עוזרת.

זי איז אַריין אין סאַלאָן, איז צו צום טעלעפאָן. אַלץ וואָס זי האָט גערעדט האָב איך נישט געהערט, אָבער דער עיקר איז ליידער דערגאַנגען צו מיינע אויערן. זי האָט עמעצן געזאָגט, אַז היינט קען זי נישט קומען... „ער" — זי האָט געזאָגט: „ערער רעדט, ערער בעבעט אַז עס טוט אים ווי, כ'וועל פּלאַצן" — האָט זי צוגעגעבן, זי האָט נאָך אַריינגערעדט, געשמייכלט אין טעלעפאָן אַריין, צום סוף האָט זי צוגעגעבן, אַז מאָרגן וועט זי ווידער קלינגען, אפשר וועט „ערער מאָרגן אויפשטיין".

ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געוויינט, ווייל זי קען נישט „באַנייַען" היינט דאָס קלייד. און דער מאַן מיינט, אַז זי וויינט צוליב דעם ווייל ער איז קראַנק.

מיר האָט זי שפּעטער געזאָגט:

— איך קען נישט זיצן אין שטוב, ווי אין אַ טורמע. מיין מאַן האָט ליב שטילקייט. איך שטער אים נישט חס־וחלילה...

יענעם טאָג האָב איך סוף־כל־סוף אַרויסגעענדיקט דאָס קלייד און מיט דעם פאַרענדיקט מיין אַרבעט ביי איר.

6

פון מאַריאַן באַקום איך שיטערע, גאָרנישט־זאָגנדיקע בריוו. איך דריי דאָס בייגעלע פּאַפּיר, זוך אין אים עפּעס, געפין גאָרנישט. און אויף די בריוו קומט מיר אויס צו וואַרטן, וואַרטן. אפשר היינט, אפשר מאָרגן?..

איך שרייב דווקא אָפט. בעט אים: שרייב!

נאָכן פאַרענדיקן מיין אַרבעט ביי דער „זיצערקע אין קאַפע" האָב איך באַשלאָסן זיך אָפּרוען צוויי טעג, ביז מיטאָג בלייבן אין בעט.

שפּעט אין פרימאָרגן האָט עמעצער אָנגעקלונגען אין מיין טיר. ווער קען דאָס זיין, האָב איך געטראַכט? — לאה אַרבעט, די אַנדערע שכנים פאַרנומען. מסתמא אַ טעות. איך גיי אַראָפּ פון בעט, דער־נענטער זיך צו דער טיר, פרעג ווער עס איז.

— דאָס בין איך, בתיה, וואָס וווינט ביי כאַסאַ און לייבעלן. איר האָט היינט נישט געעפנט די לאָדנס, ווי אַלע טאָג, איר זייט נישט אַרויס. איר פילט זיך גוט?

עס האָט מיך פאַרפלייצט אַ דאַנקבאַרקייט צום יונגן מיידל. כ׳האָב געעפנט די טיר.

— אַ דאַנק אייך פאַר אייער זאָרג. איך רו זיך היינט אָפּ.

— כ׳בין צופרידן, — האָט זי געזאָגט און געוואָלט אַוועק.

— וואַרט צו אַ ביסעלע, כ׳וועל זיך ברענגען אין אָרדענונג, איר קענט אַריינקומען.

— איך שטער דאָך איצטער, אַ צווייט מאָל.

— ניין, איר שטערט נישט, אָט באַלד. קומט אַריין.

איך פאַרקנעפּל אויף גיך דעם שלאָפראָק, קוק זי אָן מיט נייגער. כ׳האָב שוין אַ סך מאָל באַוווּנדערט אירע טיפּיש סלאַווישע שטריכן. זי שטודירט, לערנט עברית.

— לכּבוד אייך — און איך האָב נאָך היינט אויך גאָרנישט געטרונקען — וועל איך עפּעס צוגרייטן, וואָס טרינקט איר?

מיר טרינקען טיי. ס'איז מיר גוט מיט אָט דער סימפּאַטישער יונגער בחורה מיט די גלאַטע פלאַקסענע האָר און גרויע אויגן. זי רעדט אַ שלעכטן עברית.

— איר זייט אַן עולה חדשה?

— דריי חדשים אין לאַנד, איך לערן עברית. עס איז שווער, אָבער איך מוז, כ'וועל דאָ פאָרזעצן מיינע לימודים, ביאָלאָגיע.

— איר זייט אַ רוסישע? באמת?

— געבוירן אין רוסלאַנד, זיך רעפּאַטריִירט מיט מיין מאַמע קיין פּוילן. איר דערמאָנט מיר מיין מאַמען, איך בענק נאָך איר.

כ'האָב זיך דערמאָנט אָן מאַריאַן, רעדט ער אויך אַזוי וועגן מיר?

— פאַר וואָס זייט איר נישט געקומען צוזאַמען מיט אייער מוטער?

זי האָט טרויעריק דערציילט:

— מיין מאַמע איז אַ קראַנקע, זי האָט שוין דאָרטן אירע דאָק־טוירים, אירע מעדיקאַמענטן. כ'האָב מורא געהאַט זי אויסצושטעלן אויף די נייע שוועריקייטן. שפּעטער וועל איך זי ברענגען אַהער. עס דאַרף דויערן, דערווייל בענקען מירביידע.

— איר זייט אַ גוטע טאָכטער, כ'ווייס נישט, צי מיינע זין רעדן אויך אַזוי.

כ'האָב איר דערציילט וועגן מאַריאַן, וועגן מיינע קינדער. זי האָט מיך באַרויִקט, אַז זיכער איז מאַריאַ אַ גוטער זון, אָבער די טאָג־טעגלעכע בעיות פאַרשלינגען די צייט. מיט איר טרעפט אויך אַזוי, זי לייגט אָפּ דאָס שרייבן פון היינט אויף מאָרגן...

בתיה האָט געקוקט אויפן זייגער, זי דאַרף פאָרן אין אולפּן, זי וועט קומען צו מיר, אַוודאי וועט זי קומען.

דעם זעלבן טאָג איז געקומען אַ בריוו פון מאַריאַן.

ער שרייבט, אַז ער איז באַזאָרגט צוליב מיין פאַרלאָזן דעם קיבוץ, פרעגט וואָס איז געשען, וואָס כ׳האָב געמוזט אַוועק פון חנבען און אין מיין עלטער אָנהייבן פון דאָס ניי...

איך וועל אים אַלץ אויפקלערן, זאָל ער נישט טראַכטן, אַז מען טוט מיר אַן עוולה.

איזאַבעל וואַרט שוין די טעג אויף אַ קינד.

מיין ערשט אָפּגעשמדט אייניקל...

7

כ׳האָב איינגעלאַדן בתיהן. דערציילט איר וועגן מאַריאַס בריוו, וועגן מיין צוקונפטיקן אייניקל...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געשוויגן, דערנאָך אָנגעהויבן רעדן פויליש.

— מיט מיר איז אַ גאַנצע געשיכטע, מיין מאַמע איז בשעת דער מלחמה פאַרוואַלגערט געוואָרן פון פוילן קיין רוסלאַנד, דורכ־געגאַנגען... נו, ווי אַלע אַנדערע, אַ גיהנום. מיין טאַטע איז נישט קיין ייד, אַן אוקראַיִנער, איך געדענק אים קוים, מיין מאַמע רעדט ווייניק וועגן אים, קיין שלעכטס רעדט זי נישט. זי האָט אים פאַר־לאָזט, ווען כ׳בין געווען קליין. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פוילן, אַלס רעפּאַטריאַנטן, האָב איך אָנגעהויבן גיין אין אַ פּוילישער שול מיטן באַוווסטזיין, אַז כ׳בין פון אַ פּוילישער (קריסטלעכער) מאַמען און אַ טאַטן אַן אוקראַיִנער. שפּעטער האָט מיר מיין מאַמע דערציילט, אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן.

איך האָב זיך אָנגעהערט אַ סך שלעכטס וועגן יידן, איך האָב געגלייבט דערין, זיי פיינט באַקומען. ווען כ׳האָב אָבער גערעדט

דערוועגן מיט מיין מאַמען, האָט זי צו נישט געמאַכט די באַשול־דיקונגען קעגן יידן. ביי פיל געלעגנהייטן האָט זי אַפילו גערעדט גוטס אויף יידן. מיר איז געפעלן איר טאָלעראַנץ לגבי יידן. כ׳האָב עס צוגעשריבן איר אומבאַגרענעצטער אינטעליגענץ.

יאָרן זענען געגאַנגען, מיין מאַמע האָט געאַרבעט און איך האָב געלערנט, באַשלאָסן צו ווערן אַ ביאָלאָג. שפּעטער, ווען מיין מאַמע האָט אָנגעהויבן קרענקען, האָב איך געמוזט גיין אַרבעטן. געפונען אַ באַשעפטיקונג אַלס איבערזעצערין פון רוסיש אויף פּויליש. אין יענער צייט האָב איך שוין געגרייט מיין דאָקטאָראַט. כ׳האָב אָפט געדאַרפט אָנקומען צו ענגלישע טעקסטן און געהאַט שוועריקייטן מיט דער שפּראַך. פּונקט איז געקומען צו מיר אַ חברטע פון אוני־ווערסיטעט, אַגב, אַ הויקער און אַ מיאוסקייט, מיר זענען אָבער געווען חברטעס. איך האָב איר אַ סך מאָל צוגעהאָלפן מיט איבער־זעצן פאַר איר מאַטעריאַלן פון רוסיש. זי האָט דאָס מאָל געדאַרפט פון מיר אַן איבערזעצונג פון רוסיש צו איר דאָקטאָראַט. איך האָב זיך דערפריידט, מיר וועלן מאַכן אַ בייט. זי קען ענגליש, וועט זי מיר איבערזעצן מיינע טעקסטן און איך וועל פאַר איר איבערזעצן פון רוסיש. זי איז סמכים געווען. זי האָט אַ סך מאָל גענאָסן פון מיינע טובות.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט און אין אַ קורצער צייט כמעט פאַרטיק געוואָרן. איך גיי צו איר, איר אָנזאָגן די גוטע בשׂורה, אַז אין גיכן וועט עס ביי מיר זיין פאַרטיק.

— זאָשאַ, וואָס הערט זיך מיט מיין איבערזעצונג? איך וועל עס באַלד באַדאַרפן, עס וועט זיין?

זי ווייזט מיר צוויי איבערגעזעצטע זייטלעך, איך בלייב אָפּ־העטיק, כאַפּ זיך ביים קאָפּ.

— ווען וועסטו עס מאַכן?

— עס מוז נאָך דויערן, אָבער דיר פעלט ווייניק, מאַך עס מיר פאַרטיק.

— איך וועל עס דיר געבן, ווען דו וועסט פאַר מיר מאַכן די איבערזעצונג, — האָב איך, שוין אַן אויפגערעגטע, געזאָגט.

— אַ זשידוווקע בלייבט אַ זשידוווקע, אייביק וויל זי מאַכן געשעפט.

— דו, מנוולת, ווי וואַגסטו אויף מיר זאָגן זשידוווקע ?!

— דיין מאַמע איז אַ זשידוווקע, דו האָסט עס פאַרבאַהאַלטן, זיך אויסגעשטעלט פאַר אַ קריסטין, זעסט ווי מען שעמט זיך צו זיין אַ זשידוווקע ?..

כ׳בין צוגעשפּרונגען צו איר :

— מיין מאַמע אַ זשידוווקע ? ווי וואַגסטו עס זאָגן אויף מיין מאַמען ?!

זי האָט געכאַפּט אַ פּרעסאייזן וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש :

— כ׳וועל דיר צעממיתן דיין זשידאָווסקע מאָרדע, אַרויס !

מיט אַ שטורעם איין האַרצן בין איך געלאָפן צו מיין מאַמען. כ׳האָב זי אָנגעקוקט מיט געבעט, זי זאָל מיר אָפּלייקענען יענערס ווערטער. ס׳איז דאָך אַ ליגן, עס מוז זיין ליגן ! — האָב איך געשריגן.

מיין מאַמע, מיט טרערן אין די אויגן, האָט באַשטעטיקט אַז זי האָט פון מיר אויסבאַהאַלטן איר יידישן אָפּשטאַם.

דער אמת איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז כ׳האָב זיך איינ־געבראָכן.

אַ צייט האָב איך נישט גערעדט מיט מיין מאַמען, ביז זי האָט זיך געלייגט אַ קראַנקע אין בעט, זי האָט צו מיר גערעדט, גערעדט, זיך פאַרטיידיקט.

די פּוילישע חברטע האָט זיך באַמיט מיך צו באַשמוצן, פאַר־שפּרייט וועגן מיר שקרים. זייערע בליקן האָבן מיך געשטאָכן, מען האָט אָנגעהויבן מיך גרינגשעצן, אויסמיידן.

מיין מאַמע האָט מיר אַלץ דערציילט, וועגן יידישקייט און יידי־שער מאַרטיראָלאָגיע. מאָדנע געפילן האָבן זיך אין מיר אויפגע־וועקט, דערוואַכט.

צו ביסלעך איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. עס איז מיר געווען אַ רחמנות אויף מיין מאַמען, זי האָט געליטן. דער באַשלוס איז גע־קומען אומגעריכט: אויב די נישט־יידן ווילן מיר נישט מוחל זיין, וואָס מיין מאַמע איז אַ יידישע, דאַרף איך ווערן אַ גאַנצע יידישע. מיר האָבן געזוכט אַ יידישע סביבה, זיך דערנענטערט צו יידן. און אָט בין איך געקומען אַהער.

מיר האָבן ביידע געשוויגן.

— איר באַדויערט עס?

— ניין! — האָט זי לעבהאַפטיק פּראָטעסטירט, — איך נעם דאָ אַלץ אָן פאַר ליב, דאָ איז מיין היים.

זי האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך וויטער אָנגעהויבן שטיל רעדן:

— איך טראַכט אָפט: ווען נישט יענע מנוולת וואָלט איך נאָך נישט געוווסט, אַז כ׳בין אַ יידישקע. מיך אַרט, וואָס מיין מאַמע האָט זיך יאָרן געמוטשעט, כדי צו באַהאַלטן פון מיר מיין אָפּשטאַם, פאַר וואָס? נעכטיקע טעג קען מען נישט צוריקקערן. איצט איז זי דאָרט אַליין.

פאַרשידן זענען די וועגן און וועגעלעך וואָס פירן אַהער, בלויז דער אייביקער גורל איז איינער.

8

פון אַן אַפּיש האָב איך זיך דערוווּסט, אַז שבת אין דער פרי קומט פאָר אַ פאַרלעזונג אין מיין געגנט. וועגן לינגוויסטיק וועט עס זיין.

זאָל זיין לינגוויסטיק, לאָמיר טאַקע געניסן פון אַ ביסעלע קול־טור, כ׳פיל זיך שוין פאַרזשאַווערט פון אַרבעטן און זיצן אין שטוב. שוין צייט זיך אַ ביסעלע אויסצולופטערן.

דער רעדנער שטייט שוין אויף דער בימה. אַ מיטל־יעריקער, אין דיקע ברילן. ער קוקט אויף די שיטערע רייען, קוקט אויפן זייגער. צייט אָנצוהייבן. ער שטייט לעבן אַ טישל, בלעטערט אַ בוך, קוקט ווידער אויפן זייגער און אויפן שיטערן עולם, און בלית־ברירה הייבט ער אָן. ער האָט באַוויזן נאָר אַ פּאָר מינוט צו רעדן, ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ הוסטן און אַ רוקן פון שטולן.

דער רעדנער שטעלט זיך אָפּ, פאַרריכט די ברילן איבער דער נאָז און זאָגט צו די צוהערערס:

— ווען עמען איך שטער, קען זיך גיין.

דאָס סקריפּען פון שטולן איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, עמעצער פון עולם האָט אויסגערופן: ער האָט נישט עפּעס וויכטיקערס צו רעדן... אַזוי פיל געשעענישן אין לאַנד, אין דער וועלט...

עטלעכע האָבן זיך אויפגעשטעלט און אָן צערעמאָניעס, רעדנ־דיק הויך, אַרויס.

די פאַרבליבענע האָבן צוליב איינזען מיטן רעדנער זיך איבערגע־רוקט צו די פאַרלאָזענע פלעצער.

דער רעדנער איז געשטאַנען, געוואַרט עס זאָל זיך איינשטילן, און ווידער אָנגעהויבן זיין רעפעראַט.

נישט לאַנג האָט עס געדויערט. דער רעדנער איז געצוווּנגען געווען נאָך אַ מאָל איבערצורייסן:

— ווען איך שטער מיט מיין רעדע קען זיך גיין.

— מיר אַ נפקא־מינה, כהן, קאַגאַן, קאַגאַנאָוויטש...

— ווער פאַרשטייט העברעיִש? זאָל ער רעדן אַ יידיש וואָרט.

— ביי די גויִים האָבן געקענט זיין יידישע רעפעראַטן, דאָ איז קיין טראָפּן יידיש נישטאָ.

— פאַראַן, פאַראַן יידישע רעפעראַטן, גייט! איר'ט דאָך גע־לייענט אויפן אַפיש אַז ס'איז אין עברית.

איך האָב זיך איבערגעזעצט אין דער ערשטער ריי, געפילט זיך סאָלידאַריש מיטן רעדנער. לעבן מיר איז געזעסן אַ מאַן, ער האָט מיך באַטראַכט און געזאָגט:

— סאַראַ בושה, איגנאָראַנטן. די טעמע נישט פאַר זיי... וואָס איז פאַר זיי? קליאַטשע...

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַרויפגעקוקט צו דער בימה. דער רעדנער איז מסתמא געווינט געווען דערצו. ער האָט גע־וואָרט עס זאָל שטיל ווערן און ווידער אָנגעהויבן רעדן.

איצט זענען מיר געווען גאָר ווייניק, ווי אין אַ משפחה־קרייז. עס איז שוין געווען רויִק.

ביים אַרויסגיין האָט זיך צו מיר ווידער געוואָנדן מיין שכן פון זאַל:

— גאָר אינטערעסאַנט געווען, און אַזאַ אויפפירונג...

— נישט אַלעמען אינטערעסירט עס, איר האָט דאָך געזען.

— און ווּ איז גוטע דערציִונג?

— פּשוטע פּאָלקסמענטשן, ווייסן נישט פון צערעמאָניעס.

איך האָב אים געענטפערט, ווי דרך־אַגב, נישט קוקנדיק רעכט אין זיין זייט.

ער איז מיר כמעט נאָכגעלאָפן, געהאַט חשק צו רעדן.

— גברת, איר זייט אַליין?

איך האָב אים אָנגעקוקט.

— צי איך בין אַליין? איר זעט דאָך!

— כ׳מיין, איר האָט נישט קיין מאַן?

— איר זוכט אַן איינזאַמע פרוי? — בין איך גלייך צו צום ענין.

— פאַראַן אַ סך איינזאַמע פרויען, נישט אַלע געפעלן.

— ביי אייך איז עס איצט אַ ליבע פון ערשטן בליק?

— ליבע... כ׳האָב פאַרלוירן מיין פרוי מיט עטלעכע חדשים צוריק, כ׳פיל זיך איינזאַם.

— איך קען נישט ווילן קיין איינזאַמע מענער, אויך נישט טרייסטן.

— גברת, איר זייט אַליין? איר האָט מיר נישט געענטפערט.

איך האָב אים ווידער אָנגעקוקט. ווען נישט זיין איידל פנים, וואָלט איך אַנטלאָפן, אים אפשר געהייסן גיין. ער זעט אָבער אויס סימפּאַטיש.

— כ׳בין ליידער אַליין.

— מיר וועלן ערגעץ אַריינגיין?

— נישט מיין טבע צו גיין מיט אַ צופעליק באַגעגנטן מאַן.

— מאַכט אייך נישט נאַריש, וואָס קען איך שוין געשען? מיר זענען נישט קיין קינדער.

איך בין געוואָרן אין כעס. ער האַלט מיך שוין פאַר אַזוי אַלט, אַז עס קען מיר שוין גאָרנישט געשען, טאָ צו וואָס טשעפּעט ער זיך צו מיר?

איך בין אַוועק. ער איז מיר נאָכגעגאַנגען, זיך אויסגעגלייכט מיט מיר. כ׳האָב זיך אויסגעדרייט, אים געפרעגט:

— פאַר וואָס גייט איר נישט צו שדכנים? פאַראַן שדכנים, איר מאַכט זיך נאַריש, אין אייער עלטער? — האָב איך אים צוריק־געצאָלט.

זיינע קלוגע אויגן האָבן זיך פאַרוואָלקנט.

— שדכנים... אַז איר וועט באַווייליקן זיך טרעפן מיט מיר, וועלן מיר שמועסן. אָט אַזוי ווי איר קוקט איצט אויף מיר קען מען וועגן אַזעלכע דעליקאַטע ענינים נישט שמועסן, איר זעט אויס אין כעס.

— איר זעט אויס ערנסט, דאָך...

— כ׳וועל אייך געבן מיין וויזיט־קאַרטע, איר קענט צו מיר אָנטעלעפאָנירן, אפשר זיך נאָכפרעגן אויף מיר.

ער האָט מיר דערלאַנגט די וויזיט־קאַרטע מיט אַן ערנסטן אויסדרוק, ער האָט דערביי אויסגעזען קאָמיש. ער האָט באַמערקט מיינע פאַרשנדיקע בליקן, האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך בין פינף און פופציק יאָר אַלט. ווי איר זעט, זע איך אַזוי אויס, מיין נאָמען און פראָפעסיע אין דער וויזיט־קאַרטע.

— איר מוזט זיין אַ מעטאָדישער מענטש, איר שטעלט זיך פאַר לויט אַ סדר.

— און נאָך אַ זאַך: איך האָב אַ גוט אויג צו דערשנאַפּן אַ מענטש, — האָט ער מיך אָנגעקוקט צווייידייטיק.

— אַן איינרעדעניש מסתמא, זייט פאַרזיכטיק.

כ׳האָב אים געזאָגט „שלום” און אַוועק.

9

איך האַלט די וויזיט־קאַרטע אין האַנט און בין אין גאַנצן אויפגערודערט פון דער באַגעגעניש.

כ׳וועל צוגיין צו לאהן, איר דערציילן. זי האָט שוין מסתמא געפונען איר באַשערטן. זי האָט געזאָגט, עס האַלט שוין נאָענט.

און איך? צי איז שוין טאָקע צו שפּעט פאַר מיר? אָבער עס פעלט מיר שוין אַזוי וויניק צו די זעכציק...

יענער מאַן... כ׳בין כמעט אַנטלאָפן פון אים, כ׳ווייס אָבער גאָרנישט וועגן אים. ער איז סימפּאַטיש... פון דער וויזיט־קאַרטע זעט מען, ער האָט אַ מעבל־געשעפט אויף אַ וויכטיקער גאַס. ער איז אָבער יינגער פון מיר. נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין אַליין...

מיט יאָרן צוריק, ווען כ׳בין געווען יונג, האָבן מענער געקוקט אויף מיר. אפשר האָבן מיינע הונגעריקע בליקן זיי גערופן. כ׳האָב נאָך געהאָפט חתונה צו האָבן ווי יעדער מענטשלעך באַשעפעניש. כ׳קען דאָס נישט אָפּלייקענען.

כ׳האָב באַקענט אַ מאַן, מיר זענען זיך געפעלן. כ׳האָב געטראַכט, מיר וועלן חתונה האָבן, בין אַפילו גרייט געווען אָן חתונה גיין וווינען מיט אים. געווען טעג פון באַנײַונג, פון פרייד און ליבשאַפט. איך האָב געהאַט אַ באַדערפעניש צו ליבן עמעצן, מיר האָבן זיך ליב געהאַט. איין מאָל, ווען כ׳בין אַרויס פון שטוב, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ פרוי מיט דיקע שווערע פיס, אַ פּולייִבּיקע, מיר געזאָגט, מיט אַן איטאַליעניש אַקצענט, אַז איך פיר אַ ליבע מיט איר מאַן. זיי האָבן צוויי קינדער. זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש. געאַרבעט שווער, ער זאָל קענען שטודירן אויף ציינדאָקטער. איצט פאַרנאַכלעסיקט ער זי מיט די קינדער צוליב מיר.

— באַגייט נישט קיין נאַרישקייטן, איר זייט יונג, איר קענט זיך געפינען אַ נישט־חתונה־געהאַטן מאַן, אָן קינדער. איר זעט נישט אויס אויף קיין אויסגעלאָסענע. איר זייט עס נישט. איך בין עס געוויר געוואָרן. מיר האָבן חתונה געהאַט ציוויל, ער איז אַן אײַנגעריקער, פון אײַער גלויבן, אָבער סיי ווי וועט ער דאַרפן אַ גט. ער וועט עס פון מיר נישט באַקומען, זייט וויסן. ער וועט מוזן בלייבן מיט מיר. איך בין זיין פרוי!

אַן איבעררעשטע, האָב איך זיך געוואָלט דערווייטערן, זי האָט מיך אָנגענומען ביים אָרעם:

— געדענקט, מיינע קינדער... איך וועל זיך נישט לאָזן!

אירע אויגן זענען געווען פול מיט רציחה, איך בין געווען פאַרשטומט, גאָרנישט געקענט ענטפערן, גאָרנישט רעדן, כ׳בין גיך אַוועק.

ער האָט מיך אָפּגענאַרט, נישט דערציילט מיר, אַז ער האָט אַ פרוי מיט קינדער.

איצט זענען מיר קלאָר געוואָרן אַ סך אומפּינקטלעכקייטן זיינע, זיינע ליגנס. ער האָט אַזוי שיין גערעדט. ער איז נאָך אַ בחור, צוליב סיבות, אויסגעטראַכטע סיבות, נישט־געשטויגענע מעשיות.

זי זעט אויס ווי זיין מוטער, עס קומט איר אָבער, זי האָט אים „געמאַכט פאַר אַ מענטש”...

איך, יהודה־לייבס און אסתר־ליבעס טאָכטער, איך וואָלט נישט געקענט בויען מיין גליק אויף יענעמס אומגליק. דעריבער האָב איך אים נישט מוחל געווען זיין נאַרן מיך, זיינע תחנונים וועגן פאַרגעבונג. זיינע פלאַמיקע ווערטער פון ליבשאַפט האָבן נישט געהאָלפן. אַזוי איז פאַרשווונדן מיין לעצטע האָפענונג אויף אַ ביסל גליק.

כ׳האָב געבענקט צו יענע קורצע פריידיקע טעג, ווען מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ׳האָב אויף ווענען זיך אָנצושפּאַרן אין מיין לעבן. כ׳בין פאַרבליבן מיט מיינע קינדער, מיט מיין ליבשאַפט צו זיי.

געווען נאָך פאַלן, ווען כ׳בין נושׂא־חן געווען ביי מענער. געווען קורצע באַגעגענישן, נישט געקומען אָבער צו קיין ערנסטע באַציִונגען.

און איצטער?

איך בין זיך מודה, אַז עס פריידט מיך, וואָס איך געפעל נאָך עמעצן. כ׳פיל, ווי איך וואָלט יינגער געוואָרן. איך דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב קאָקעטירט אַפילו פאַר אים...

איצט בין איך פריי, דאַרף נישט זאָרגן פאַר די קינדער, איינזאַמקייט ווערט דערווידער. עס איז מיין לעצטע געלעגנהייט.

איך האַלט די וויזיט־קאַרטע, בין נייגעריק זיך טרעפן מיט אים, איך מוסר זיך באַלד אויס: ווי פּאַסט עס?

אַלץ צוליב דעם וויזיט־קאַרטל...

אין איינעם אַ טאָג בין איך אויפגעשטאַנען מיט אַ פאַרטיקן באַשלוס: טעלעפאָנירן צו אים.

כ׳בין אַרויס אין גאַס, אַן אַנטשלאָסענע אַריין אין אַ געשעפט, געבעטן אַ דערלויבעניש אָנצוקלינגען.

ער האָט זיך דערפריידט, ער קען זיך טרעפן מיט מיר ווען איך וויל.

— ווו? אין אַ קאַפע? זאָל זיין. כ׳האָב דערוואַרט אייער אָפּרוף.

עס איז מיר געוואָרן לייכטער אויפן געמיט, כ׳בין שוין טאַקע צעשטרײַט, ווי אַ יונג מיידעלע, מיט אַ צוגאָב פון מידקייט, ווי גאַרנישט די טבע ביי יונגע מיידעלעך... אויף דיזנגוף, דאָרטן וועלן מיר זיך טרעפן אין אָוונט, מאָרגן. זאָל שוין גיכער זיין מאָרגן. כ׳בין נייגעריק. עס איז נייגעריקייט און האָפענונג...

ער איז שוין געזעסן ביי אַ טישל.

ווען כ׳בין אַריינגעקומען האָט ער זיך אויפגעשטעלט, מיך גע־פרעגט העפלעך צי איך בין מסכּים צו זיצן ביי דעם טישל.

ער האָט באַשטעלט קאַפּע און קיכעלעך, קוים טועם געווען אַ קיכל, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שאַכטעלע סאַכאַרין, אַריינגע־טאָן אין קאַפּע.

אַ דיאַבעטיקער, — טראַכט איך.

ער קוקט אויף מיר, איך בין אַנגעטאָן פּשוט, אָבער איך ווייס אַז דער קאָסטיום פּאַסט מיר.

מיינע האָר פריש געפאַרבט און פיין פאַרקעמט, איך גיב אַ פאַרגנבעטן בליק אין שפּיגל אַנטקעגן — נישט שלעכט.

איך פיל זיך אַ ביסעלע אומבאַקוועם, זשענירט, אַ פרעמדער מענטש...

— כ׳האָב געפילט, אַז איר וועט קלינגען.

— אַלע פרויען רופן זיך אָפּ?

ער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— וואָס בין איך, אַ פרויען־יעגער? איר זעט אויס אַן אינטע־ליגענטע און אײדעלע פרוי. אַליין אייך געזען אויפן רעפעראַט. איר האָט אַנדערש רעאַגירט ווי דאָס רוב צוהערערס.

— איר האָט קינדער?

— כ׳האָב שוין חתונה געמאַכט מיינע קינדער. זיי זענען גוט פאַרזאָרגט, מיינע צוויי טעכטער, די מענער פּראָפעסיאָנאַלן. זיי האָבן זייער אייגן לעבן. זעען זיך איין מאָל אין דער וואָך, אַ מאָל דאָס אויך נישט. מיין איינזאַמקייט ווערט פון דעם נישט לייכטער.

— אמת. — איך האָב זיך דערמאָנט אין חננען. איך זע אים נישט אַפילו איין מאָל אין דער וואָך.

— ביי אייך מסתמא אויך אַזוי. איר האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס איך גיי נישט צו שדכנים. געווען ביי אַ שדכנטע. מיך עקלט פון דעם אַלעם.

איך האָב געהאַרכט, געשוויגן.

— איר זייט אַ שוויגנדיקע, זע איך, גאַרנישט קיין פרויען־טבע, — האָט ער זיך צעשמייכלט.

— איך בין נישט קיין שוויגנדיקע, אָבער אַ מאָל מאַכט זיך...

ער האָט ווידער געשמייכלט. פון זיין קוקן אויף מיר זע איך, איך געפעל אים... עס פריידט מיך, און ס׳איז מיר גלייכצייטיק אומעטיק אויפן האַרצן. ווען ער ווייסט ווי מיד איך בין...

— נו, איצט זענען מיר שוין באַקאַנט, איר ווייסט דאָך מיין נאָמען, איר האָט מיר נאָך נישט געזאָגט אייער נאָמען.

— אַנטשולדיקט, באמת, פאַרגעסן, איך הייס שׂרה.

— שׂרה... עס זאָגט וויניק, איך האָב אייך שוין געזאָגט וועגן זיך אַ סך מער. מיין עלטער ווייסט איר שוין, איר זייט זיכער יינגער.

— אַ פרוי קען אַ מאָל אויסזען יינגער פון אירע יאָרן.

כ׳האָב באַלד באַדויערט מיינע ווערטער. זאָגן אים מיין עלטער? ער האַלט מיך פאַר יינגער...

— אייך פעלט נאָך מסתמא צו די פופציק. אַז איר זייט נישט קיין ישׂראלדיקע זעט מען פון אייער אַקצענט.

עס פעלט מיר נאָך צו די פופציק... וואָס טוט מען? שוין זאָגן אים מיין עלטער? וואָס איז ס׳געאייל? כ׳וועל עס דערווייל פאַר־שוויגן. ער וויל וויסן וועגן מיר. כ׳האָב נישט־געקענט אָנגעהויבן:

— כ׳בין געבוירן אין פוילן, אַריבער קיין פראַנקרייך, שטו־דירט פסיכאָלאָגיע, חתונה געהאַט, געבוירן צוויי זין. די מלחמה אַדורכגעלעבט אויף אַרישע פאַפירן, נאָך דער מלחמה אַריבער קיין

אַרגענטינע מיט מיינע קינדער, איין זון איז אין אַ קיבוץ, כ׳בין געקומען צו אים, כ׳בין זיך מפרנס מיט נייען. כ׳בין אַ שניידערין...

— אין קורצע ווערטער — אַ לאַנגע געשיכטע. אויב איר ווילט קענען מיר רעדן פּויליש, איך בין אויך אַ פּוילישער.

ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר גערעדט עברית. ער רעדט אַ פּיינעם עברית. היינט, נאָך די ערשטע ווערטער איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף יידיש, ער האָט מיר געוואָלט פאַרלייכטערן, איצט וויל ער מיר ווידער פאַרלייכטערן מיט פּויליש.

— מען דאַרף נישט פּויליש, מיר קענען ווייטער רעדן יידיש.

ער האָט מיר שוין לענגער און מיט אַ סך פּרטים איבערגעגעבן זיין געשיכטע. געקומען אַהער איז ער נאָענט פאַר דער מלחמה, געווען אין אַ קיבוץ. אַרויס. גענומען אַרבעטן אין שטאָט ביי סטאָלערײַ. געווען שווער, שפּעטער אים געלונגען זיך אַרויפאַרבעטן. אַ פיין געשעפט, עס איז איצט גאָר גוט מיט פּרנסה. ער האָט מיר דערציילט פון זיין היים, פון זיין כלה, וועלכע ער האָט נישט באַוויזן אַראָפּברענגען, צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה. ער איז געוואָרן אויפגעלעבט פון זיין דערציילן, דערציילט וועגן זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, וועגן זיינע קינדער. ווי שטאַרק ער האָט איבערגעלעבט איר טויט, שווער אים איצט זיין צווישן די פיר ווענט אָן אַ באַלעבאָסטע, אַליין.

פון זיין דערציילן האָב איך אַרויסגעדרונגען, אַז ער איז אַ פשוטער און ערלעכער מענטש און ער דאַרף האָבן אַ פרוי, אַ ייִנגערע פון מיר...

עס איז געוואָרן שפּעט, איך האָב זיך אויפגעהויבן.

— איר איַילט זיך? ווען טרעפן מיר זיך? מאָרגן? מיר קענען גיין אין טעאַטער, אין קינאָ. מיר קענען זיך אויך טרעפן ביי מיר אין שטוב.

עס איז מיר געקומען אין דימיון לאה מיט אירע מעשׂיות וועגן אויספרווון די מענער. אויספרווון אים... ס׳האָט מיך אָפּגע־שווידערט.

— כ׳ווייס נישט צי אין די נאָענטסטע טעג, כ׳וועל זיין פאַר־נומען, כ׳האָב איַיער טעלעפאָן, כ׳וועל אָנקלינגען.

— איר זייט נישט מסכּים, אַז מיר זאָלן זיך באַלד טרעפן? — האָט ער געפרעגט פאַרוווּנדערט און לייכט באַליידיקט.

— איך האָב אַ סך אַרבעט.

— ביי מיר וועט איר נישט דאַרפן אַרבעטן.

איך האָב געשוויגן, געזוכט אין אים עפּעס, מיט וואָס ער זאָל געווינען מיין סימפּאַטיע.

זיין אויסזען? נישט גענוג. ער וויל האָבן אַ פרוי אין שטוב. און איך?

זיין אויפגעלעבטקייט איז אָפּגעקילט געוואָרן. דאָך האָט ער מיך געוואָלט באַגלייטן אַהיים.

— איך האָב אַן אויטאָ, ער איז אין תּיקון, אָבער איך וועל אייך אָפּפירן אַהיים.

כ׳האָב אים באַדאַנקט, כ׳וויל אַליין פאָרן, געהאַט חשק בלייבן אַליין, גיין אַליין איבער דער רוישיקער גאַס.

— טוט ווי איר פאַרשטייט, איר ווילט זיך נישט טרעפן? נו, מיר האָבן נאָך גאָרנישט אַריינגעלייגט אין געשעפט...

וואָסערע ווערטער? געשעפט... ליידער איז עס אַזוי. ער איז גערעכט, אָבער אויב עס איז אַזוי, איז עס נישט פאַר מיר.

— באַלד מאָרגן זיך טרעפן, קען איך נישט, כ׳וועל זיך באַ־טראַכטן. איר זאָגט דאָך עס איז געשעפט, צו אַזאַ עסק דאַרף מען זיך פּסיכיש צוגרייטן. איך בין צו פיל געוווינט צו מיין אַרט לעבן, זיין פריי, איר האָט אויך אייערע געוווינהייטן, אייערע קינדער.

— איר האָט אַ פּראַקטישן חוש, איך בין אַ סוחר, פון דעסט־װעגן בין איך זיך טועה געװען...

— איך קען אויך חלומען, נישט בלויז זײַן פּראַקטיש. דערװײַל װעל איך חלומען באַזונדער. מען דאַרף אויך באַטראַכטן, צי װאָלט געהאַט אַ האַפּט די פאַרבינדונג צװישן אונדז. אפשר איז עס אַ געשעפט װאָס לוינט זיך אײַך נישט.

— צום סוף אַרויס מיט װערטער... באמת, אַ מאָדנע פרוי, אפשר איז עס מיר גאָר צום גוטן...

ער האָט שוין מער נישט געקוקט אויף מיר. דאָך האָב איך אים דערלאַנגט מײַן האַנט און מיט גיכע טריט אַריבער די גאַס, װײַל דער רמזור האָט געװיזן גרין.

פאַר װאָס האָב איך זיך אַזוי אויפגעפירט? פאַר װאָס פיל איך נישט קיין פרייד? מיט װיפל בין איך דען עלטער פון אים?.. לאה האָט געזאָגט: פריִער דאַרף מען אויספרוּװן דעם מאַן... אַ פרעמדער מאַן, װי אַן אַנגעװאָרעמטער איבערגעזײַערטער באָרשטש... פוי...

עס איז מיר איבערגעבליבן אַ שלעכט געפיל. אונדזערע לעצטע װערטער האָבן בײַ מיר איבערגעלאָזט אַ בײַגעשמאַק. װען ער װאָלט נישט געװען צודרינגלעך, װאָלט נישט גערעדט באַלד װעגן תכלית, װען ער װאָלט בהדרגהדיק געקומען, װאָלט אפשר?..

אפשר פאַרלאַנג איך צו פיל? בין נישט געװען טאַקטיש מיט אים.

10

לאהן האָב איך געטראָפן אין אַ נאַכטהעמד, מיט אַ פאַרשלאָפן פנים, זי האָט זיך געשטעלט ביים שפיגל, פאַרריכט די פריזור, דער־נאָך מיך אָנגעקוקט רויִק, גאַרנישט ווי איר טבע.

— נישט געקומען אין דער ריכטיקער צייט?

— איר קומט צו מיר תמיד אין דער ריכטיקער צייט, פאַר אייך האָב איך אַלע מאָל צייט, — האָט זי געזאָגט רויִק.

איך זעץ זיך אַוועק, פאַררייכער אַ פאַפּיראָס.

— לאה, איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ שידוך, פאַר מיר איז ער צו יונג, פאַר אייך צו אַלט.

— איך האָב מיר שוין אויסגעשידוכט, איך קלייב זיך אין גיכן חתונה האָבן. כ׳וויס נישט, צי פרייען זיך צו טרויערן, איך שלאָף נישט אין די נעכט.

איך האָב זי פאַרשטאַנען. כ׳בין צו צו איר נאָענט, געלייגט מיין האַנט אויף איר אָרעם.

— איך דערקען אייך נישט. כ׳וועל טאַנצן אויף דער חתונה, עס פריידט מיך, כ׳וועל אייך אויפבייען אַ שיין קלייד, מאַכן אייך אַ מתנה פאַר אייער גוטס, איר וועט מיט אייער שיינקייט פאַר־בלענדן יונגע כלות.

— איר מיינט כ׳בין גוט, ס׳איז אָנשטעל ביי מיר, כ׳בין פול מיט שׂינאה.

איך ווער ערנסט. זי זעט אויס מעלאַנכאָליש, זי איז נישט די זעלביקע לאה.

— לאה, כ׳וויס, פאַראַן ביי אייך, ווי ביי מיר און ביי אַ סך, אַ סך ענלעכע צו אונדז, אַ גאַר גרויסער באַגאַזש פון איבערגעלעב־טע פיין. צו וואָס פונקט איצט, ווען איר קלייבט זיך חתונה האָבן, זיך פאַרסמען דערמיט?

— איך וועל חתונה האָבן. ער איז מיאוס, נישט יונג, איך האָב אים שוין אויסגעפּרוווט אויך. וואָס וויל מען פון מיר, ליבע? ס׳איז מיסחר, באַקוועמלעכקייט, אָבער זיי ווילן נאָך הנאה האָבן פון מיר, דאָס ווילן זיי. איך טראַכט אין די נעכט: ווען עס וועט נישט גוט זיין, וועל איך אים איבערלאָזן. איך אַרבעט, בין נישט מער צווישן גויים, אַזוי טרייסט איך זיך.

— איר זייט דערוואַקסן, כּדי אַליין צו באַשליסן, כ׳מיין, וועגן אייַער חתונה האָבן.

מיר האָבן געשוויגן. דאָס שווייגן איז מיר געוואָרן פּיינלעך. נישט געוווינט דערצו מיט לאהן.

— עס איז מיר קאַלט, מאַכט אַ טיי.

לאה איז אויפגעשפּרונגען.

— פּשיאַ קרעוו (הינטיש בלוט), כ׳האָב פאַרגעסן.

מיר האָבן געטרונקען טיי. איר פּנים האָט עטוואָס זיך אויסגעלייטערט.

— כ׳ווייס עס, מיט אייך דאַרף איך נישט רעדן וועגן מייַנע איבערלעבענישן „דאָרטן״. איר האָט אייַער אייגענעם פּעקל. מייַנע... זיי האָבן זיך אָנגעהויבן... כ׳וועל אייך דערציילן:

— אונדזער סטרוזש (וועכטער) האָט ליב געהאַט מייַן משפּחה. ער האָט פון מייַנע עלטערן באַקומען תמיד מתנות, צוגעזאָגט אונדז צו ראַטעווען, אַוועקפירן, באַהאַלטן ביי זייַנס אַ שוועסטער אין אַ דאָרף, און ביז דעמאָלט... דאָס איז אַ שרעקלעכע פּרשה פאַר זיך. מייַן שוועסטער איז אויסגעגאַנגען פאַר אונדזערע אויגן, מייַן ברודער האָבן זיי דערשאָסן אין גאַס.

מייַנע עלטערן האָבן געגעבן דעם סטרוזש אַ מטמון מיט געלט. ער האָט גענומען מיך מיט מייַן ברודערל פון זעקס יאָר, אונדז אַרויסגעפירט פון געטאָ. אין דאָרף האָבן די פּויערים מורא געהאַט

אונדז צו באַהאַלטן. צום סוף בלויז מיך מספּים געווען נעמען צו זיך, אַלס כּלומרשטע קרובה.

די גאַנצע משפּחה איז אַ גוטע, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען קריסטן, — האָט זיך דער סטרוזש ביי זיי געבעטן.

בלויז די זשידוועטשקע (יידישקע), צו איר מזל זעט זי אויס ווי אַן אונדזעריקע, גאָרנישט ווי אַ זשידוווקע.

דער הויזוועכטער האָט זיי געגעבן געלט, געבעטן זיי זאָלן מיך אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, זיי באַשווירן. מיין ברודערל, אהרעלע — ער האָט זיך געקלאַמערט אין מיר, דער סטרוזש האָט אים גע־מוזט צוריקנעמען.

די פּויערים האָבן נישט געהאַט קיין דערוואַקסענע מיידלעך. דער עלטסטער זון אַן אידיאָט, און אַ כאָפּטע קליינע קינדער. זיי האָבן מיך באַדאַרפט צו דער אַרבעט, דערצו איז מיין פּויליש געווען אַ גוטער, אַ שטאָטישער. כ׳האָב געהאָלפן אין דער ווירט־שאַפט, געניאַנטשעט די קינדער. מיינע אײדעלע הענט זענען צעקאַ־ליעטשעט געוואָרן... זייער אידיאָטישער זון וואַצעק האָט געגאַווערט, ווען ער האָט אויף מיר געקוקט, מיך געטשעפּעט מיט זיינע שמו־ציקע הענט, מיך געכאַפּט ביים בוזעם, מיין פּחד פאַר אים איז נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ רגע.

אַן אידיאָט, אָבער דערצו געהאַט שׂכל... איך האָב זיך באַ־קלאָגט פאַר זיינע עלטערן, זיי האָבן אים געזידלט, געשאָלטן מיט וויסטע קללות, אים געוואָרנט, אַז זיי וועלן אים אַראָפּדרייען דעם קאָפּ, אויב ער וועט מיך נישט לאָזן צו רו. — ניע דליאַ פּסאַ קיעלבאַסאַ (נישט פאַר קיין הונט דאָס ווורשט).

וואַצעק האָט זיי געדראָט, ער וועט דערציילן אַז כ׳בין אַ יידישקע.

פון וואַנען האָט ער געוווּסט? אַן אידיאָט? מסתמא עס אויפגע־
כאַפּט אין שטוב.

די פּויערים זענען געוואָרן פאַרציטערט פון פּחד. אָרנטלעכע
דאָרפסמענטשן. זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן צו אים מיט גוטן. גע־
רעדט צווישן זיך: עס איז אַ סכּנה מיך האַלטן, באַהאַלטן מיך אין
אַ באַהעלטעניש? ווי אַזוי? — דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט אַז כ׳בין
אַ קרובה, אַ יתומה. מען וועט פרעגן, נישטערן, און וואַצעק...

און איך האָב געקעמפט מיט אים, שוין מורא געהאַט זיך צו
באַקלאָגן פאַר זיינע עלטערן, זיי וועלן מיך אָפּשיקן צוריק אין
לאַגער.

איין מאָל, ווען קיינער איז נישט געווען אין שטוב, האָט דער
אידיאָט מיך באַזיגט, מיר צוגענומען מיין בתולהשאַפט. דערנאָך
האָט ער אַרויסגעסאָפּעט אַ פאַרגאַווערטער — שיין ביסטו, בעסטיע,
זעסט נישט אויס ווי אַ פאַסקודנע זשידוווקע, אָבער אַז דו וועסט
שלעכט זיין מיט מיר, וועל איך דערציילן, אַז דו ביסט אַ זשידוווקע.
מען וועט דיך פאַרברענען.

מיין אויסזען האָט נישט בלויז וואַצעקס תאווה גערייצט. די
דאָרפישע שקצים האָבן געקוקט אויף מיר, מיך פאַרבעטן גיין טאַנצן
מיט זיי, שפּאַצירן. דער אידיאָט איז איבעראַל אויסגעוואַקסן, זיך
אַריינגעלאָזט אין געשלעגן מיט די שקצים, געווען איז ער שטאַרק
ווי אַן אָקס.

כ׳בין געווען פרום. מיין זיידע איז געווען אַ באַרימטער רב.
ביי מיינע עלטערן — אַ פרומע שטוב. כ׳האָב אויפגעהערט גלייבן
אין גאָט, גערופן צו הילף מיין מאַמען, געוווּסט, זי לעבט נישט מער.
עס האָט נישט געהאָלפן.

ביי די פּויערים אין שטוב האָט מען געשאָלטן, האָב איך אויך
געשאָלטן. מיינע קללות, פול מיט שׂינאה, האָבן זיך געשאָטן אויף

וואַצעקס קאָפּ. ער האָט אידיאָטיש געלאַכט, דאָס זייניקע אויסגע־פירט. וואָס האָב איך מער געקענט טאָן ווי אים דראַפּען און שעלטן?

זיבעצן יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען, געקעמפּט מיט זיך — נישט צו נעמען זיך דאָס לעבן. צו וואָס אַזאַ פּאַסקודנע לעבן? כ׳ווייס נישט פאַר וואָס כ׳האָב עס נישט געטאָן.

נאָך דער מלחמה.

איך האָב נאָך אַלץ געפילט אויף זיך דעם אידיאָטס אָטעם, נישט געקענט קוקן אויף מענער.

זיך באַקענט מיט שימעקן. ער האָט מיך צוגערעדט צו ווענדן זיך צו אַ פּסיכאָלאָג. דער פּסיכאָלאָג האָט מיר געהאָלפן זיך באַ־פרייען פון מיינע קאָשמאַרן. שימעק האָט אַלץ געוווּסט וועגן מיר. מיר האָבן זיך ליב באַקומען, חתונה געהאַט. לעבן אים האָב איך זיך געפילט באַשירעמט. אַלע האָבן געזאָגט, מיר זענען אַ פּרעכטיק פּאָרל.

נישט לאַנג האָט געדויערט דאָס גליק. שימעק איז קורץ נאָך אונדזער חתונה געוואָרן אומפּעיִק צו אַ נאָרמאַל פּאַמיליע־לעבן. געוואָרן אימפּאָטענט. אַ ירושה פון לאַגער...

אין פּוילן האָט ער פאַרקויפט אַ גרויסן רכוש, פון זיינע עלטערן פאַרבליבן. דערנאָך זענען מיר אַוועק קיין טשילע. געהאָפט, ער וועט זיך דאָרט אויסקורירן, געפּטרט אַ סך געלט, עס האָט נישט גע־האָלפן.

ער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ גט. איך בין פאַרציטערט געוואָרן, ווי וועל איך לעבן אָן אים? מיין גאַנצע ליבשאַפט, צו וועלכער כ׳בין נאָך פעיִק געווען. ווו טרעפט מען נאָך אַזאַ מענטש? ער האָט מיך צוריקגעבראַכט צום לעבן.

מיין טאָכטער איז נישט פון אים, ער האָט עס געוווּסט. ער האָט שרעקלעך געליטן, געשוויגן. פיינלעך איז געוואָרן אונדזער צוזאַ־

מענלעבן. מיר האָבן זיך געגט. איך האָב צו אים געשריבן פון דאַנען, ער האָט מיר נישט געענטפערט, ווער ווייסט וואָס עס איז מיט אים געשען.

כ׳האָב שוין געוווינט מיט אַן אַנדערן. אַרויסגעוויזן זיך אַן אויסוואורף, נו, וועגן דעם...

אין טשילע האָב איך מיין טאָכטער דערצויגן אין ליבשאַפט צו דער יידישער מדינה. געשיקט זי אין אַ יידישע שול. און אָט איז עס, זי האָט דאָ געפונען איר וועג, אין קיבוץ. איך בין אויך דאָ.

דער בחור זעט אויס האַמעטנע, איך פאַרלייד אים נישט. מיין נעמי איז אַן איידל קינד. עס וועט נישט העלפן. זיי זענען אפשר שוין נאָענט צווישן זיך, ווער ווייסט... אַוודאי, די קינדער וויל מען פאַרהיטן, — זי האָט מיך אָנגעקוקט פאַרשעמט, — כ׳האָב זיך אַראָפּגערעדט, עס ווערט גרינגער.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געשוויגן. דערנאָך האָט זי שטיל געזאָגט:

— דאָס איינציקע וועגן מיין חתונה האָבן: כ׳וועל נישט מער דאַרפן אַרבעטן.

זי האָט געזיפצט און ווידער צוגעגעבן:

— מען דאַרף זיך צואיילן חתונה האָבן, ווען נאָך פאַראַן עפּעס צו פאַרקויפן. די צייט לויפט.

זי האָט געקוקט אויפן זייגער.

— כ׳וועל אייך שאַפן אַ סך פּרנסה. מיין צעקראָכענע קוזינע דאַרף באַלד אָנקומען, זי מאַכט חתונה איר טאָכטער, וועט איר נייען פאַר איר.

איצטער האָב איך שוין געזיפצט:

— אַרבעט וועט זיין, זאָלן סטייען די כּוחות, איר האָט אַ קוזינע?

— צו ביסלעך ווערט איר אַלץ געוויר וועגן מיר. מיין קוזינע האָב איך ליב, אָבער כ׳בין אין כּעס אויף איר. אַ הינטיש לעבן פירט די מאַזאָכיסטין מיט איר מאַן יאָנאַס, פּשיאַ קרעוו.

— לאה, געוווינט זיך אָפּ פון די ווערטער, עס פּאַסט איך נישט.

— עס פּאַסט נישט?.. איך האָב עס אין דר׳ערד! עס ווערט לייכטער נאָך אַ קללה, זייט נישט קיין פיינשמעקערין.

כ׳האָב געלאַכט מיט פאַרגעבונג, זי איז שוין געווען אויפגע־לעבט, ווי תּמיד. טראָץ אַלץ האָט זי אַן איידעלע נשמה. זי האָט אַ סך געליטן, אָבער פאַר וואָס פאַרקויפט זי זיך אַזוי לייכט. ווי ציניש זי רעדט דערוועגן...

— מיין קוזינע וועט קומען אין אַ האַלבע שעה אַרום. — לאה האָט ווידער געקוקט אויפן זייגער, איז אויפגעשטאַנען און אָנגע־שטעלט דעם פּאַטעפאָן.

בעטהאָווענס פינפטע סימפאָניע.

לאה האָט פאַרמאַכט די אויגן, כ׳האָב געזען ווי זי פילט די מוזיק מיט אַלע אירע חושים. ביים טוישן די פּלאַטע האָב איך זי געפרעגט:

— איר האָט ליב מוזיק?

— מיט מוזיק גלוסט זיך פאַרברענגען, כּדי נישט צו פילן די צייט. פאַרפלייצט ווערן פון מוזיק, פון קלאַנגען אָן ווערטער — ס׳איז גוט פאַר דער נשמה. מוזיק דרינגט אַריין אין די געהיימסטע קעמערלעך. כ׳האָב מורא צו בלייבן אַליין — האָט זי פאַרגעזעצט, ווי דאָס וואָלט געהאַט אַ שייכות צו אירע געדאַנקען וועגן מוזיק. — עס קען ווערן שפּעט פאַר מיר, כ׳וויל נאָך לעבן, כּל־זמן איך קען נאָך עמעצן געפעלן ווערן. — זי האָט זיך פאַרטראַכט און געזעסן אַזוי ביז די קוזינע איז געקומען.

— דאָס איז רחל, מײַן קוזינע, — מײַן פֿרײַנדין שׂרה, וועגן וועלכער כ׳האָב דיר דערציילט, — האָט זי אָנגעוויזן אויף מיר.

די פֿרוי האָט אויסגעזען בײַ די פֿופֿציק, דאָס לענגלעכע פּנים נאָך פֿריש און צאַרט.

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר, מיך געפֿרעגט ווי לאַנג איך בין אין לאַנד, צי כ׳בין דאָ צופֿרידן. זי האָט געשיינט, ווען כ׳האָב איר געזאָגט, אַז כ׳בין צופֿרידן אין ישׂראל. כ׳האָב איר דערציילט וועגן חננען. זי האָט מיך אויסגעהערט אויפֿמערקזאַם, דערנאָך מיר דערציילט אַז איר טאָכטער קלייבט זיך חתונה האָבן.

— מען דאַרף איר אויפֿנייען עטלעכע קליידער, לאה האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳וועל זײַן צופֿרידן פֿון אײַער אַרבעט. יאָ, לאה האָט געשמאַק, — האָט זי צוגעגעבן.

מיר איז געוואָרן אומבאַקוועם, כ׳האָב זיך געדרייט אויפֿן שטול. פֿון וואַנען ווייסט לאה אַז איך ניי גוט ? כ׳האָב נאָך גאָרנישט גענייט פֿאַר איר, זי טוט מיר אַזוי פֿיל טובֿות, כ׳האָב עס נישט פֿאַרדינט בײַ איר.

— וואָס הערט זיך בײַ דײַן טאָכטער, וואָס טוט דײַן רינהלע ?

— האָט לאה געפֿרעגט.

— אַלץ איז שוין בסדר, עס האָט זיך אײַנגעשטילט. זי וווינט באַזונדער. איך האָף, אַז אַזוי וועט עס זײַן בעסער.

זי האָט זיך געוואָנדן צו מיר :

— די קינדער ווילן זײַן זעלבשטענדיק, וווינען באַזונדער. כ׳האָב אויך אַ חתונה־געהאַטע טאָכטער, אַ זון אין צבֿא. די מיזינקע וועט חתונה האָבן. מען וואַרט דאָך אויף נחת פֿון קינדער.

רחל האָט זיך געאײַלט, איר טאָכטער דאַרף הײַנט קומען. זי האָט מיר געגעבן איר אַדרעס, געבעטן טעלעפֿאָנירן מאָרגן כּדי אָפּצומאַכן, ווען כ׳הייב אָן אַרבעטן בײַ איר.

ווען זי איז אַוועק האָב איך געזאָגט לאהן, אַז איר קוזינע גע־פעלט מיר. לאה האָט מיט גרינגשעצונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און, ווי איר טבע, באַלד זיך צערעדט:

— כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, זי איז צעקראָכן. זי האָט אַ מאַן אַ כאַם, אַ פּראָסטער יונג, און זי טראָגט זיך אַרום אין געדעכעניש מיט איר ערשטן מאַן, מיט וועלכן זי האָט געהאַט פאַרבונדן אירע „יוגנט־חלומות״ — אַ ראָמאַנטישע נשמה. ער איז אומגעקומען אין מלחמת־השיחרור (באַפרייונגס־מלחמה). זי איז געווען אַן אַלמנה קרוב פופצן יאָר. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זי חתונה געהאַט. יאָנאַס איז אַ גוטער, וואָלט זי געטראָגן אויף די הענט, דערצו איז ער אַ גרויסער פאַרדינער, אַ מעכאַניקער. יענער איז געווען אַ לערער, אַן אינטעליגענט, אַ שטילער, איידעלער, אָבער אַ שוואַכער. זי האָט געציטערט איבער אים, ווי אַ מאַמע ציטערט איבער אַ בן־יחידל. דווקא האָט ער זיך באַוויזן מיט גבורה אין דער מלחמה. נאָך מער אויסגעוואַקסן אין רחלס אויגן. זי באַהאַלט נישט אירע געפילן, זי בענקט נאָך יענעם. די ייִנגסטע טאָכטער רינה איז ענלעך צום פאָטער, — אַזוי זאָגט רחל — און זי חזרט כסדר דאָס איבער. יאָנאַסן איז עס נימאס געוואָרן, ער האָט נישט פאַרטראָגן רינהן. און רינה האָט אים נישט פאַרטראָגן, געווען קריגערייען. איצט וווינט זי שוין באַזונדער.

11

רחל האָט מיך אויפגענומען פריינדלעך. שיין ביי איר אין שטוב. פיינע פירהאַנגען, זשיראַנדאָלן, טעפּעכער, בילדער.

זי האָט מיך געפרעגט, צי כ׳האָב געזען לאהן, וועגן לאהס טאָכטער, באַדויערט וואָס לאה אַרבעט שווער, אין אַ רעסטאָראַן.

איך האָב איר דערציילט אַז לאה שאַפט מיר אַרבעט, העלפט מיר אין מיין קליטה.

— לאה איז פונקט אַזוי, אַפילו אין אויסזען, ווי אונדזער באָבע, די רביצין. אָה, האָט זי געשמט פאַר אַ גוטע! אירע מעשים־טובים האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג. לאה איז אַ שפּאָרזאַמע, אָבער ווען עמע־צער נייטיקט זיך, איז זי גרייט אַוועקצוגעבן איר שווער פאַרהאָרע־וועט געלט.

— זי האָט אַ סך געליטן.

רחל האָט אָפּגעזיפצט:

— זי אין פוילן, איך אין רוסלאַנד. איך בין געקומען אַהער באַלד נאָך דער מלחמה, זי איז אַוועק קיין טשילע און שפּעטער עולה געווען קיין ישׂראל. זי איז צופרידן וואָס איר טאָכטער איז אין קיבוץ. הלוואי וואָלט מיין טאָכטער געוואָלט זיין אין קיבוץ.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, געעפנט אַ שופלאָד אין אַ טישל, אַרויסגענומען פאָטאָגראַפיעס.

— די עלטערע האָט יונג חתונה געהאַט. די יינגערע קלייבט זיך אויך יונג חתונה האָבן. זאָל זיין אין אַ גוטער שעה. — מ׳זאָגט, זי איז אַ שיינע, אָבער דער עיקר... כ׳קען זיך נישט באַקלאָגן אויף מיינע קינדער. אויך מיין זון, אַ פעיִקער, ווילער בחור.

די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און עס איז אַריין אַ שיין געבויטער מיטלוווקסיקער מאַן. פון זיין טרוקן נערוועז פּנים האָבן אַרויסגעקוקט טיף איינגעזעצטע אומרויִקע טונקעלע אויגן.

— כ׳האָב געמיינט רינה, עס איז מיין מאַן — די גברת וואָס וועט נייען פאַר רינהן, — האָט זי מיך פאַרגעשטעלט פאַר איר מאַן.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, געשאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ, אַוועקגעלייגט די לעדערנע האַנטטאַש, צוויי

ציטונגען, אַ העברעיִשע און רומענישע, און אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער.

רחל האָט זיך אַנטשולדיקט:

— כ'האָב עפּעס איבערגעלאָזט אין קיך, כ'דאַרף אַ קוק טאָן, איך קום באַלד.

כ'האָב אַרויסגענומען זשורנאַלן, זיי צוגעגרייט.

— כ'קען איך איבערלאָזן די זשורנאַלן ביז מאָרגן, איבער־מאָרגן, — האָב איך זיך געווענדט צו רחלען ווען זי איז צוריק־געקומען.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר.

— אָט איז רינה, — איז די מוטער אַ פריידיקע און אויפגע־לעבטע צוגעשפּרונגען צו דער טיר.

רינה איז אַ שיין מיידל, מיט גרויסע בלויע אויגן און העלע האָר. איר ענלעכקייט צו לאהן האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן.

מאַמע און טאָכטער האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט, ווי זיי וואָלטן זיך לאַנג נישט געזען.

כ'האָב געהערט ווי רינה האָט עפּעס שטיל געפרעגט דער מוטער. כ'האָב אויפגעכאַפּט:

— ער איז דאָ?

די מוטער האָט פּאַטאַקעוועט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דערנאָך אָנגעוויזן אויף מיר.

דאָס מיידל האָט מיט אַ פיינעם שמייכל מיר דערלאַנגט די האַנט: — רינה.

כ'האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן, איר געזאָגט, אַז זי איז ענלעך צו דער מאַמען.

— אמת, מען האָט שוין אַ סך מאָל געפרעגט, צי זי איז מיין מאַמע.

רחל האָט זיך געקרימט:

— רינה איז ענלעך צו איר פאָטער.

דער מאַן איז אַריינגעקומען, ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, דאָס פּנים האָט ביי אים געצוקט נערוועז, נישט באַגריסט זיך מיט רינהן. ער האָט גענומען אַ צייטונג און זיך געזעצט אין אַ זייט, אין אַ אויסגעבעטן שטול. כ׳האָב ביי אים באַמערקט פאַרהאַרטע־וועטע, שווערע הענט, אויף איין האַנט אַ נומער פון אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער.

כ׳האָב געפרעגט וואָס זי וועט זיך נייען, מיר האָבן געשמועסט וועגן מאָדעס, באַקוקט זשורנאַלן.

— כ׳וועל זיי איבערלאָזן ביז מאָרגן, גרייט צו די סחורה, מאָרגן וועל איך קומען. — כ׳בין אויפגעשטאַנען אַוועקצוגיין.

— בלייבט מיט אונדז עסן — האָבן מיך מוטער און טאָכטער געבעטן.

— אַ דאַנק, היינט קען איך נישט, סיי ווי וועל איך ביי אייך עסן, אַרבעטן „טעג״ — האָב איך זיך צעשמייכלט.

— גברת, ביי מיר איז אַן אָפענע טיר פאַר מענטשן, איר וועט זאַט ווערן. בלייבט אויף נאַכטעסן, — האָט דער מאַן זיך אָפּגערופן.

מוטער און טאָכטער האָבן בלאָס געשמייכלט, האַלב־פאַרשעמטע.

— מיר וועלן שוין מאָרגן זיין צוזאַמען, אויב איר וועט עס באַשליסן, איך דאַרף נאָך היינט זיין אויף אַ פּלאַץ.

— גברת, נישט שיין, זיך לאָזן בעטן, ביי אונדז שפּילט נישט קיין ראָלע מכבד זיין מיט עסן — האָט ווידער זיך אָפּגערופן דער מאַן.

די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, די טאָכטער איז געשטאַ־נען אין פאַרלעגנהייט.

— יאָנאַס, די גברת איַילט זיך. כ׳בעט אייך, קומט שוין מאָרגן, אויב איר קענט, מיר וועלן שוין באַשליסן וואָס אָנהייבן צו נייען.

— מאָרגן, נו, זאָל זיין מאָרגן, מיין פרוי האָט שוין געפּסקנט. כ׳בין אַוועק.

12

רחל איז אַ פריינדלעכע און צוריקגעהאַלטענע. ווי לאַנג איך זיץ מיט איר און מיט דער טאָכטער, אַרבעט איך רויִק. עס איז שטיל אַרום. רחל פּאָרעט זיך אין שטוב, דערנאָך זעצט זי זיך אַוועק, לייענט די צייטונג, די טאָכטער זיצט מיט אַ בוך.

איך פרעג נישט קיין שאלות, זיי זענען אויך נישט להוט אויף סתם רעדן. זיי טראָגן מיר צו כּיבוד, געטראַנקען, איך פיל זיך גוט ביי זיי אַ דאַנק זייער נאַטירלעכער פריינדלעכקייט.

מיטן אָנקומען פון מאַן בייט זיך אַלץ. רינה פאַרשווינדט. ער הייבט אָן הוסטן, שנייצן די נאָז. ער זעצט זיך מיט דער צייטונג, אָבער קוקט איבער דער צייטונג צו מיר, האָט חשק צו שמועסן מיט מיר. רחל איז פאַרנומען אין קיך, רעדט ער פריי מיט מיר, רעדט זיך אַראָפּ. לאָזט זיך ווילגיין:

— יאָ, גברת, אַזוי איז עס, נישט אַלץ איז אַזוי שיין ווי אונדז דאַכט זיך, שיינע זאַכן זענען אויפן פּאַפּיר. לאה איז אַ פּלאַפּלערקע, זי האָט אייך אַוודאי דערציילט, איר טאָכטער... בעסער נישט רעדן. דער זון אין צבא. אויך אַ חוצפּהדיקער בחור, סאַבּרעס... בעכטיקע ליבעס, — אומגעקומען אין מלחמת־השחרור, און נאָר זי איז פול מיט יענעם... מ׳זאָגט, אַז ער האָט סיי ווי נישט געהאַט קיין סך צו לעבן. ער האָט אויסגעמאַכט טייערער ווי ער איז ווערט געווען,

פּונקט ווי די טאָכטער, אינטעליגענט, שמינטעליגענט, עס איז קיין שמעק טאַבּאַק נישט ווערט.

זי איז אַוועק פון שטוב, די טאָכטער אירע, זאָל זי, אַ קרענק־לעכע, ווי איר פאָטער, אייביק נאָר אין בעט. זי האָט עגמת־נפש צוליב דער טאָכטער. איך וויל זיך נישט נעמען צום האַרצן. זיי פאַררייסן די נעז. שמינטעליגענטן.

— גברת, איר וועט עפּעס טרינקען? ביז עסן מעגט איר עפּעס טרינקען.

כ׳בין אַדורכגעגאַנגען קאָנצענטראַציע־לאַגערן, כ׳האָב דאָ אַ משפּחה. ווען כ׳בין אַהער געקומען איז דאָס איינציקע מיט וואָס זיי האָבן מיך באַשאָנקען געווען — „גוטע עצות״. אין מיר האָט געפּלאַצט די גאַל. וואָס? כ׳האָב נישט קיין גאַל? שיינע זאַכן זענען אויפן פּאַפּיר. אַלץ אַליין. אַלץ מיט שווערער אַרבעט. היינט קענען מיר ברוך־השם עסן געבראָטענע הינדעלעך נישט בלויז שבת...

די פרוי איז אַריינגעקומען, אונדז גערופן צום טיש, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט גערעדט וואָס מען דאַרף נישט. זי איז גע־שטאַנען מיט אַ פאַרפּרעסט מויל. מיר זענען אַריין אין פּינת־האוכל, זיך געזעצט ביים טיש.

דער מאַן עסט איצט זיין מיטאָג, מיר טרינקען טיי מיט צו־בייסנס.

— עסט, גברת, עסט געזונטערהייט, איך וויל אַז ביי מיר אין שטוב זאָל מען זאַט ווערן.

אַ קאַץ האָט זיך צעמיאַוקעט אין דער נאָענט.

— איך האָב פיינט קעץ, פיינט הינט, פיינט בכלל פירפיסיקע.

— מענטשן האָט איר יאָ ליב?

— מענטשן? אָבער ריכטיקע מענטשן. מ׳דאַרף זיין אַ מענטש,

אָבער ווּ וועט איר זיי געפינען, גברת? אָה, איך בין גאָר אַ סך אַדורכגעגאַנגען ביי די נאַציס...

וואָס מער יאַנאַס רעדט, אַלץ מער פאַרפרעסן זיך רחלס ליפּן, דער טרויער שווייגט אַרויס פון אירע אויגן. זי דערמאָנט אים:

— יאַנאַס, עס, עס ווערט קאַלט, דאַרפסט זיך אויסרוען.

ער קוקט זי אָן בייז.

— דו יאַנאַסט שוין? אַוודאי וועל איך זיך אויסרוען.

איך האָב זיך שלעכט דערפילט צווישן זיי. ער האָט געהאַט חשק צו רעדן, כ׳האָב עס געוואָלט אויסמיידן, צוליב זיין פרוי, האָב איך זיך אויפגעשטעלט.

— כ׳וועל נאָך עפּעס אַרויסענדיקן.

ער איז ווידער אַריינגעקומען צו מיר. כ׳בין געווען פאַרנומען, נישט געקוקט אין זיין זייט. ער האָט געבלעטערט די צייטונג, געקוקט צו מיר. איך האָב נישט געלייגט קיין אַכט אויף אים.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— כ׳וועל זיך צולייגן, איך שטיי אויף גאָר פרי, איך שלאָף שלעכט ביי נאַכט.

אַ פאַרטאָגנעע אין מיין אַרבעט, האָב איך קוים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ער איז אַרויס, רחל איז אַריינגעקומען. זי האָט אויסגעזען מיד. כ׳האָב זי געוואָלט טרייסטן, נישט געוווסט ווי אַזוי.

— כ׳וועל באַלד אַוועק, איר דאַרפט זיך אויסרוען, די שטוב־אַרבעט מאַכט מיד.

— כ׳וואָלט זיך גערן אויסרוען... איר האָט געהערט וואָס מיין מאַן האָט גערעדט... שיינע זאַכן זענען אויפן פּאַפּיר, ער איז גע־רעכט. שיינע זאַכן זענען אויפן פּאַפּיר...

כ׳האָב פאַרשטאַנען די צווייִדייטיקייט פון אירע ווערטער.

13

כ׳האָב שוין אַן אייניקל, מאַריאַ האָט אַ זון.

מיט וויפל טרערן האָב איך אויפגענומען די פריידיקע ידיעה!

עס איז געקומען אַ טעלעגראַמע, איצט וואַרט איך אויף אַ בריוו. כ׳האָב שוין טעלעפאָנירט צו חננען, ער וועט קומען צו מיר די נאָענטסטע טעג.

באַלד צו מאָרגנס האָט מיך חנן איבערראַשט. געקומען אין אָוונט, מיטגעבראַכט אַ מיידל, מיט בלאָנדע האָר און אַ ראָז סימפּאַטיש פּנים, און געזאָגט צו מיר פייערלעך:

— מאַמע, מערי איז מיין בחורה.

איך בין געבליבן שטיין אין מיטן צימער אַ געפּלעפּטע.

— דיין בחורה? זאָל זיין מיט מזל!

כ׳האָב זי אָנגעקוקט, עס האָט זיך ביי מיר פאַרגנבעט עפּעס אַ חשד, וואָס האָט אויסגעלאָשן מיין פרייד. „מערי פון קיבוץ״, איך געדענק זי. איך בין שוין אין גאַנצן צעמישט: מיין ערשט אייניקל, איצט האָט חנן אַ כלה, מערי. כ׳האָב זיך דערמאָנט חננס זאָג:

„מאַמע, כ׳וועל דיר ברענגען אַ ישראַלדיק מיידל, דיר זאָגן: זי איז מיין בחורה״.

מערי האָט געאַרבעט אין חדר־האוכל. זי איז דען אַ יידישע? דאַכט זיך אַז ניין. זי איז געקומען מיט אַ גרופּע אויסלענדישע סטודענטן. כ׳ווייס, אַז זי איז דאָרט געווען נאָענט מיט איינעם אַ בחור, זיי זענען געקומען צוזאַמען, אפשר געוווינט צוזאַמען...

— יאָ, מערי פון קיבוץ. — האָב איך נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט, געוואָלט עס אַרויסזאָגן מיט פרייד, נישט געקענט.

חנן האָט מיך פאַרשנדיק אָנגעקוקט, געבליבן אומצופרידן.

— מערי האָט אַ יידישן פאָטער. זי וועט מיט מיר בלייבן אין קיבוץ. זי איז פון ענגלאַנד, געזאָלט דאָרט ווערן אַ פאַרמאַצעווטין, געקומען אויף אַ יאָר, אָבער זי בלייבט.

— ענגליש פאַרשטיי איך קנאַפּ — האָב איך געשטאַמלט אַ פאַרלוירענע.

— עס שאַדט נישט, זי איז געוווינט דערצו אין קיבוץ, זי לערנט זיך עברית.

מערי האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס מיר רעדן, זי האָט אָנגעהויבן:

— אני מדברת מעט עברית, אני לומדת עברית, עוד מעט... לדבר.

חנן האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרליבטע אויגן.

— אני שׂמחה מאוד שאַת לומדת עברית, — האָב איך געענטפערט.

כ׳האָב שוין נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. כ׳האָב זיך דערמאָנט — אויפגעשטאַנען, געגאַנגען ברענגען כּיבוד, געוואָלט דערהויבן די שטימונג. כ׳האָב אָנגעגאָסן גלעזלעך מיט קאָניאַק.

— מזל־טוב לכם! ומזל־טוב לכבוד הנכד שלי!

חנן, שוין אַ צופרידענער, האָט מיך געקושט. כ׳בין צו צו מערין, זי אַרומגענומען, געקושט. מערי האָט זיס געשמייכלט, אַ גליקלעכע.

— ביסט אַ באַבע, מאַמע, — האָט חנן זיך געוויצלט — מיר האָבן זיך גענומען צוויי פרייע טעג, היינט גייען מיר אין קינאָ, מיר וועלן פאַרברענגען. כּדי דיר נישט שטערן, וועלן מיר שלאָפן אין אַ חדר פון משק. דער קיבוץ האָט אין שטאָט אַ וווינונג אויף צו נעכטיקן.

מערי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווי שפּעט קענען מיר מאָרגן קומען צו דיר?

— כ׳וואָלט וועלן זיין מיט אייך, קינדער, איך אַרבעט אָבער מאָרגן. כ׳וועל זיך באַמיִען פריִער ענדיקן, כּדי צו זיין מיט אייך וואָס לענגער.

מיר האָבן געשמועסט, כ׳האָב געפרעגט וועגן קיבוץ, וועגן חברים דאָרטן. חנן האָט מיר דערציילט ווער עס קלייבט זיך חתונה האָבן, ווער עס האָט אַ קינד געבוירן. די מענטשן פון קיבוץ זענען מיר אַזוי נאָענט געוואָרן, ווי אייגענע. איך רעד און קוק אויף מערין. ווו איז מיין גרויסע פרייד? זי זעט אויס אַזוי פּשוט, גע־ווען איז זי דאָרט אין קיבוץ נאָענט מיט עמעצן, איצטער לעבט זי אפשר מיט חננען...

איך מוסר זיך: אפשר האָב איך שוין נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר יונגע מענטשן, איך בין פאַרצייטיש? כ׳האָב דאָך אויך, אין מיין צייט, אַליין דעצידירט מיין וועג...

14

איך בענק נאָך מאַריאָן, נאָך מיין אייניקל. מיט אומגעדולד וואַרט איך אויף אַ בריוו, אויף אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין קאַטוילישן אייניקל... נישט אַרויסצופּלאָנטערן זיך פונעם פאַטאַלן גורל. — דאָ וועל איך האָבן יידישע אייניקלעך פון אַ פאַרגוויִשטער שנור (אויב זיי וועלן חתונה האָבן). זי וועט דאָ זיין אַ יידישע, — טרייסט איך זיך.

חנן איז איצט פאַרנומען מיט מערין, איך זע אים ווייניק. צי ווייסט ער פון מיין בענקשאַפט? וואָס ווייסט מאַריאָ וועגן מיר? וואָס ווייסן זיי וועגן מיינע האָפענונגען, וועגן מיין איינזאַמקייט?

מיינע נאָענטסטע, און פֿאַרשטייען מיך אַזוי ווייניק, איך בין פֿאַר זיי די אַלטע וועלט...

מיר רעדן צווישן זיך אַ סך, איך און חנן. דער קאָנטאַקט איז פֿאַראַן, אָבער יעדער פֿון אונדז בלייבט מיט זיין וועלט.

15

איך בייט אָפּט מיינע ראָלן, ווי אַן אַרטיסטקע. מיינע בימות זענען די פֿרעמדע שטובן. איך באַטייליק זיך אין „משפּחה-סצענעס״, ווען כ׳קום „אַרבעטן טעג״. איצט איז מיין ריי ביי די קרובים פֿון מיינע שכנים.

כ׳האָב לייבלען און כאַסאַ געמוזט פֿאַרזיכערן, אַז כ׳וועל חלילה נישט דערציילן וועגן זייערע טענות צו דער רייכער משפּחה.

ס׳האָט מיר געעפֿנט אַ מיידל, נישט קיין איבעריק שיינע. ווען כ׳האָב איר געזאָגט צוליב וואָס כ׳בין געקומען, האָט זי מיך אַריינגעבעטן מיט אַ שמייכל (וואָס האָט אַ ביסל שענער געמאַכט איר פּנים) און מיך געבעטן זיצן. די מוטער וועט באַלד קומען, זי איז אַוועק איינקויפֿן. כ׳האָב באַקוקט דעם סאַלאָן — אַ גוט איינגעאָרדנטער צימער: אַ היפּשע ביבליאָטעק, בילדער, זשיראַנדאָלן, מעבל — אַלץ ערנסט און מיט געשמאַק. אין אַ ווינקל, לעבן דער ביבליאָטעק, אַ טיש און אויף אים — אַ טייסטערל, אַ מעסערל, געשניצטע פֿיגורן, צייכענונגען און אַ גרויסע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ יונגן שיינעם בחור. און אויף דער וואַנט קלענערע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון זעלבן בחור.

איך בין געזעסן און געוואַרט. דערנאָך האָב איך געהערט ווי די טיר האָט זיך געעפֿנט און עמעצער איז אַריין. דאָס מיידל האָט אַ שמייכל געטאָן צו מיר און געזאָגט:

— מיין מאַמע.

כ׳האָב דערזען אַ הויכע שלאַנקע פרוי מיט אַ שווער קוישל אין האַנט. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט ערנסטע, רויִקע אויגן.

— איך בין די שניידערין, אייערע קרובים...

— יאָ, יאָ, כאַסאַ האָט מיר געזאָגט. איר האָט זיי געזען? וואָס הערט זיך ביי זיי? קודם וועל איך אַוועקשטעלן מיין קוישל, אַנטשולדיקט, — זי איז אַריין אין קיך.

איר נערוועזע רעדן, גיכע באַוועגונגען, זענען געווען אין סתירה צו איר ערנסטקייט.

זי איז גיך צוריקגעקומען. בדרך־כלל, ווען איך קום נייען אין אַ שטוב פרעגט מען מיך צי כ׳בין שוין לאַנג אין לאַנד. איך דערצייל וועגן קיבוץ. זיי געפעלט מיין התפעלות פון קיבוץ־לעבן. אַ סך מאָל שמועסט מען פּאָליטיק. איך דריק אויס מיין ווונטש עס זאָל זיין שלום, מען איז מסכים מיט מיר. דערנאָך דערצייל איך וועגן אַרגענטינע, וועגן אַנטיסעמיטיזם, צום סוף — וועגן מאָדעס, וואָס מען וועט טראָגן דאָס יאָר. איך דאַרף עס וויסן, אַ שניידערין! דאָ אָבער איז פאַרגעקומען אַנדערש.

די פרוי האָט מיך געבעטן זיך מאַכן באַקוועם, זיך זעצן אין אַן אויסגעבעטן שטול, מיך אָנגעקוקט, געפרעגט ווו איך האָב גענייט, וועמען זי קען פרעגן וועגן מיין אַרבעט.

זי האָט גערעדט צו מיר נאַטירלעך, פּשוט און ערנסט. כ׳האָב געטראַכט: געשעפטמעסיק... זאָל זיין. כ׳האָב איר געגעבן עטלעכע אַדרעסן און געפּרווט אויפשטיין.

— וואָס איילט איר זיך? איר זייט שכנים פון אונדזערע קרובים, יאָ? לייבל אַרבעט שוין?

— ער האָט שוין באַקומען עפּעס אַן אַרבעט, ער איז אָבער נישט צופרידן, זיי האָבן נאָך שוועריקייטן, אַזוי האָט מיר לייבל דערציילט.

איר פּנים האָט נערוועז אַ צוק געטאָן.

— יעדער אָנהייב איז שווער, עס וועט שוין קומען.

מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן נייען. די פרוי האָט געבראַנגט עטלעכע רעשטלעך סחורה, מיר זיי געוויזן. דערנאָך האָט זי אין צווייטן עק צימער עפּעס שטיל גערעדט מיט דער טאָכטער, וועלכע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דרורה איז מסכּים, אַז איר זאָלט איר ערשט אויפנייען דאָס קלייד — האָט זי געוויזן אויף אַ פּשוטער סחורה — דערנאָך, גלייבט מיר, וועט עס שוין נאָכקומען ווייטער.

— אפשר וועט איר נישט איינשטעלן, פריִער זיך נאָכפרעגן?

זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געזאָגט אַנטשלאָסן:

— איר קענט עס שוין אַפילו מאָרגן אָנהייבן נייען, אויב איר האָט צייט.

איך האָב פאַרשטאַנען — עס איז אַ ביליקע סחורה, נישט פאַראַן קיין סך איינצושטעלן.

איך אַרבעט. אין שטוב אַ שטילקייט, אַ פעלן פון פרייד. זיי רעדן נישט מיט מיר וועגן פּאָליטיק, וועגן מצב ביי די גרענעצן. דער ראַדיאָ-הילכער ווערט איינגעשלאָסן בלויז צו הערן די נייעס. די פרוי האָט אַפילו מיר נישט געענטפערט, ווען כ׳האָב געזאָגט: — שוין ווידער נייעס, ווידער קרבנות... איר פּנים האָט זיך בלויז פאַר־וואָלקנט. דער מאַן איז אויך אַ שווייגער. קומט אַהיים שפּעט, נאָך מיטאָגצייט. דערציילט דער פרוי ווי עס איז געגאַנגען אין געשעפט, וועגן צאָלונגען, וועקסלען, באַגעגענישן. דאַן זעצט ער זיך מיט דער צייטונג און רעדט נישט מער.

עס ווייעט אַ קאַלטקייט אין שטוב. צו מיר זענען זיי פריינדלעך, פּשוט, אָבער נישט צוגעלאָזן, רעדן נישט קיין סך, נישט וועגן זיך, נישט וועגן אַנדערע. און פון זיי האָט לייבל געוואָלט הילף?..

דאָס ערשטע קלייד האָט אויסגענומען, זיי געפעלט מיין אַרבעט. איך זע עס מער פון זייערע בליקן ווי פון די ווערטער.

איך אַרבעט שוין עטלעכע טעג. איך זע אַז דרורה איז די איינ־ציקע טאָכטער אין שטוב, איך פרעג נישט. זיי רעדן נישט. זאָל זיין אַזוי. כ׳האָב זיך צוגעפּאַסט צו זייער שטייגער.

ווען כ׳בין געבליבן מיט דרורהן אַליין אין שטוב, ביים מעסטן איר אַ קלייד, האָב איך זי געפרעגט אויף די פאָטאָגראַפיעס פון יונגן בחור.

— ער איז דיין ברודער? אַ שיינער בחור.

דרורה האָט נערוועז געענטפערט:

— מיין ברודער. ער איז פאַר אַ יאָרן געפאַלן אין משמר־הגבול (גרענעץ־איינהייט). איך בעט איך, רעדט גאָרנישט פאַר דער מאַמען.

כ׳בין געבליבן פאַרלוירן. לייבל האָט גערעדט וועגן זיי שלעכטס, וועגן דעם האָט ער פאַרגעסן צו דערציילן...

איצט האָב איך פלוצעם דערזען דעם פאַרשטאַרטן ווייטיק, די אויסגעלאָשענע בליקן אין טאַטע־מאַמעס אויגן, כ׳האָב פאַרשטאַנען אַ סך זאַכן.

דרורה האָט מיר דערציילט מיט טיפער געריריטקייט, מיט טרערן אין די אויגן וועגן איר איינציקן ברודער. געווען אַ גאון, געענדיקט אינזשעניר.

די שטוב איז נישט ווי פריִער. דער טאַטע פאַרהויקערט גע־וואָרן, די פרייד איז פאַרשוווּנדן פון שטוב. זיי האָבן אים געשטערט אין שידוך מיטן מאַראָקאַנער מיידל. סיי ווי וואָלט עס נישט גע־האָלפן. ווען ער איז אַוועק אויף אַ חודש אין צבא איז ער געווען פאַרביטערט אויף טאַטע־מאַמע. אַוועק אַ ברוגזער, נאָך אַ שאַרפן איבעררייד מיט זיי.

— אַלץ צעפאַלט זיך. איך וועל אויך אַוועק פון שטוב, זיי וועלן בלייבן אַליין, וואָס קען מען טאָן? שווער מיר דאָ צו לעבן — האָט זי צוגעגעבן.

מיר האָבן געשוויגן.

איך האָב שוין געקוקט אויף זיי מיט פאַרשטענדעניש, מיטגע־שוויגן מיט זייער שוויגן אין שטוב.

זיי זענען שותפים צו דער מדינה, זיי האָבן איר געגעבן אַ בלוטיקן צושטייער, זייער בן־יחיד.

איין מאָל האָט מיך לייבל באַגעגנט לעבן מיין שטוב.

— ווי גייט עס אייך ביי אונדזערע „טייערע” קרובים? סימ־פאַטישע מענטשן...

— גאָר גוט, זיי געפעלן מיר.

— טאַקע? אויף אַן אמת? — האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ ספק.

כ'האָב געקוקט אויף אים אַן ערנסטע, מיט פאָרוווּרף.

— איך גלייב נישט, אַז איר קענט נישט פאַרשטיין דעם צער פון די מענטשן.

ער איז געוואָרן צעמישט.

— דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך...

— גאָרנישט קיין באַזונדערע זאַך, איר קענט עס נישט אָפּ־טיילן...

ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— דער כאַראַקטער ביי זיי. עס האָט נישט דערצו...

כ'האָב זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן מער אין קיין וויכּוח מיט אים.

— וואָס הערט זיך ביי אייך? פאַראַן אַ בעסערע אַרבעט?

— מען האָט מיר אָנגעבאָטן אַן אַרבעט אין אַ פֿאַבריק פֿון פּלאַסטישע אויסאַרבעטונגען.

— עס פֿריידט מיך גאָר שטאַרק.

— יאָ, אָבער כ׳וועל קיין סך נישט פֿאַרדינען.

כ׳האָב אים געטרייסט, אַז מיט דער צייט וועט אַלץ בעסער ווערן.

— עס איז נישט דאָס וואָס מיר האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט...

כ׳האָב אים שוין אָנגעקוקט מיט ווידערווילן, נישט געהאַט מער קיין חשק זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס, אויסהערן זיינע טענות צום לאַנד. עס עקלט פֿון אים, פֿון דעם קליינקעפּלדיקן נפֿש.

צו מאָרגנס האָב איך דערציילט זיינע קרובים, אַז לייבל האָט באַקומען אַרבעט, נישט קיין סך צו פֿאַרדינען, אָבער...

דער מאַן האָט דערהויבן די אויגן פֿון דער צייטונג.

— וואָס דען? ער וועט נישט באַקומען קיין אַרבעט? עס ברענט ביי זיי, אָנגעבלאָזענע פּרעטענזיעס האָט די משפּחה, גאַליקע טענות. געדאַרפֿט זיי אויפֿנעמען דאָ אין דעם לאַנד אונדזערן מיט אַן אָרקעסטער...

די פֿרוי האָט נישט געלאָזט רעדן.

— פֿאַראַן גרעסערע דאגות, ער וועט נאָך גוט פֿאַרדינען, סבל־נות. אונדז האָט אויך אין אָנהייב נישט געגעבן מיט מן פֿון הימל. נחום, געדענקסט?

— אַוודאי געדענק איך. מיר האָבן אָבער געבענטשט די ערד דאָ, ווען מיר האָבן געהונגערט...

מער האָבן זיי נישט גערעדט וועגן זייערע קרובים. איך פֿלעג זיי איבערגעבן גרוסן. זיי האָבן העפֿלעך געדאַנקט, נאָכגעפֿרעגט זיך וועגן זייער געזונט.

16

איך נײַ שוין אַ חופּה־קלייד פֿאַר לאהן.

זי וועט אויסזען יונג און שיין אינעם קלייד. איך נײַ דערין אַריין אַלע מײַנע גוטע ווונטשן פֿאַר איר, ווײַל איר דערמיט באַצאָלן פֿאַר איר גוטסקייט און פֿאַר אירע טובֿות וואָס זי טוט מיר.

כ׳האָב באַקענט איר חתן. געננוי ווי זי האָט אים פֿאַר מיר אַ מאָל אָפּגעמאָלט. בײַ די פֿינף און פֿופֿציק, אַ נידעריקער, מיט אַ גרויסן פּליכעוואַטן קאָפּ און אַ שפּאַר בײַכל.

ער איז גוטמוטיק און צוגעלאָזן. אַז ער צעשמייכלט זיך, פֿאַרגעסט מען פֿון זײַנע חסרונות.

ער קוקט מיט פֿאַרליבטע אויגן אויף זײַן כּלה. לאה זיצט נעבן אים אַ זיכערע (זי געפֿעלט אים!), אַן אויסגערוטע, אַ זאַטע און שמייכלט. זי האָט אויפֿגעהערט אַרבעטן.

ער איז באַרעדעוודיק, אָנגעלייענט, אַ סך טעמעס האָט ער באַרירט, זיך אַרויסגעזאָגט, נישט דערזאָגט, ווײַל לאה רײַסט איבער, פֿרעגט מיך עפּעס, זי האָט חשק צו רעדן מיט מיר.

צום סוף האָט ער אַרויסגענומען פֿון זײַן טייסטער (אַן אָנגעפּילטן מיט געלט) בילעטן און אַרויפֿגעלייגט זיי גרויסמוטיק אויפֿן טיש, מיך פֿאַרבעטן גיין צוזאַמען מיט זיי אין טעאַטער.

לאה האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

17

כ׳האָב שוין אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין אייניקל!

ענלעך צו אַלבערטן, ענלעך צו מאַריאַן איז מיין קאַטויליש אייניקל.

מיט וויפל צאַרטקייט און ליבשאַפט קוק איך אויף זיין פאָטאָגראַפיע, ווי גערן וואָלט איך אים צוגעדריקט צו מיין האַרצן!

מאַריאַ איז גליקלעך. כמעט דער גאַנצער בריוו וועגן קינד. גרוסן פון איזאַבעלן...

צום סוף שרייבט מאַריאַ:

„ביסט אַרויס פון קיבוץ, וואָס איז דיר געשען? שווער דיר מסתמא אין יענעם אומרויִקן לאַנד, שרייב דערוועגן״.

„אין יענעם אומרויִקן לאַנד״... צי וועט שוין מיין זון מאַריאַ בלייבן אויף אייביק פרעמד צו זיין שטאַם? ער פאַרשטייט נישט, אַז כ׳בין דאָ ביי זיך אין דער היים?

כ׳וועל אַריינגעמען מיין גויִיש אייניקל אין אַ רעמל, קוקן אויף אים מיט ליבשאַפט, מיט בענקשאַפט, מיט ווייטיק. איך וועל אים זיין פרעמד, מיין אייניקל...

אין די נעכט פיל איך זיך עלנט.

וויפל איז דער שיעור צו לייענען? די אויגן זענען מיד פון נייען גאַנצע טעג.

לאַנג ווערט די נאַכט ווען מען שלאָפט נישט. איך וואַרט אויף טאָג. ווערט פינצטער — בענק איך ווידער נאָך טאָג. ביי טאָג פיל איך זיך נישט אַזוי עלנט. ביי טאָג וועל איך ווידער זען די פאָטאָגראַפיע פון מיין אייניקל.

ביי מיין אַרבעט באַגעגן איך זיך מיט מענטשן. מיט אַ סך פון זיי ווער איך נאָענט. מיך פריידט, וואָס זיי טראַכטן אַזוי ווי איך. זענען פילבאַר צו ליכט און שאָטן, ווי איך.

איך זע דערהויבענע זאַכן וואָס דערוואַרעמען, פילן אָן מיט שטאָלץ.

עס טרעפט אָבער אויך, אַז איך דרינג אַריין אין טונקעלע מענטשלעכע היילן, פון וואַנען עס שלאָגט אַרויס אַ פאַרטוכלעטער ריח. עס ווילט זיך מיר דאַן, ווען כ׳קער זיך אום צו זיך אַהיים, עפענען ברייט די פענצטער, אויסלופטערן מיין שטוב, איינזאַפּן שטילקייט.

18

לאה איז שוין נאָך איר האָניק־חודש.

כ׳בין צו איר געגאַנגען מיט בלומען. זי האָט זיך צוגעזעצט מיט מיר צום טיש. איר מאַן איז אַריינגעקומען פון שלאָפצימער. ער האָט מיך גאָר פריינדלעך אויפגענומען. דאָס פּנים זיינס האָט געשיינט מיט זאַטקייט.

די שטוב ביי אים איז פשוט אויסגעמעבלירט, לאה האָט דאָ גאָר־נישט געענדערט.

אַ מאָדנע זאַך איז געשען מיט איר. זי איז געוואָרן שלאַבעריק, זי האָט זיך פון טיש נישט אויפגעהויבן. ער האָט צוגעטראָגן עוגות.

ווען מיר גייען צו גאַסט איז עס נישט צוליב כּיבוד, דער עיקר איז די פריינדלעכע באַציִונג, דער שמועס, — אַזוי זאָגן מיר, — אָבער וויפל וואַרעמקייט גיט צו דער כּיבוד, און ווי קאַלט זעט אויס „דער טיש״ אָן כּיבוד. ביי געשמאַקע מאכלים דערוואַרעמען זיך אָפּט די געמיטער.

לאהס מאַן מנחם האָט, ווי תמיד, געשמועסט מיט מיר פריינד־לעך. דער פליך און די פריש אויסגעראַזירטע, ראָזעווע באַקן האָבן ביי אים געגלאַנצט.

— מיר האָבן גוט פאַרבראַכט אין אילת. איך פלעג פריִער אויך פאָרן קיין אילת, קיין נהריה, אָבער אין צווייען איז אַנדערש. וואָס, לאה? — ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אירער, וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן טיש.

לאה שמייכלט און ענטפערט:

— דו דאַרפסט עס וויסן...

— פריִער האָט עס מיך געיאָגט פון שטוב. אַ שטוב דאַרף האָבן אַ באַלעבאָסטע, אַז לאה וועט וועלן, וועלן מיר די שטוב אויספוצן, עס וועלן קומען מענטשן.

— עס איז געמיטלעך אין אַ פיין איינגעאָרדנטער שטוב, — האָב איך זיי צוגעגעבן חשק.

— און לאה וועט זיך אויסלערנען שפילן אין קאָרטן, זי האָלט עפּעס נישט דערפון. זי וועט זיך אויסלערנען, נישט קיין תורה. זי וועט זען ווי גוט עס פאַרברענגט זיך ביי אַ קערטל, די צייט גייט, מען פילט זי נישט, אַן קאָרטן פעלט עפּעס. סתם רעדן? דריי פערטל פון די רייד ביי מענטשן דאַרף מען אויסשטרייכן.

עס איז מיר געפעלן זיין לעצטער זאָג, האָב איך צוגעגעבן:

— און דאָס פערטע פערטל גוט דורכזיפן.

— גוט געזאָגט, בחיי — האָט ער געלאַכט.

לאה האָט זיך געשפּילט מיט אירע הענט אויפן טיש. איך האָב געקוקט אויף איר, עפּעס זעט זי נישט אויס ווי נאָך אַ האָניק־חודש... מנחם האָט אַרויסגענומען זיין נאָזטיכל, איר אָפּגעווישט צערטלעך אַ שפּרענקעלע אויף איר פּנים.

צום סוף פון מיין וויזיט האָב איך געזאָגט לאהן, אַז כ׳וויל זי זען אין מיין שטוב.

— און ער?

— אַ צווייט מאָל.

זי האָט מיך פאַרשנדיק אָנגעקוקט, אירע בלויע שיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן.

כ׳האָב זי אַרומגענומען, געקושט און זי האָט זיך צעשמייכלט.

19

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען לאה.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין לענשטול, געקוקט אויף מיר מיט דערוואַרטונג.

איך האָב קודם געשטעלט כּיבוד, כ׳האָב אויסגעבאַקן אַ קוכן, געמיינט, אפשר וועט חנן קומען מיט זיין בחורה. לאה האָט געלויבט מיין כּיבוד.

— כ׳בין צופרידן, לאה, דו ביסט שוין אַ באַזאָרגטע, קיין שידוכים דאַרפסטו מער נישט זוכן, דאַרפסט זאָרגן פאַר דער שטוב, זי שיין איינאָרדענען, קאָכן, באַקן. — כ׳האָב נישט באַמערקט, ווי כ׳האָב זי אָנגעהויבן דוצן.

— כ׳בין צופרידן וואָס דו רעדסט צו מיר אַזוי היימיש, אויף „דו״. באמת, שוין צייט, אָבער וואָס ווילסטו — ווערן אַ שוויגער, זאָגן מוסר? באַקן, קאָכן, כ׳האָב אַנדערע דאגות, נעמי גייט שוין מיט אַן אַנדער בחור.

— דו האָסט דאָך עס געוואָלט.

— אַוודאי געוואָלט, יענער איז געווען האַמעטנע, אָבער מיט וויפל בחורים וועט זי זיך אַרומפירן?

— ביז זי וועט געפינען דעם ריכטיקן בחור, לאה די רביצין... לאה האָט געשוויגן. איך קוק אויף איר, ניין, דאָס איז נישט איר גאַנצע דאגה. די אויגן זענען פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן, עס האָבן זיך באַוויזן קנייטשן אַרום מויל. פריִער האָב איך זיי נישט געזען.

אָבער מיט דעם אומרויִקן גלאַנץ אין די אויגן האָט זי אויס־געזען נאָך אײדעלער ווי פריִער.

— און איך — זי האָט ווייטער געוואָלט רעדן, אָבער זיך צוריקגעכאַפּט.

— אין דיין איצטיקן מצב דאַרף מען איינשטעלן אַן אַנדער סדר אין שטוב. דו האָסט זיך באַגייט.

זי האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיאוס וואָרט.

— זידלסט שוין ווידער.

— כ׳האָב זיך איבערגעפּרעסן מיט זאַטקייט.

— מיט הונגער שלעכט, מיט זאַטקייט ווידער שלעכט.

— ניין, ניין, אַלץ איז ביי מיר אידיליש, כ׳בין גליקלעך...

— ער איז שטאַרק פאַרליבט אין דיר, דאָס זעט מען. — כ׳מאַך זיך, אַז כ׳האָב נישט באַמערקט איר איראָניע.

אַ מאָדנע זאַך: כ׳האָב דערזען אין אירע אויגן אַ בליץ פון אייפערזוכט, ווען כ׳האָב געלויבט איר מאַן. כאָטש ער געפעלט מיר נישט לגמרי, דאָך — אַ מאַן...

— איך פיל אויס די ווייבערישע פליכטן, און ער איז צופרידן פון דער איינגעקויפטער סחורה.

— זיי נישט ציניש.

— אַזוי איז עס. ווען עס דערנענטערט זיך די שעה פון בעט, וויל איך אים אונטערהאַלטן מיט אַ שמועס, ער האָט ליב שמועסן, — העלפט נישט, די סחורה רייצט אים...

— בלויז סחורה? פאַר וואָס שאַצסטו אָפּ אַזוי אַזאַ אָרנטלעכן מענטש. ער האָט דיך ליב, געפינט אין דיר אַלץ. האָסט זיך דאָך מיט אים געפירט אַזוי אויך פריִער.

— מיר לעבן רויִק, ווי צוויי טייבעלעך, כ׳בין אָן זאָרג.

— נו?

— נו?... טעגלעכע זאַכן וואָס אַרן מיך. כ׳בין דערשראָקן, פאַר וואָס זיי אַרן מיך. ער איז געווען קראַנק. געלעגן נחתדיק אין זיין פּיזשאַמע אין די פּאַסן, כ׳האָב אים אָפּגעהיט. ער איז געווען צופרידן. און אין מיין קאָפּ... בעסער אַז ער ווייסט נישט.

— איך הער ראַדיאָ, ער בלעטערט די צייטונג. ער וויל מיר איבערגעבן דאָס געלייענטע. געלייענט אַלץ, זאָג איך אים קורץ. „ביסט מיד" — זאָגט ער מיט געטריישאַפט — „מיר וועלן גיין שלאָפן, כאָטש עס בענקט זיך נאָך אַ קערטל. ווען וועלן מיר גיין צו מענטשן? פאַרבעטן געסט, עס פּאַסט נישט". עס פּאַסט אים נישט. ביי נאַכט שנאָרכט ער, דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. אין דער פרי ציט ער זיך אויס, גענעצט. עס דענערווירט מיך. מיט פאַרמאַכטע אויגן פאָלג איך אַלץ נאָך. עס נעמט נישט קיין סוף. אַלע טעג אַזוי. און ער איז פול מיט גלייבן אין מיר.

כ׳האָב זי שאַרף אָנגעקוקט:

— דו קלייבסט זיך אים אָפּנאַרן?

— ניין, ניין. בלויז מיט מיינע שפּירונגען; פאַראַן זאַכן ביי מיר, ווי לאַנג כ׳וועל לעבן וועלן זיי זיין מיט מיר. איצט בין איך נאָך אין גאַנצן צעטומלט, ווייס נישט ווו איך בין אין דער וועלט. כ׳האָב זיך באַהערשט, בלויז געזאָגט:

— נישט ענלעך צו דער קוזינע, ווי רופסטו זי, — די „צעקראָ־כענע". זי איז נישט צעקראָכן.

— טאַקע? — איז זי געוואָרן נייגעריק און באַלד האָט זי זיך דערמאָנט — ווי אַזוי איז עס ביי רחלען? און ער?

— זי איז שטאַרקער פון דיר.

— באמת? — האָט זי געפרעגט אַ דערשראָקענע.

עס האָט זיך מיר געגלוסט לאַכן, ווי מורא זי האָט פאַר שוואַכקייט.

— דו קענסט בעסער דיין קרובה ווי איך. זי רעדט נישט וועגן זיך. נישט געראָטן אין דיר. און ער, יאָנאַס — ווי יאָנאַס...

— דיין איצטיקן מצב האָסטו דיר אַליין געשאַפן. אויסגעזוכט זיך אַ מאַן, „אויסגעפּרוווט אים". געוווּסט פריִער, אַז ס׳וועט אַזוי זיין. איצט ביסטו רייך, טו עפּעס אויף דערמיט, פּוץ אויס דיין שטוב, פאַרברענג.

— ער וויל דווקא פאַרברענגען — האָט זי שוין גערעדט מיט אַן אויפגעלעבטער שטים.

— פאַרברענג, ער איז דיר איבערגעגעבן, זיין אַליין איז ערגער.

זי האָט זיך פאַרשעמט, געשוויגן און איך האָב זי שוין ווייטער געשמיסן מיט ווערטער.

זי האָרכט זיך צו צו מיינע ווערטער.

זי האָט געמיינט, אַז רייכקייט וועט אַלץ פאַרדעקן, פאַרגיטיקן. איצט ווייסט זי אַפילו נישט וואָס צו טאָן מיט דעם. זי קען זיך נישט אַריינפּאַסן אין נייעם לעבן. געווויינט צו אַרבעטן שווער.

מיט אַ מאָל זיך געפונען „אַליין" מיט אַ פרעמדן מאַן. יעדער פון זיי מעסט די וועלט לויט זיינע אַמאָליקע מאָסן — געוווינהייטן.

אפשר וועלן זיי זיך מיט דער צייט איינלעבן איינער מיטן אַנדערן. הלוואי!

לאה איז אַוועק פון מיר אַן אויפגערודערטע. זי האָט צוטרוי צו מיר, און נאָכן אַנ אָפּרעדן זיך ווערט איר לייכטער.

20

חנן איז געקומען.

כ׳האָב אים באַגעגנט ביי דער טיר. געקומען אַליין, אָן זיין חברה.

— ווו איז מערי?

ער האָט אויפגעשיינט פון מיין פראַגע.

— געווען אַ „פּאַנטשער״. זי האָט געמוזט בלייבן אַרבעטן. מאַמע, מזל־טוב!

כ׳האָב זיך דערשראָקן. חנן האָט אויך חתונה געהאַט אָן מיר...

— וואָס איז דיר, מאַמע?

— וואָס איז געשען?

— עפּעס דען געשען? ביסט צעטומלט, דערשראָקן.

— וואָס האָסטו געזאָגט „מזל־טוב״?

— אַז מ׳זאָגט עס, איז דאָך גוט.

כ׳בין געוואָרן אומגעדולדיק, אים אָנגעקוקט מיט חשד. ער האָט געצויגן מיט די פּלייצעס.

— כ׳ווייס נישט וואָס דיר איז. דאָ האָסטו מאַריאַס בריוו, לייען און האָב נחת.

מיט ציטערדיקע הענט נעם איך דעם בריוו, הייב אָן לייענען. מאַריאַ האָט געשריבן צו חננען, ער פרעגט וועגן מיר, צי כ׳בין צופרידן. ווי אַזוי עס איז דאָס לעבן אין אַ קיבוץ, פאַר וואָס בין איך אַוועק פון דאָרטן. מסתמא האָב איך זיך נישט געקענט צופּאַסן.

„אויב דו, חואַן, און די מאַמע האָבן זיך איינגעלעבט אין ישׂראל, וויל איך וויסן וואָס אַזוינס איר געפינט דאָרטן. אין געשפּרעך מיט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט דאָרט אַ זון, האָב איך געהערט לויברייד וועגן דעם לענדעלע״.

— דאָס איז דער מזל־טוב, מאַמע. איך וועל אים נאָך מאַכן פאַר אַ ייד. כ׳וועל אים אָנשרייבן ווי עס געהער צו זיין.

— צי ער וועט ווערן אַ ייד ווייס איך נישט. ס׳איז אָבער גוט וואָס מאַריאַ איז נייגעריק צו וויסן וועגן יידישן לאַנד. עס פרייט מיך, חנן. דיין זכות איז עס.

— דאָס איז דער צווייטער בריוו. אין ערשטן האָט ער מיך כמעט גענזידלט, געהייסן מיר ווערן אַ לייטישער מענטש. איצט איז ביי אים אַן אַנדער טאָן. כ׳האָב אים געשריבן. ער האָט מיר נישט געענטפערט. איצט איז קלאָר, אַז עפּעס האָט זיך שוין אַ ריר געטאָן ביי אים.

— חנן, כ׳האָב דיר צוגעגרייט גוטע זאַכן, אַ קוכן, נאַשוואַרג.

— צוגעגרייט? האָסט דאָך נישט געוווּסט וועגן מיין קומען.

— אַ מאַמעס האַרץ פילט.

— טאָ דערלאַנג זשע. כ׳האָב עפּעס צו טאָן אין שטאָט. אין אָוונט פאָר איך אַוועק.

— שוין היינט אין אָוונט?..

ער האָט דערפילט מיין אַנטוישונג, אויפגעהויבן די אויגן. אונדזערע בליקן האָבן זיך געטראָפן.

— וואָס הערט זיך ביי דיר? אַלץ בסדר?

— בסדר.

— כ׳האָב דיר געבראַכט אַ גוטן בריוו און דו ביסט נישט צופרידן. וועגן מערין האָב איך געוואָלט מיט דיר רעדן. כ׳האָב באַמערקט דיין אומצוטרוי צו איר. זי לערנט עברית, וועסט זיך קענען מיט איר בקרוב אויסשמועסן, וועסטו זען וואָס פאַר אַ פיינע בחורה זי איז. מיר וועלן דאָ ענדיקן אונדזער שטודיום, אפשר פריִער חתונה האָבן. מערי וועט דיר זיכער געפעלן.

— דיין כלה איז עס, מיין קינד.

— איז גוט אמאלע, ווען זי ליב באַקומען, זי וועט ווערן אַ גאַנצע יידישקע.

מען האָט אָנגעקלונגען אין טיר. בתיה איז געקומען אַ פאַר־רויטלטע, מיט טרערן אין די אויגן. זי וויל מיר אָנזאָגן אַ פריידיקע בשׂורה, זי האָט באַקומען אַ בריוו פון איר מוטער. די מוטער פילט זיך בעסער, זי וועט נאָך קומען אַהער.

זי האָט געקוקט אויף חנען מיט נייגער.

— איך שטער?

איך האָב זיי באַקענט.

חנן האָט מיט איר אָנגעהויבן רעדן עברית. זי האָט, אַ זשעניר־טע, זיך אָפּט פאַרהאַקט. האָט ער אָנגעהויבן רעדן ענגליש. זי האָט ווידער געזוכט ווערטער, זיך פאַרפּלאָנטערט. איך האָב געשטעלט כּיבוד. יעדער פון אונדז איז געווען דערמונטערט מיט זיין פּאַרציע פריידיקער אָנרעגונג: חנן נעבן מיר. מאַריאַס בריוו. בתיה מיט איר פרייד. אַלע זענען מיר אין אַ געהויבענער שטימונג.

חנן האָט זיך אויפגעשטעלט, ער מוז גיין.

— שוין? — כ׳האָב איינגעפּאַקט פאַר מערין אַ קוכן און זיס־וואַרג.

בתיה האָט געוואָלט אַוועקגיין.

— בלייב, בתיה — האָב איך זי געבעטן.

חנן האָט מיך געקושט.

— וועסט קומען אויף שבת אין קיבוץ?

— מעגלעך יאָ.

נאָך זיין אַוועקגיין בין איך געבליבן זיצן אַן אַנטוישטע פון זיין קורצן וויזיט.

— קינדער פרייען זיך אָפּ אין דער גיך, עס לאַנגווייליקט זיי צו בלייבן לענגער מיט די עלטערן. ביי די עלטערן געשעט עס

נישט, מיר ווילן האָבן אונדזערע קינדער כסדר פאַר די אויגן.

— מיין מאַמע האָט עס אויך געזאָגט. איצט, ווייל כ׳זע זי נישט, צעשפּאַרט מיך די בענקשאַפט צו איר. יאָ, ווייל כ׳בין פון איר ווײַט. זי האָט אויך געהאָט צו מיר די זעלבע טענות. קען זיין, ווען מיר וואָלטן איצטער געווען צוזאַמען, וואָלט איך זיך מיט איר נוהג געווען ווי פריִער. זי געלאָזט אַליין. איך וואָלט אפשר נישט געהאָט קיין געדולד צו איר. איצט פיל איך זיך איינזאַם. איך בענק.

— וועסט נישט זיין אַליין, בתיה, אַזאַ מיידל ווי דו בלייבט נישט אַליין.

זי האָט געשמייכלט.

— אַ פיינער בחור אייער זון.

כ׳האָב איר דערציילט וועגן מערי. זי וועט זיך זיכער מגייר זיין. איר מאַמע איז נישט קיין יידישע. זיי האָבן פּלענער צו שטודירן, ווען חתונה האָבן.

— פון אַמעריקע איז זי? אָה, די אַמעריקאַנער, זיי ניצן נאַר־קאָטיקס...

איך האָב געצויגן מיט די פּלייצעס.

— מערי איז אַן ענגלישע. נאַרקאָטיקס? אַוודאי איז עס פאַר־שפּרייט. ליידער אויך דאָ אין לאַנד פאַראַן יוגנטלעכע וואָס גייען אויף גליטשיקע וועגן. די אָבער וואָס גייען אין די קיבוצים זענען אַנדערש. דער קיבוץ דולדעט נישט קיין שלעכטע אויפפירונגען.

— איך ווייס וועגן אַ סך סטודענטן וואָס ניצן חאַשיש, זיי ווילן אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט, פון מלחמות, פון אַטאָמישער פאַר־ניכטונג, וואָס באַדראָט די וועלט.

— מלחמות? ווען זענען זיי נישט געווען? אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע געווען, אַפילו פאַרן שטיקל ברויט.

— מען ווערט מיד פון אַזוי פיל שלעכטס. נישט פאַראַן מער קיין אידעאַליזם ביי דער יוגנט, קיין גלויבן אין מענטשלעכקייט.

— אין זייער בונטעווען זיך איז אויך פאַראַן אידעאַליזם, אָבער אַ פאַלשער. אייניקע אַנטלויפן צו נאַרקאָטיקס. די מידע זענען מיד פון זייער נאַטור, געבוירן מידע. אַנדערע קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן, שטרעבן צו דערהויבנקייט. יוגנט דאַרף זוכן נייע וועגן. מיטן משו־נהדיקן הילוך, מיט נאַרקאָטיקס, קען מען נישט בעסער מאַכן די וועלט, עס איז זעלבסטפאַרניכטונג.

בתיה האָט מיך אָנגעקוקט. יאָ, אין אירע אויגן זע איך אויס נאַיִוו, אַן אַלטע ראָמאַנטיקערין.

— און מיין חנן, בתיה? ער און אַ סך, אַ סך ווי ער, זיי האָבן דאָ געפונען זייער פּלאַץ, אַרבעטן אין פעלד, בויען דאָס לאַנד. דאָס הייסט אידעאַליזם! אויך דו, בתיה, דאַרפסט דאָ געפינען דיין פּלאַץ. האָסט זיך באַפרייט, באַנייט דיין לעבן. דאָ וועט מען דיך נישט באַ־ליידיקן צוליב דעם, ווייל דיין מאַמע איז אַ יידישע.

— זיכער איז מיר דאָ בעסער ווי דאָרטן, זיכער האָב איך זיך באַנייט.

— גיב אַ קוק אויף זיך, בתיה, דו וועסט נישט זיין אַליין, מענער קוקן אויף דיר, אמת?

בתיה האָט זיך צעלאַכט און זיך פאַררויטלט.

— וואָס דען, נישט? אַפילו אויף מיר קוקן מענער. כ'וועל דיר נאָך בקרוב ברייען אַ חופּה־קלייד.

— אפשר... — האָט זי סודותדיק אָפּגעזיפצט. זי האָט מיר דער־ציילט, אַז אַ ישׂראלדיקער בחור וויזט איר אַרויס אינטערעס. איר פעלט נאָך די שפּראַך כּדי פריי מיט אים צו שמועסן, אָבער זיי פאַרשטייען זיך.

— מסתמא אויף דער שפּראַך פון געפילן.

זי האָט געשמייכלט.

ד

אין סאַמע אָנהייב

1

אומרויִקע, נערוועזע טעג. ביי די גרענעצן פון לאַנד לויערט דער שׂונא. זיינע דראָונגען זאָגן נישט אָן קיין גוטס. נישט שוין זשע ווידער?

וואָס איז ווערט היינט אַ מענטש? ביי אַלעמען — איין זאָרג. זאָרג וועגן נאָענטע, זאָרג וועגן דער מדינה.

טאַטע־מאַמע קוקן אויף קינדער, אַ קינד איז דאָס טייערסטע. די מדינה איז טייער, טייער.

דאָס גאַנצע פאָלק איז וואַך. אַלע — אויך פון יענער זייט ים. ניצול־געוואָרענע פון לאַגערן, אויסגעהאָרעוועטע, רייכע און אָרעמע, פון שטעט און דערפער, בעלי־חלומות און בעלי־מלאכות, סוחרים און קאָרטן־שפּילערס, מענטשן מיט גוטע מידות און מיט שלעכטע מידות, מיט אָפענע און באַהאַלטענע פעלערן, אין אַלעמען קלאַפּט אַ יידיש האַרץ. אַלע ווילן באַווייזן מיט מעשׂים, קעמפן פאַרן לעבן, פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. אַלט און יונג, פרויען און קינדער.

מען גרייט צוזאַמען בונקערס, מען גראָבט אָקאָפּעס. איך האָב אויפגעהערט צו אַרבעטן, בין צוגעשטאַנען צו אַ גרופּע פרויען וואָס באַקן עוגות פאַר די חיילים.

אויף אַלע וועגן חיילים. אין דזשיפּן, אין טענדערס, אין אויטאָס, זיי ווערן באַגלייט מיט ברכות.

לייבל און כאַסאַ רעדן נישט מער וועגן יורד זיין. זיי העלפןביים רייניקן דעם בונקער. פאַרגעסן איצט וועגן זייערע פּרעטענ־זיעס צום לאַנד.

מזל, די תימנקע, וואָס מאַכט „ספּאַנדזשע״ ביי די „פיינשמע־קערס״ איז אויך געקומען העלפן. שכנים האָבן איר געזאָגט זי זאָל אַהיימגיין צו די קינדער.

אירע תמימותדיקע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן:

— ברוך־השם, די עלטערע קינדער היטן די ייִנגערע. כ׳האָב ברוך־השם פיר קינדער אין צבא. וואָס זאָל מען טאָן? דער פאָטער אין הימל וועט זיי באַשיצן.

— פיר קינדער שוין אין דער צבא? — האָב איך זי געפרעגט.

— יאָ, ברוך־השם, — האָט זי זיך געגעבן אַ קוש אין אָרעם. פּלוצעם וואַכט אויף אין מיין זכרון פראַנקרייך, דער מלחמה־אויס־בראָך, די פּאַניק וואָס האָט אַלעמען באַהערשט. יעדער פאַרטאָן מיט זיך, מיט אייגענע.

מיר זענען דעמאָלט געווען אין אַ קליין שטעטל. אַלבערט האָט געהאַט עטלעכע פרייע טעג. מיר הערן זיך צו מיט אַנגסט צו די ידיעות פון פוילן.

די אומרוּיִקע בשׂורה וועגן דער מאָביליזאַציע, שוין אויך אין פראַנקרייך, רייסט איבער אונדזער אורלויב. מיר פאָרן אַהיים.

אויף אַלע ווענט אַפישן וועגן מאָביליזאַציע, אויפרופן צו דער באַפעלקערונג.

די באַן איז פול מיט זעלנערס, אַן אומאָרדענונג און בהלה אויף דער סטאַנציע, אַ געדראַנג, אַ געוויין. די באַן רירט פּאַמעלעך, פרויען מיט ווייסע טיכלעך אין די הענט לויפן נאָך דער באַן. די טיכלעך

פלאַטערן נאָך אַלץ אויפן ווינט, אָבער דאָס געוויין דערגייט שוין נישט צו דער לויפנדיקער באַן...

טרערן איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך... אָבער ישׂראל־פּרויען קענען זיך נישט פאַרגינען אַזאַ שרירות... אויף די פּנימער הייליקע מענטשלעכע געפילן, אָפענע הערצער פון איינעם צום צווייטן.

2

יאָנאָס איז געקומען צו מיר. כ׳האָב אים אין אָנהייב נישט דער־קענט, זיינע ברוגזע אויגן פאַרצויגן מיט אַ מילדקייט. כ׳האָב אים אָנגעקוקט פאַרווונדערט. איצט וויל רחל עפּעס נייען?

— גברת, מיר גרייטן צו דעם בונקער ביי אונדז אין הויף, רחל בעט אייך אַז איר זאָלט זיין מיט אונדז. לאה איז געפאָרן אין קיבוץ ברענגען איר טאָכטער, זי וויל איר זאָלט זיין מיט זיי. אָבער קומט צו אונדז, רחל בעט אייך.

ס׳האָבן מיך טיף גערירט אויך יאָנאָסעס רייד, ער האָט ווי אָפּגעקרישלט פון זיך די אייבערשטע גראָבע שיכט...

— איך בין אייך און רחלען דאַנקבאַר, כ׳וויל אָבער זיין מיט מיין זון צוזאַמען, אין קיבוץ.

— אַ שאָד, עס וואָלט אייך גאָרנישט געפעלט ביי אונדז. פאַ־ראַן פּלאַץ גענוג, צוויי מענטשן זענען מיר אין אַזאַ גרויסע דירה. רחלס זון געווען צוויי טעג, ער האָט געהאַט חופש, געזאָלט זיין מער, מען האָט אים צוריקגערופן. אומרויִקע צייטן.

כ׳האָב אים געבעטן זיצן. ער האָט זיך געזעצט באַקוועם אין שטול, מיך אָנגעקוקט פאַרשעמט.

— ביי רחלען איז ער דער איינציקער זון. כ׳בין אויך אַ גע־פּרוּווטער, כ׳האָב געהאַט אַ פרוי מיט אַ קינד, אַ סך צו רעדן, גברת.

ביי „זיי״, ימח־שמם, זענען מיר געווען אין די לאַפּעס. נאָר אַליין אַרויס אַ לעבעדיקער. אויך רחל איז אַ געפּרוּווטע. דערנאָך דאָ, אין מלחמת־השיחרור. איר ווייסט דאָך, זי איז אַ רויִקע, אָבער אַז איך קוק אויף איר... כ׳האָב טעג ווען ס׳איז מיר אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן. כ׳האָב אויך טעג גוטע — האָט ער זיך צעשמייכלט.

— זייט רויִק, יאָנאָס. איך ווייס, איר זייט אַ גוטער מענטש. אפשר וועט איצט גאָרנישט געשען, דער שטורעם וועט אַריבער. מען זאָגט, אַז אַ סך מאָל געווען אַזוי, אויסגעזען אָט, אָט, עס ברעכט אויס מלחמה — האָב איך אים געטרייסט.

— געווען, געווען, אַוודאי, זיי לאָזן נישט לעבן, אָבער גרייט דאַרף מען זיין — ער האָט פאַרביילט אַ פּויסט און אויף זיין פּנים האָט זיך ווידער באַוויזן דער האַרטער, פאַרפאַנצערטער אויסדרוק.

3

כ׳האָב באַשלאָסן צו פאָרן אין קיבוץ, זיין מיט חנגען און מעריק. אַן ערב־יום־כּיפּורדיקע שטימונג. עס גייען שוין ווייניקער אױ־טאָבוסן. די קאָמוניקאַציע ווערט טיילווייז מאָביליזירט. כ׳וועל מאָרגן פאָרן, כ׳דאַרף זיך צוגרייטן, קודם־כל אַריינקוקן אין פּאָסטקעסטל, אפשר אַ בריוו פון מאַריאַן.

טאַקע אַ בריוו פון מאַריאַן, אַן עקספּרעס־בריוו.

„קומט אַהיים, עס גרייט זיך דאָרט אַ מלחמה. קומט, כ׳וועל אַרויסשיקן געלט״ — ער שרייבט חנגען און צו מיר —

„זייער שיינע זאַכן, וואָס איר באַשרייבט, באמת אַן אינטערע־סאַנט לעבן דאָרטן. אָבער דאָ איז רויִקער, אַרגענטינע איז אַ גרויס און שיין לאַנד, עס פעלט דאָ גאָרנישט זיך פריי אויסצולעבן. אונ־דזער מאַמע איז שוין אַדורכגעגאַנגען מלחמה״.

דווקא איצט, אַנטלויפֿן?...

ווי נעמט מען ווערטער אויפֿצוקלערן מײַן זון, אַז ווען ער זאָל דאָ איצט זײַן וואָלט ער זיכער עס באַנומען. מײַן זון איז נישט פֿאַר־טעמפּט. אָבער בײַ אים איז נאָר לאָגיק און גלײַכגעוויכט. ווי זענען געפֿילן?

אויך לייבל און כאַסאַ האָבן הײַנט באַקומען בריוו פֿון זייערע קינדער. זיי שיקן אַרויס טעלעגראַפֿישע פּאַפּירן צוריקצוקומען.

— מיר וועלן נישט פֿאָרן, דאָ וועלן מיר בלײַבן מיטן גאַנצן פֿאָלק. די קינדער... זיי וועלן נאָך קומען צו אונדז. עס קומען יונגע מענטשן פֿון דער גאַנצער וועלט, — האָט לייבל געזאָגט מיט פֿעסט־קייט.

— די קינדער, ווען נישט די בענקשאַפֿט צו זיי...

— כאַסאַ, זיי וועלן קומען, דו וועסט זען.

— הלוואי — האָט זי אויסגעווישט אַ טרער, — אַ טרוקענעם קאַרטאָפֿל דאָ צו עסן, נאָר זיי זען. ווער האָט עפּעס צום לאַנד?

אויך בתיה האָט באַקומען אַ בריוו, פֿון איר מאַמען. איר מאַמיש האַרץ ציטערט, די געשעענישן האָבן אַן אָפּקלאַנג אין דער וועלט.

— בתיה, שרײַבט דער מאַמען אַז דו ביסט נישט אַליין. דו האָסט מיך. האָסט פֿרײַנד, און — אַ בחור.

זי האָט מיך אָנגעקוקט צערטלעך.

— כ׳וועל אַזוי טאָן.

בתיה לערנט שוין נישט, זי איז צוגעשטאַנען צו אַ גרופּע מתנדבים.

די שכנים זענען אויפֿגעבראַכט אויפֿן מיטל־יעריקן פֿאַרפֿאָלק, אויף די „פֿײַנשמעקערס". זיי זאָגן אַז זיי וועלן אַנטלויפֿן, אויב ס׳וועט חלילה אויסברעכן די מלחמה. זיי באַמיִען זיך צו באַקומען אויסלענדישע פּעסער.

דאָך, אין זעלבן טאָג, האָבן זיי זיך דערנענטערט צום בונקער, אַריינגעקוקט אינעווייניק. ער האָט געפרעגט:

— מען דאַרף אפשר מיין הילף? קען איך מיט עפּעס העלפן, מיינע ליבע?

אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק. זיי האָבן פאַרשפּעטיקט. די נייעס וועגן זייער אָנבאָטן הילף איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן שיכון.

— נסים ונפלאות. אָ, אין אַזאַ צייט רירט זיך אַ שטיין.

— די שונאים וועלן שוין איינבעמען אַ מיתה־משונה — האָבן געזאָגט די שכנים.

פאַר מיין אָפּפאָרן בין איך אַוועק אין שפּייזגעוועלב קויפן שאָקאָלאַד פאַר חננען און מערין. ווען כ׳האָב זיך דערנענטערט צום שטוב, האָב איך זיי געטראָפן ביידן שטיין אַרומגענומען, געוואַרט אין דרויסן אויף מיר.

איך האָב זיך דערפרייט מיט זיי.

— מיר האָבן דיך געזוכט, מאַמע.

— דאָ בין איך פאַר אייך, בין געווען עפּעס קויפן, מען גרייט זיך דאָ... אויך ביי אייך?

— אַוודאי.

מיר זענען אַריין אין שטוב.

— איך גרייט זיך פאָרן צו אייך, זיין מיט אייך אין קיבוץ.

חנן האָט זיך געדרייט, מיך אָנגעקוקט.

ער וויל נישט כ׳זאָל פאָרן? ער קוקט עפּעס אַזוי אויף מיר... איך קוק אויף אים אַן אַנטוישטע.

— איך וויל דאָרט זיין מיט אייך.

— קענסט פאָרן, זיין מיט מערין, מיטן גאַנצן קיבוץ. איך גיי אין צבא. נאָך היינט דאַרף איך זיך צושטעלן.

— דו?!

— פאַר וואָס נישט ?

— דו ביסט דאָך נישט...

— וואָס בין איך נישט ? כ׳בין שוין אַ בירגער, אַ היגער.

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט קורץ און אַנטשלאָסן.

כ׳האָב פאַרביסן מיינע ליפּן ביז בלוט. ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. אַלץ וואָס כ׳האָב געוואָלט דערלאַנגען צום טיש איז מיר געפאַלן פון די הענט. דאָס פּנים האָט מיר געברענט און עס איז מיר געוואָרן קאַלט.

— רויִק, אמאלע, כ׳וועל דיר העלפן, בלויז אַ טרונק ווילן מיר, זאָל זיין אַ קאַפע.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן מזלן, דער תימנקע : „פיר קינדער אין דער צבא, ברוך־השם !״

חנן איז רויִק, מערי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז רויִק.

— מען שמועסט אַז זיי ווילן אונדז בלויז אָנשרעקן. די גרויס־מאַכטן וועלן פאַרמיטלען — האָט מערי געזאָגט, קוקנדיק אויף מיר פריינדלעך.

חנן האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— אפשר ?... אָבער גרייט דאַרף מען זיין, דאָס איז עס.

— מען איז דאָך תמיד וואַך.

— אַזוי איז עס. מיר מוזן שוין גיין. קענסט קומען מאָרגן אין קיבוץ, מיין צימער איז פריי פאַר דיר.

— מאָרגן פאַר איך.

— מיין בראַווע מאַמע, זייַ נישט אומעטיק.

— איך בין רויִק, נעם מיט דעם שליסל פון מיין שטוב, אפשר וועסטו דאָ זיין פריִער פאַר מיר.

חנן האָט געקוקט אויף מערין, אָן חשק גענומען דעם שליסל.

איך ווייס, אַז אַזוי מוז עס זיין. די קינדער מוזן קעמפן קעגן רישעות, אַזוי פון דור צו דור.

מיר האָבן זיך אַרומגענומען. ס'האָט מיר געשטיקט אין האַלדז, אין די אויגן איז מיר טונקל געוואָרן.

— וועסט צוריקקומען אַ גאַנצער, אַ געזונטער.

איך האָב געמוזט אַוועקדרייען מיין פנים, איך בין נישט אַזוי שטאַרק ווי די ישׂראל־פרויען...

זיי זענען אַוועק. איך בין געבליבן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ.

ביי נאַכט, אַ וואַכע, האָב איך שוין געקענט אַלץ באַטראַכטן מיט אַ קלאָרן קאָפּ. געטרייסט זיך אַליין, אַז חנן איז ביי מיר אויס־געוואַקסן אַ שטאָלצער ייד. ער ווייסט נאָך נישט, מיין טייער קינד, וואָס דאָס הייסט מלחמה. איך וויל נישט טראַכטן פון דעם, אויך אַ מאַמעס האַרץ האָט אַ גרענעץ.

מיין זון, מיט זיין ליכטיקן שמייכל, געווען צעשויבערט פריִער, איצט זענען זיינע טריט פעסטע. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין צע־כראַסטעטקייט, זיך אומגעקערט צום ריינעם קוואַל.

וויינען האָב איך נישט געקענט.

4

די נישט־געוויינטלעכע שטימונג האָט זיך צום מערסטן געפילט אויף דער תחנה־מרכזית (אויטאָבוסן־סטאַציע) אין תל־אביב. אַ שאָ־פער איז געגאַנגען צו גרופעס מענטשן, געפרעגט וווהין מען פאָרט, אָנגעוויזן אין וועלכע אויטאָבוסן זיי זאָלן אַריינגיין.

דאָס אָפּפאָרן האָט זיך שטאַרק פאַרשפּעטיקט. ביי יעדער סטאַנ־ציע האָט זיך דער שאָפער אָפּגעשטעלט, גערופן אַריינגיין אין אויטאָ. אַזוי אויפן גאַנצן וועג. דער אויטאָ איז געווען איבערפולט.

אויף די וועגן חיילים און מיליטערישע לאַסטאויטאָס. פּריוואַטע אויטאָס שטעלן זיך אָפּ לעבן יעדן חייל.

די פּאַסאַזשירן פון אונדזער אויטאָבוס קוקן אַרויס מיט וואַרע־מע בליקן צו די חיילים. אַן עלטערע פרוי איז געזעסן נעבן מיר, געשעפּטשעט ווערטער. לויטן אויסדרוק פון איר פּנים האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ תּפילה. אויך איך האָב אויף זיי געקוקט מיט מאַמעשע געפילן, געשיקט זיי ברכות, געטראַכט וועגן מיין זון, אפשר קוקן איצט אויף אים אַנדערע מאַמעשע אויגן און זענען מתפּלל פאַר אים.

מיר פאָרן אַריין אין קיבוץ. עס באַווייזן זיך שוין די ערשטעביימער־אַלייען, דערנאָך די ווייסע נידעריקע הייזער. עס שמעקט מיט אָנהייב זומער. צי וועלן מיר קענען רויק געניסן פון דעם היי־יאָריקן זומער?

אויך דאָ גראָבט מען בונקערס. אַפילו קינדער העלפן צו. די שויבן פון חדר־האוכל זענען פאַרקלעפּט, געקרייציקט מיט שמאָלע ווייסע פּאַפּיר־לענטעס.

נעבן אַן אָקאָפּע שטייט מערי מיט אַ קרוג אין האַנט. איך זע ווי זי גיסט קאַפע פון קרוג און טיילט קיכלעך. איך שאָקל צו מערין מיט דער האַנט. זי דערזעט מיך, שטעלט האַסטיק אַנידער דעם קרוג אויפן גראָז, ווייזט אויף מיר די חברים, זאָגט זיי עפּעס. זיי שאָקלען איר צו מיטן קאָפּ.

זי לויפט צו צו מיר. אַ פאַררויטלטע, מיט אַן אומעטיקן שמייכל, נעמט זי מיר אַרויס די וואַליזקע פון מיין האַנט.

— נסיעה טובה? — פרעגט זי מיך.

— כּן, טובה, — שאָקל איך מיטן קאָפּ.

מיר גייען צו חנס חדר און מיר שווייגן.

די זון גלעט. זי ברענט נאָך נישט ווי געוויינטלעך אין מיטן זומער. און איצט, אין דער שפּעטער נאָכמיטאָג־שעה, איז אַ תּענוג צו פילן אירע גלעטנדיקע שטראַלן. מיטן דערנענטערן זיך צו חנגס חדר ווערט מיר שווער אויפן געמיט.

צוויי קינדער, אפשר אַכט־יאָריקע, גייען פאַרביי און רעדן צווישן זיך:

— מען קען זיך פאַרלאָזן אויף צה״ל.

— נאָצער מטומטם, איך וואָלט אים דערלאַנגט! — האָט דאָס קינד געביילט אַ פויסט. איך האָב זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט.

מערי האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. כ׳האָב איר איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט דעם שמועס פון די קינדער. זי האָט זיך גוט־מוטיק צעשמייכלט:

— די קינדער אַרבעטן, העלפן די גרויסע. מיר האָט היינט אַ מוטער דערציילט, אַז איר צען־יאָריקער זון האָט טענות צום פאָטער פאַר וואָס ער האָט זיך נאָך נישט מאָביליזירט.

מערי פאַרעט זיך אין קיך, הייסט מיר מאַכן זיך באַקוועם. מיר איז איצט שווער צו רעדן.

מערי גרייט מיר טיי און קוקט אָן אויפהער אויפן זייגער, ווערט אומגעדולדיק. זי איילט זיך.

— דאַרפסט אַוועק, מערי?

— עס וועט זיין אַ פּראָבע־אַלאַרעם. איך וועל האָבן אין בונקער די אויפזיכט אויף עטלעכע קינדער, דאַרף איך זיין גרייט זיי צו נעמען. אָבער די פּראָבע דויערט נישט לאַנג — זאָגט זי צו מיר.

כ׳האָב נישט באַוויזן אויסטרינקען דעם טיי, ווי עס האָט זיך צעוויעט די סירענע.

מערי שטעלט זיך האַסטיק אויף און נעמט מיך אָן ביי דער האַנט:

— קומט מיט מיר, איר וועט זיין מיט מיר, אין זעלבן בונקער.

איך גיי איר נאָך, כמעט לויפנדיק. זי לויפט אַריין אין אַ קינ־דערהויז, נעמט אויף די הענט צוויי קליינע קינדער. אויך אַנדערע חברות טוען עס און מען אײַלט אין בונקער אַריין. עס איילן אַהער אַלע וואָס געהערן צו דעם בונקער. אינעווייניק איז פאַראַן אַ גאַנ־צע ווירטשאַפט: געשיר, אַ גרויסע קאַן וואַסער, מיץ, פרוכט. די הילצערנע בענק, איינער איבערן אַנדערן, שוין גרייט, באַדעקט מיט דעקעס.

די קינדער ווערן אַרויפגעלייגט אין דער הייך, עס געפעלט זיי די שפּיל... זיי לאַכן הילכיק.

עס גייט אָן אַ געמיטלעכער שמועס, ביז עס דערהערט זיך אַ פייף פון דער סירענע. געענדיקט, מען קען שוין אַרויסגיין.

די טעג און נעכט — ווי אָנגעצויגענע סטרונעס. דאָס לעבן גייט נאָרמאַל. מען גרייט זיך שטיל, רויִק. דאָס נישט־אַרויסגערעדטע שוועבט אין דער לופטן.

קיין פּחד פילט מען דאָ בכלל נישט, אויך איך פיל נישט קיין פּחד. איך טראַכט וועגן חננען.

אַ גרופּע חיילים, וואָס איז דאָ געווען צען טעג, גרייט זייערע אויטאָס אָפּצופאָרן. אויף די אויטאָס טראַנספּאַרענטן מיט אויפשריפ־טן: „להתראות בקהיר", „להתראות בדמשק" און אַנדערע אין דעם נוסח.

די חיילים — ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ פוטבאָל־פאַר־מעסט, פריילעך, מונטער.

5

אין טאָג ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן:

כ׳בין געגאַנגען צו מיין אַרבעט. אַ נעפּל געווען אין דרויסן, אַלץ פאַרצויגן מיט אַ געדיכטער פּאַרע. שפּעטער האָט זיך באַוויזן די זון און די וועלט איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט ליכט.

ס׳איז די צייט פון חדשות, מיר שטעלן אָן דעם טראַנזיסטאָר.

אָט איז עס. איידער מיר האָבן באַוויזן צו פאַרדייען די ערשטע ידיעות, איז געקומען צו לויפן אַ שליח מיטן באַפעל: אַלע אין די בונקערס.

מיר איילן אַהין, אויף די אויבערשטע בענק זענען שוין גע־לעגן די קינדער. כ׳האָב זיך געשעמט וואָס מיינע געדאַנקען זענען בלויז מיט מיין זון. מיט האַרץ־קלעמעניש האָב איך געקוקט אויף די קינדערלעך. עס זאָל זיי, חלילה, נישט געשען קיין שלעכטס.

די דערציִערינס גיבן זיך אָפּ מיט די קינדער. און פאַר מיינע אויגן — ווידער חנן.

מיינע געדאַנקען ווידער מיט חננען:

ער האָט בלאָנדע געדיכטע האָר און גרויסע בלויע אויגן. דאָס פּנים לענגלעך און איידל, באַרעמט מיט אַ בערדעלע. ער איז הויך און שלאַנק, ער איז ענלעך צו זיין מאַמען.

ער פּלעגט זיצן איבער אַ בוך, פּלוצעם זיך אויפרייסן, פאַר־שווינדן.

— זשאַן, ווו ביסטו געווען?

— כ׳וועל פון דיר נישט אַנטלויפן, מאַמע. כ׳בין שוין נישט קיין קינד.

דווקא איז ער יאָ אַוועק, אַוועק אין דער וועלט אַריין. כ׳האָב געליטן דערפון, מורא געהאַט, ער וועט אַוועק אויף הפקר־וועגן, ווי אַ סך. איך האָב געליטן, געבענקט.

מאַריאַ איז געווען אין כּעס אויף אים. טראָץ אַלץ, האָב איך אים פאַרטיידיקט אין מיינע געשפּרעכן מיט מאַריאַן.

כ׳האָב געוווּסט, ער איז פול מיט אומרו, שאַרף איז זיין מוח, ער וויל באַקענען לענדער. מיין האַרץ האָט אים פאַרטיידיקט קעגן די שלעכטע געדאַנקען אין מיין מוח און דאָס האַרץ האָט זיך נישט טועה געווען.

דאָ האָט ער פאַרשטאַנען צו בלייבן. ער האָט געלייענט וועגן דער שואה. ער האָט עס מיר בפירוש געזאָגט, דאָס בעסטע וואָס ער פאַרמאָגט איז ער גרייט אַוועקצוגעבן דעם לאַנד.

פון מיר האָט ער עס נישט באַקומען, ער אַליין האָט באַשטימט זיין גורל.

איך וויל נישט ער זאָל גיין אויף מלחמה, אָבער ער מוז. דאָס פאָלק טרויט אים אָן. פאַר וואָס האָב איך אים נישט געזאָגט קיין דערמונטערנדיקע ווערטער? נישט געקענט? פאַרגעסן?

איצט בין איך שוין רעזיגנירט. עס באַהערשט מיך אַ געפיל פון יאוש. יאוש גיט אויך כּוח...

עס קומען אַסאָציאַציעס.

נישט פאַראַן אין מיין צושטאַנד די דימענסיעס פון יענעם פּחד דאָרטן, אין פראַנקרייך. דאָרט איז געווען פאַרפאַלגונג. און דאָ — דאָ פילט מען גיכער די זיכערקייט: „מיר זענען גערעכט, מיר האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג״.

חנן איז דרייסט, זעלבסטזיכער. וועט עס אים איצט צו ניץ קומען?

אין פראַנקרייך, נאָך אַ שלאָפלאָזער, אומרויִקער נאַכט, דער־שטיקט אין זיך דעם געוויין, האָב איך זיך געלאָזט מיטביידע קינ־דער אין וועג. דערנאָך יעדן טאָג, הין און צוריק, צו דער פרוי אין איר אָרעמער שטוב אַריין. באַצאָלט פאַרן אָפּהיטן זיי, כּדי איך זאָל קענען אַרבעטן. דאָס שטעטל איז נאָך נישט געווען ביי די נאַציס. געמוזט באַהאַלטן מיין אָפּשטאַם, כאָטש זיי האָבן פיינט געהאַט די נאַציס.

מורא געהאַט צו קוקן מענטשן אין די אויגן, מען זאָל מיך נישט דערקענען.

געווען ווי אַ פאַרפאָלגטע חיה אין אַ נאָרע. פון מיינע קינדער, פון זייערע אומשולדיקע אייגעלעך, האָב איך געשעפּט כּוח אויס־צוהאַלטן.

אַלבערט האָט מיר איינגערעדט, ער וועט קומען צו מיר. איך האָב אים שוין מער נישט געזען, קיין מאָל מער נישט געזען.

כ'האָב אויסגעמיטן צו רעדן מיט די קינדער וועגן די אַלע זאַכן, עס זאָל זיי נישט שאַטן. אויך איך האָב אויסגעמיטן צו טראַכטן וועגן דעם.

דאָ, אין בונקער, טרינקט מען קאַווע, מען טיילט פּרוכט. די קינדער שטיפן. אַ דערציִערין דערציילט פאַר די גרעסערע אַ מעשׂה־לע וועגן עמי און תּמי, די קינדער האָרכן זיך איין מיט אָפענע אויגן און אויערן.

די עראָפּלאַנען פליִען פאַרביי מיט רעש, דער רעש גיט צו קוראַזש. די קליינע קינדער ציטערן אויף פונעם רעש. פון ערגעץ וויַיט דערטראָגט זיך אַן אָפּהילך פון באָמבע־אויפרייסן.

איך בין אַרויף אויף די ערשטע טרעפּלעך פון בונקער, קוק נאָך די עראָפּלאַנען, שיק זיי הייסע ברכות, זיי זאָלן מצליח זיין.

נאַכט אין דרויסן. מיר ליגן אויפן דיל, אונטערגעבעט מיט קאָל־דרעס, אַ חברטע טיילט שלאָפפילן — וועמ עס האָט געוואָלט.

וועגן גאַנג פון דער מלחמה האָבן מיר נישט געוווּסט.

אין דרויסן, לעבן בונקער, שטייט אַ חבר מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס, היט דעם בונקער. אויך אין די אָקאָפּעס — חברים מיט געווער.

גענומען אַ שלאָפפּיל, אָבער אַלץ איינס בין איך נישט געשלאָפן. כ׳בין נישט די איינציקע וואָס האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן.

כ׳בין אַרויס פון בונקער, לאַנג געקוקט אין דער ווייטער פינצ־טערניש. דער הימל מיט זיינע שטערן געוועלטיקט איבער אַלעם. אַ פאַרטייעטע שטילקייט, ווי די נאַכט וואָלט פלוצעם איינגעהאַלטן דעם אָטעם...

פון צייט צו צייט דערטראָגן זיך אַהער די אָפּקלאַנגען פון אויפ־רייסן, קאַנאָנען־שיסעריי.

מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט, אַז עמעצער שטייט לעבן מיר, לייגט מיר אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל. איך זע נישט ווער דאָס איז. איך פיל אָבער אַ וואַרעמקייט. כ׳האָב זיך אויסגעדרייט און דערזען פאַר זיך דעם חבר מיט דער ביקס. ער שעפּטשעט צו מיר שטיל:

— גיי אַראָפּ, זיי רויִק, מיר געווינען. אונדזער מצב איז אַ גו־טער, מיר האָבן זיי פאַרניכטעט, אַ סך עראָפּלאַנען.

— אמת? — צאַפּל איך אויף אַ פריידיקע.

— יאָ, אמת, שווייג, גיי אַראָפּ.

כ׳בין אַראָפּ אַ געשטאַרקטע. כ׳ווייס נישט ווער עס איז געווען דער חבר, כאָטש איך קען אַלעמען אין קיבוץ.

כ׳האָב זיך געלייגט אויפן דיל, לעבן מיר זענען געלעגן צוויי יינגלעך פון דרום־אַמעריקע, זיי זענען געקומען מיט אַ קורצער צייט צוריק. די עלטערן האָבן זיי געשיקט טעלעגראַפיש געלט,

טעלעפאָנירן אַלע טאָג, זיי זאָלן צוריקפאָרן. זיי פאָרן נישט! אַ גאַנצן טאָג האָבן די זעכצן־יאָריקע יינגלעך נישט געוואָלט גיין אין בונקער, כאָטש שיק זיי אויפן פראָנט. געהאַט טענות, פאַר וואָס מען גיט זיי נישט קיין געווער און מען לאָזט זיי נישט גיין אין די אָקאָפּעס.

איצט שלאָפן זיי דאָ, לעבן מיר, מיט אַ געשמאַקן יונגן שלאָף. איך געדענק נישט, ס׳קען זיין, אַז כ׳האָב אויך איינגעדרימלט.

אין דער פרי.

די קינדער זענען שוין וואַך, די מטפלות זינגען, שפּילן זיך מיטן קליינוואַרג, טיילן פרישטיק.

קיין נייעס וויסן מיר נישט. איך הייב זיך אויף איבער די טרעפּ פון בונקער.

די זון קוקט אַריין אין די אויגן. מילדע ווינטעלעך בלאָזן. די בלעטער אויף דיביימער באַוועגן זיך לייכט.

אַלע קוקן צום הימל, באַגלייטן די דורכפליִענדיקע עראָפּלאַנען. דער הימל איז בלוי. כ׳האָב ליב די בלויקייט פון הימל. ווען איך קוק אין דער בלויקייט אַריין, פיל איך אַ טרייסט אין מיינע געדאַנ־קען, וואָס זענען אַדורכגענומען מיט פּחד פאַר מיין קינד.

אין בונקער גייט אַלץ אָן לויטן איינגעשטעלטן סדר. און מיט אַ מאָל האָבן די טראַנזיסטאָרס און ראַדיאָ־הילכערס זיך צערעדט —

דער גאַנצער עזה־פּאַס פאַרנומען!

ירושלים איז באַפרייט!

סיני אין אונדזערע הענט!

פון מיליאָנען הערצער שפּאַרט אַ פרייד, אויגן פאַרפּלייצטע פון טרערן...

אַ טייערן פרייז האָבן מיר באַצאָלט פאַר דער פרייד וואָס האָט געשפּאַרט, צעשפּאַרט הערצער.

און אין מיין קאָפּ האַמערט דער געדאַנק: מיין חנן?

6

נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט.
מערי קומט צו מיר, מיר זיצן אין דער פינצטער.
מערי איז בלאַס און פאַרטראַכט. מיר קוקן איינע אויף דער צווייטער. אונדזער פרייד איז גרויס, אויך אונדזער זאָרג איז גרויס.
חנן בסדר — זאָגט זי צו מיר מיט אַ בלאַסן שמייכל.
ווי נאָבעל זי זעט איצט אויס אין מיינע אויגן!
— כּן, הוא בסדר — ענטפער איך איר, פּרווו שמייכלען.
מען האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, ווען, חס־וחלילה, אַ שלעכטע בשורה, קומט מען עס אָנזאָגן.
קען מען זיך טרייסטן דערמיט?...
אַ טאָג, אַ נאַכט.
ווי גרויס וואָלט געווען מיין פרייד, ווען איך זע שוין חננען!
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט — — — —
זעקס טעג.

7

אין מיטן נאַכט איז ער געקומען.
ווי אַ שאָטן האָט ער זיך אַריינגעשלייכט.
מיט פאַרמאַכטע אויגן האָב איך אים דערשפּירט.
— חנן! חנן! — איך בין האַסטיק אַראָפּ פון בעט.
אַ דאַרער, פאַרשטויבטער, באַוואַקסן.
איך קוק אויף אים, פון אויבן ביז אַראָפּ. און דורך מיינע פאַר־נעפּלטע אויגן זע איך בלויז זיין אויסגעדאַרט פּנים...

— ביסט הונגעריק, קינד?

— אַלץ וואָס דו האָסט אין שטוב, גיב.

— פֿאַראַן, געגרייט פֿאַר דיר... עס פֿאַרזיכטיק, חנן.

איך קוק אויף אים, ער קוקט אויף מיר, זעט מיך נישט.

— כ׳וועל דיר גרייטן אַ באָד.

ער וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די שמוציקע בגדים, די אונטערוועש, צוגעקלעפּט צום גוף. ער שטייט פֿאַר מיר מוטער־נאַקעט, ווי אַ מאָל, ווען ער איז געווען אַ קינד.

איך לאָז אויף אים שטראָמען וואַסער, רייב זיין נאַקעט לייב, שוואַרצע פּינטעלעך פֿאַלן אויף די פּירהאַנגען. ברוינע, מוטנע ריטשקעלעך קייקלען זיך פֿון זיין קאַרק ביז צו די פֿיס אַראָפּ.

— גיס אַ סך וואַסער. נאָך, נאָך.

די אויגן ברענען ביי אים, רויטע. די ליפּן האַרט, פֿאַרטריקנט, צונויפֿגעפּרעסט.

די שמוציקע בגדים לייג איך אין אַ ווינקל.

— וואַרף זיי אַרויס!

— ניין, מיין קינד, נישט אַרויסוואַרפֿן.

— מאַמע, מערי?

— מערי וואַרט אויף דיר.

ער שטייט פֿאַר מיר אַ ריינער. איך זע איצט דייטלעך די איינגעפֿאַלענע באַקן. די פּלייצעס זענען שמאָלער געוואָרן.

— נו חנן, זינדעלע, זיך דערוואַרט אויף דיר. טו אָן די וועש, לייג זיך אין בעט.

ער הייבט אָן דערציילן, אָפּגעהאַקט:

— עס האָט זיי געקאָסט. מען האָט געמוזט. געשוואָלן פֿון דאָרשט. גרויזאַם. ווי שטשורעס זענען זיי אַנטלאָפֿן, איבערגעלאָזט אַלץ.

איך זע לויט זיינע פֿאַרגרעסערטע בליקן, אַז די ווערטער פֿאַר־וואַנדלען זיך אין זעונגען.

איך גלעט אים זיין קאָפּ, זיינע האָר. אַזוי האָב איך אים גע־צערטלט ווען ער איז געווען אַ קינד.

— אַלץ האָבן זיי איבערגעלאָזט. זיי האָבן זיך דערנאָך גע־וואַלגערט אין די זאַמדן. כ׳האָב עס שרעקלעך געפֿילט. זיי זענען אויך מענטשן...

די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט.

— און מערי?

— אויפֿוועקן זי איצט? צי בעסער פֿאַר טאָג?

ער האָט זיך געקווענקלט.

— גיי אין בעט, כ׳וועל אויפֿוועקן מערין.

איך בלייב נאָך שטיין, קוק אים נאָך. עס גלוסט זיך מיר נישט רופֿן מערין, נאָך נישט באַוויזן אויסצולאָדן אויף אים מיינע מוטער־לעכע צערטלעכקייטן, אַלץ וואָס ס׳האָט זיך אין מיר אָנגעזאַמלט פֿאַר די שלאָפֿלאָזע נעכט.

מיין זון איז מיר צוריק געבוירן געוואָרן.

ער דרייט אויס צו מיר דעם קאָפּ און קוקט אויף מיר מיט מידע מאָנענדיקע אויגן.

— איך גיי נאָך מערין.

אַלע מיינע דאגות, אַלץ איז נישטיק...

איך וועק אויף מערין.

— אַה, אמא, חנן בא! תודה, אמא!

זי וויינט און לאַכט, וואַרפֿט אויף זיך אַרויף אַ בגד.

זי לויפֿט, כ׳בלייב הינטערשטעליק. זי דערמאָנט זיך, שטעלט זיך אָפּ. איך נעם זי אָן ביי דער האַנט. מיר איַילן צוזאַמען.

אין איין אָטעם לויפט זי אַריין אין צימער. חנן שלאָפט שוין. זי זעט עס נישט. פאַלט אים אויפן האַלדז.

ער עפנט קוים די אויגן. זיי פאַרמאַכן זיך צוריק. אָבער ער פילט זי לעבן זיך. זיינע הענט ציִען זיך צו איר. זיין פּנים זעט איצט אויס מילד.

איך קוק אַרויס צו דער אויסגעשטערנטער נאַכט, ווײַן פאַר פרייד. ווען כ׳האָב זיך אויסגעדרייט האָב איך געזען מערין זיצן אויפן בעט, איר קאָפּ אויף זיין ברוסט. איר האַנט אין זיינער. ער מורמלט פון שלאָף.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אירע אויגן שיכּור פון גליק.

— דו אַרבעטסט מאָרגן, מערי ?

— יאָ, איך אַרבעט — און זי קוקט ווידער צערטלעך אויף חננען.

איך וואָג איר נישט זאָגן זי זאָל גיין שלאָפן, זי זאָל לאָזן חננען שלאָפן. זי זיצט, שווייגט. מיט צעשיינטע בליקן קוקט זי אויפן בעט.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר.

— גיי שלאָפן, אמא, חנן שלאָפט פעסט.

— גיין שלאָפן, איך... יאָ, כ׳וועל זיך לייגן. צי וועל איך היינט שלאָפן ?...

— איך אויך נישט.

איך בין צו איר צוגעגאַנגען, זי אַרומגענומען, געקושט. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, זיך צעוויינט — און איז באַלד אַרויס.

איך לייג זיך אין בעט אין צווייטן ווינקל, פאַרהאַלט מיין אָטעם, וויל הערן מיין זונס אָטעם...

שוין טאָג. ער שלאָפט פעסט. זיין קאָפּ ליגט זייטיק אויפן קישן.

דאָס באַוואַקסענע פּנים — ווי פֿאַרלוירן די יוגנטלעכע פרישקייט. ער איז געשלאָפן ביז נאָך מיטאָג.

איך זוך זיין אָפּענעם, צעשמייכלטן בליק. דערווייל איז ער נישטאָ ביי אים.

דריַי טעג האָב איך געוויקט זיינע שמוציקע וועש, כסדר געביטן דאָס וואַסער, געזייפט זיי, געוואַשן, נישט געוואָלט זיי אַוועקוואַרפן.

8

ליכטיקע טעג, אויסגעפילטע מיט מעריס ליבשאַפט און צערטלעכקייט. חנן קומט צו זיך.

חברים קומען אים באַגריסן.

— נו, חנן, ווו האָסטו דיינע מעדאַלן? — קלאַפּט אים אַ חבר אין זעלנערשע בגדים איבער דער פּלייצע.

חנן ווערט ערנסט, קומט באַלד צו זיך, זאָגט שפּאַסיק:

— מיינע מעדאַלן וועלן נאָכקומען. געווען שווער זיי צו שלעפּן.

— אויף וועלכן פראָנט, חנן?

— געקעמפט אין סיני.

— ווי אַזוי האָסטו געקענט קעמפן? זיי זענען דאָך אַנטלאָפן פון דיר.

— נישט אַלץ איז אַזוי געווען. געווען... — חננס פּנים איז געוואָרן אויסגעלאָשן.

— כ׳ווייס דען נישט?...

איך קוק אָן דעם חבר. ער איז אויך געווען אויפן פראָנט, זעט אָבער אויס אַנדערש ווי חנן. פרישער, מונטערער און מיט אַ סך חשק צו רעדן דערוועגן.

— מיר זענען אויך אַוועק קיין סיני. דער דזשיפּ איז קאַליע געוואָרן אין וועג. מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, זיך באַגעגנט מיט זיי. זיי האָבן באַקומען, געווען קוריאָזן, העלדן גרויסע... — דער־ציילט דער חבר.

— געווען אַזעלכע וואָס האָבן שטאַרק געקעמפט — האָט חנן צוגעגעבן אָן חשק.

— אַה, עס ווערט איצט אַזוי פיל דערציילט אין ראַדיאָ, אין די צייטונגען — האָט מערי געוואָלט שוין אָפּווייכן פון שמועס, אָבער פאַרט איז איר אַרויס דאָס אייגענע.

— מערי, דו האָסט דערהאַלטן בריוו פון דיינע עלטערן?

מערי האָט זיך צעשיינט:

— כ׳וועל ברענגען דעם בריוו. מיין טאַטע שרייבט צו אייך אין יידיש.

— אין יידיש? טאַקע? — כ׳האָב זיך דערפרייט.

שווערלעך צו לייענען דעם יידישן בריוו פון מעריס פאָטער. די האַנטשריפט... איך זינק אין אים, ווי אין טיפע זאַמדן. איך לייען איין מאָל, נאָך אַ מאָל און וואָס איך דערלייען נישט, שטויס איך זיך אָן:

„טייערע מחותנתטע!

פון מעריס בריוו קען איך שוין אייך און אייער ליבן זון. וואָס זי שרייבט וועגן אייך ביידן זענען מיר גאָר צופרידן. מעריס אַוועק־פאָרן, אַ מיידל אַליין, האָט אונדז, עלטערן, געקאָסט אַ סך געזונט. דאָך בין איך אין האַרצן געווען צופרידן, אַז זי האָט אויסגעוויילט דאָס יידישע לאַנד. מיין פרוי, איר מאַמע, כאָטש נישט קיין יידישע, האָט זי פיל רעספּעקט פאַרן לאַנד פון ביבל. איך האָב אויך רעס־פּעקט פאַרן קיבוץ. מיר לייענען וועגן איזראַעל. פאַרן קריג זענען מיר, און אַ סך אַפילו נישט־יידן, געווען באַזאָרגט צוליבן גורל פון

יידישן לאַנד. וועגן מעריז, אויך וועגן איר חתן האָבן מיר גערעדט. מיר וואָלטן וועלן זיין אויף די קינדערס חתונה, מיר ווייסן נישט צי מיר וועלן קענען קומען. איך האָב שוין לאַנג נישט געשריבן זשאַרגאָן, אָבער איך רעד נאָך גוט, און אַ יידישער סינאַגאָגע כאַפּ איך זיך אויך אַ מאָל אַריין. איך פריי מיך גאָר שטאַרק, אַז כאָטש מיין טאָכטער מערי וועט זיין אַ יידישע און אין איזראַעל. ליידער, די איבעריקע קינדער נישט, אַלע זענען געטויפּט, אויך מערי״.

ווייטער קומען וואַרעמע גרוסן.

נו, וואָס עס טרעפט אין לעבן, אַ משומד גייט אין סינאַגאָגע... וואָס עס געשעט אַלץ אין מיין משפּחה...

מערי איז שטאַרק צופרידן פונעם בריוו. איך האָב איר איבער־געגעבן דעם אינהאַלט.

זי איז שטאָלץ מיט איר טאַטן. ער איז אויך אַ געטויפטער, אַ פּראָטעסטאַנט, אָבער ער רעדט נאָך יידיש, חברט זיך מיט יידן — זאָגט מיר מערי. זי דערציילט מיר וועגן יידישן זיידן און וועגן די גויִישע זיידע־באָבע. איר נאָמען, מערי, איז מרים, נאָך איר יידישער באָבען.

— מיין יידישער זיידע האָט תמיד גערעדט מיט מיין מאַמעס עלטערן וועגן תנ״ך. זיי האָבן זיך נישט ליב געהאַט, די מחותנים. מיין טאַטע האָט אַ סך מאָל זיך אַריינגעמישט, אויסגעגלייכט סיכ־סוכים צווישן זיי. אויך מיין מאַמע האָט נישט פאַרליטן מיין זיידן, זיין אויסטייטשן דעם תנ״ך.

מיין זיידע האָט מיך ליב געהאַט, מיך גערופן „טייערע שיקסע־לע״, טאָכטערשי, מיין פרויס נאָמען טראַגסטו, שיקסעלע, — און דערביי געהאַט טרערן אין די אויגן. ער לעבט נישט מער מיין זיידע.

— ער וואָלט איצט גליקלעך געווען, דו וועסט ווערן אַ יידישע.

— אַה, יאָ, ער וואָלט געווען צופרידן, איך ווייס. מיין טאַטע איז אויך צופרידן, מיין מאַמע זיכער נישט, כאָטש, איך פאַרשטיי נישט וואָסער אונטערשייד ווי מען בעט צו גאָט, צי אין אַ קירך, צי אין אַ סינאַגאָגע. עס איז דאָ איין גאָט, נישט? אַ גלייביקער קען בעטן דאָ און דאָרט. ביידע זיידעס האָבן גערעדט וועגן תנ״ך און זיך נישט פאַרשטאַנען, מאָדנע.

חנן קוקט אויף מיר, כאַפּט־אויף מיינע געדאַנקען.

— דערווייל האַלט נישט ביים דאַווענען. דער עיקר — מיר זענען יידן, דאָ, אין ישׂראל. דאָס פילט זי, מערי, דאָס איבעריקע וועט זי שוין פאַרשטיין.

— כדי צו שטעלן אַ חופּה מוז זי אַדורכגיין אַ גיור, ווייל איר מאַמע איז אַ קריסטין, אַזוי האָט מען מיר געזאָגט, דעריבער...

— און דער טאַטע איז אַ משומד... וואָס הייסט דעריבער?

חנן האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַ תשובה, בלויז געזאָגט:

— ער איז אָבער אַ ייד, דער פאָטער.

9

אויפן גרינעם זאַפטיקן גראָז אַ שילדל: „מען טאָר נישט טרע־טן״. דאָ שפּילן זיך קינדער.

די קינדער זענען זיכער, אַז אַלץ וועט שוין גוט זיין, הלוואַי וואָלט מען געקענט אַזוי זיכער זיין ווי זיי, אַז אַלץ איז שוין געענ־דיקט און עס וועט זיין שלום. וועט די „וועלט״ אונדז לאָזן צו רו? עס וועט אונדז מסתמא נישט גרינג אָנקומען.

היינט ווערט דאָ געגרייט אַ יום־טוב לכּבוד דעם ניצחון. היינט איז אויך יום שישי.

איך וואַרט היינט אויף לאהן, זי וועט קומען אויף שבת. איר טאַכטער האָט עס מיר געזאָגט.

לכבוד חננס צוריקקער, לכבוד לאהן, און צוליב מיין אַלע־מענס דערהויבענער שטימונג גרייט איך אַ פיינעם טאָרט. פוץ אויס מיין שטוב מיט פרישע בלומען. איך וועל זיך אויך אויספוצן אין אַ שיין קלייד.

לאה איז געקומען צו מיר אין שטוב. מיר זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס. ביידע האָבן מיר געהאַט טרערן אין די אויגן.

— צו מיין טאָכטער און צו דיר בין איך געקומען.

איך קוק זי אָן, — די זעלבע לאה, מיט אירע אומרויִקע, צע־בליצטע אויגן.

— און דיין מאַן ?

— נישט געקומען, צוליב אַן ענין אין זיין משפחה, — האָט זי געזאָגט קורץ און אומגערן.

— אַלץ גוט ביי דיר, זע איך.

— גוט ביי מיר... איך האָב זיך אָנגעקרענקט. כ׳בין געווען אין קיבוץ פריִער פאַר דיר. כ׳האָב געוואָלט נעמען נעמין צו מיר, אַפילו זי גרייט געווען נעמען מיט איר בחור, אַבי מיר זאָלן אין יענע טעג זיין צוזאַמען. נישט זי נישט ער האָבן עס געוואָלט. זיי האָבן באַ־שלאָסן צו בלייבן און היטן דעם קיבוץ. דאָ איז מיין היים — האָט די קיבוצניצע מיר געענטפערט.

— עס איז גוט אַזוי. וואָסער אונטערשייד, צי דאָ צי אין תל־אביב. איך בין געווען אין קיבוץ.

— אַוודאי געפעלט מיר אַז זיי האָבן געוואָלט בלייבן, כאָטש דער קיבוץ איז געווען פריִער נאָענט צו דער גרענעץ. איך וואָלט אויך געוואָלט זיין צוזאַמען מיט מיין טאָכטער, אָבער ער, מיין מאַן, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן מיט אים ? כאָטש צערייס זיך אויף צווייען.

— שוין, וואָס ליאַרעמסטו איצט? עס איז שוין אַדורך.

— כ׳האָב איבערגעלעבט שרעק צוליב מיין נעמין. ווער טראַכט איצט וועגן זיך?

— מיר האָבן איבערגעלעבט...

— אמת, דו במילא, דיין זון — האָט זיך לאה ערשט דערמאָנט.

לאה שווייגט שוין איצט, זיך אויסגעלאָדן. זי האָט זיך שוין אויסגעטענהט, אַראָפּגערעדט פאַר מיר, עס איז איר איצט לייכטער אויפן האַרצן. ניין, איך זע, עס קוועלט זי נאָך עפּעס, זי איז פאַרטראַכט. זי וויל ווייטער רעדן.

זי טראַכט נישט, אַז כ׳האָב מיר מיינע דאגות, אַז כ׳קען איצט זיין ווייט פון איר, אַז כ׳קען נישט אויפנעמען איצט אירע רייד.

— איך האָב זיך געזאָרגט וועגן דיין זון, זיך נאָכגעפרעגט, צי דיין זון איז שוין בשלום צוריק. איך פריי מיך שטאַרק.

איך קוק זי שוין איצט אָן מיט דאַנקבאַרקייט. איך זע, אַז זי איז איצט צערודערט, זי דאַרף רעדן ווידער וועגן איר פאַמיליען־לעבן?

— וואָס הערט זיך ביי דיין קוזינע און ביי מיינע שכנים?

— דיינע שכנים גייען מיך נישט אָן. ביי רחלען, ליידער...

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט מיט שרעק.

— דער זון איז געפאַלן.

כ׳בין געבליבן שטיין, נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

— רחלען האָט עס אויסגעפעלט... — האָט לאה צוגעגעבן.

— וואָס טוט זי?

— שוין זיך אויסגעטעמפּט, דער ווייטיק, ער בלייבט אָבער. אַ ישׂראלדיקע מאַמע. דעריבער בין איך נישט געקומען אַהער. כ׳בין געזעסן ביי איר, אַפילו מיין מאַן איז דאָרט געזעסן, אַפילו נאָך איצט. ער האָט זיך צוגעבונדן צו זיי, מנחם. יאַנאַס איז חבר מיט אים.

מיר זיצן מיט פֿאַרקלעמטע הערצער, וואָס איז שוין דאָ צו־צוגעבן ?

רחל, אַזוי פֿיל מאָל אַ געפּרוּווטע. פֿריִער דאָרט, ביי די נאַציס און איצט ווידער...

מיר האָבן באַשלאָסן צו פֿאָרן נאָך שבת קיין תל־אביב. אַ קוק געבן אויף מיין דירה און גיין צו רחלען.

געקומען די צייט צו גיין אין חדר־האוכל צו דער מסיבה לכּבוד דעם ניצחון.

דער חדר־האוכל איז אויסגעפּוצט, בילדער אויף די ווענט, אויפֿשריפֿטן, בלומען.

די גרויסע שעה האָט געשלאָגן. הערצער זענען פֿול מיט דער דערהויבענער מינוט — דער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן. אַלע שטייען אויף, באַערן די געפֿאַלענע. מען שוויגט, מען האַלט קוים איַין די טרערן. איך טראַכט איצט וועגן רחלען.

אַ גרויסער, פֿייערלעכער יום־טוב געמישט מיט טיפֿן צער. הייליקע געפֿילן, נישטאָ פֿאַר זיי קיין ווערטער.

10

איך פֿאָר צוזאַמען מיט לאהן קיין תל־אביב.

לאה דערציילט מיר וועגן זיך, וועגן איר צוזאַמענלעבן מיט איר מאַן.

— וואָס איז דאָ צו רעדן אַ סך... מיר זענען שוין אַ נאָרמאַל פּאָרפֿאָלק, איינער בייזערט זיך שוין אויפֿן צווייטן, מיר קריגן זיך צו ביסלעך, און בעטן זיך איבער. ער קוקט אויף מיר מיט פֿאַרליבטע בליקן, גיט מיר אַלץ נאָך. ער פֿילט זיך ווי אַ העלד אין בעט. ער איז שטאָלץ דערמיט. מיר גיט זיך אָפּט איין אָפּצושטעלן ביי אים

דעם שטראָם פון נודנע ווערטער. לאָז אים גיין שפּילן אין קאָרטן, גיי אַ מאָל מיט. מיר גייען אין קינאָ, אין טעאַטער. ווען איז מיר געווען בעסער ווי איצט?

— פון דעסטוועגן רעדסטו וועגן דיין מאַן ווי וועגן אַ פרעמדן.

— ס'קען זיין, אַזוי איז עס. איך טרייסט זיך, אַז כ'וואָלט נישט געפונען עפּעס בעסערס. נאָך עטלעכע יאָר און כ'בין שוין פופציק יאָר. און אין זיינע אויגן בין איך סיי ווי יונג און שיין. ווען כ'בין מיט אים דאַרף איך נישט זאָרגן וועגן מאָרגנדיקן טאָג. כ'בין מיט אים ווי אַליין, דאָך נישט אין גאַנצן אַליין...

איצט קוק איך אין שפּיגל, זע די קנייטשן. וויפל איך פּרווו זיי אויסגלעטן, וואַקסן זיי ווי אויף הייוון.

— ביסט תמיד מעלאָדראַמאַטיש!

— און דו ביסט אין גאַנצן משלים מיט דיין לעבן? אַלץ איז ביי דיר אינעווייניק אַזוי ריין און גלאַט?

איך האָב איר געוואָלט זאָגן, אַז איך פיל אַן עקל אין טרייבערן זיך. קרעכצן פאַר עמעצן — דאָס נישט. כ'האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן, נישט געוואָלט זי באַליידיקן.

כ'ווייס אַז זי רעדט בלויז פאַר מיר, האָט אַ באַדערפעניש זיך אויסצולאָדן. זי פאַרשפּאַרט צו גיין צו אַ פּסיכיאַטאָר.

אמת, נישט יעדער קען זיך אַזוי שמייסן ווי זי. ווער קען אַזוי רעדן אָפן וועגן די זאַכן?

און איך וועל נישט אויפהערן צו זיין ווי איך בין, ווי לאה מיינט אַז כ'בין: אַ שטיפע, אַ ניכטערע. אַזוי וועל איך שוין בלייבן. אין שקר גלייבט מען מער ווי אין אמת.

מיר דערנענטערן זיך צו תל־אביב. איך האָב שוין נישט קיין חשק צו שמועסן מיט לאהן וועגן די אַלע זאַכן. איך קוק זיך אַרום — גאָר אַנדערש ווי פאַר דער מלחמה: די מענטשן געלאַסענער,

די פנימער ווייכער, וואַרעמער. אין די גאַסן פול חיילים. פאַרביי־גייערס באַגריסן זיי מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט.

די שכנים באַגעגענען מיך מיט פרייד. זיך מיט אַלעמען צעקושט. לייבל האָט מיך אַרומגענומען. אַפילו דאָס פאַרפאַלק, „די פיינשמעקערס", האָבן זיך מיט מיר דערפרייט, געפרעגט מיך וואָס איך מאַך. אַלע דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען מיט שׂימחה און טרערן.

בתיה איז געקומען אַ צעשטראַלטע, אַ פאַררויטלטע.

— כ'האָב אַ בריוו פון מיין בחור, ער איז בסדר. כ'האָב אַזוי מורא געהאַט...

— איבערגעלעבט אַזוי פיל פחד פאַר אונדזערע טייערע. לייִדער, נישט אַלע האָבן דעם גרויסן זכות וואָס מיר ביידע...

— ווייסן זיי דאָרטן וועגן אונדזער גבורה דאָ? כ'מיין דאָרט, אין פוילן, דער הויקער, די אַלע?

— זיי וועלן שוין געבן זייערע רישעותדיקע אויסטייטשונגען.

— מיר ווייסן אָבער דעם אמת, און דאָס גיט אונדז כוח.

11

רחל.

מיר האָבן זיך אַרומגענומען ווי לייַבלעכע שוועסטער. זי האָט געפּרוּווט שמייכלען צו מיר, דאָס מויל האָט זיך אָבער פאַרקרימט צו וויינען. זי האָט אַוועקגעדרייט דאָס פנים, געקוקט צום דיל...

— מיין מאַן וועט באַלד קומען. די טאָכטער? בסדר, פיין. איר מאַן איז שוין צוריק אין שטוב.

איך באַטראַכט זי, נישט צו באַנעמען, ווי זי האָט זיך געענדערט! דאָס פנים פאַרעלטערט, די האָר ווייס. אפשר זענען זיי

פריִער געווען געפּאַרבט? זי האַלט זיך דיסקרעט, באַמיט זיך אַרויס־צוּווייזן מיר וואַרעמקייט. שטעלט מיץ, סאָדע אויפן טיש.

מיר האָבן געשמועסט וועגן קלייניקייטן, אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער מלחמה, וועגן איר זון.

— אין קיבוץ? כ'האָב שוין געאַרבעט איצט ביי שניידעריי, זיך אויך אויסגערוט פונעם שטאָטישן רעש.

איך זיץ לעבן רחלען. אומגעקומען איר זון. מיר רעדן רייד, וואָס זענען ווייט פון דעם וואָס אונדזערע הערצער ווילן זאָגן.

— כ'וועל גרייטן ארוחת־ערב.

זי גרייט צום טיש. אירע פּלייצעס האָבן זיך איינגעבויגן. פון דער זייט זעט זי אויס ווי אַ זקנה. זי טוט אַלץ מעכאַניש. אירע אויגן אָן אויסדרוק, אַ מידע גלייכגילט אין זיי.

דאָ וועט אַוודאי זיין אַ פּינה מיט איר זונס בילדער, ספרים, אַלע זיינע חפצים. אויב ער האָט געהאַט אַ האָבי צי עפּעס אַנדערש, וועט עס דאָ זיין אויסגעשטעלט...

יאָנאָס איז אָנגעקומען, מיר איבערגעריסן מיינע געדאַנקען. ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר, מיר אָנגענומען ביי ביידע הענט, זיי געדריקט, מיך אָנגעקוקט מיט פאַרשנדיקע בליקן.

— איר ווייסט שוין?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אַזוי איז עס, גברת, בעסער שווייגן. מיר האָבן געצאָלט מיט בלוט. איבעראַל פאַרגיסט מען אונדזער בלוט. אָבער ירושלים איז באַפרייט, אויך דורך איר זון, דאָרט איז ער געפאַלן.

פון יאָנאָסעס אויגן רינען טרערן, זיי גליטשן זיך איבער זיינע באַקן. איך וויש מיינע טרערן, רחל קען אַריינקומען יעדע מינוט.

יאָנאָס פאַרשטייט מיך, ער הייבט זיך אויף:

— כ׳וועל העלפן צוגרייטן דעם טיש, זי איז אויסגעמוטשעט, רחל. נישט קיין וווּנדער, דורכגעמאַכט דעם גהינום ביי די נאַציס, דערנאָך איז זי אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, דאָרט אויך נישט געלעקט קיין האָניק. צוויי מאָל אַ וואָך קומט אַן עוזרת. איז דאָך אָבער ביי זיי אַ גערעטעניש אויף קינדער, פּונקט ווי ביי די קראָליקעס. איז זי שוין ווידער מיט אַ פולן בויך. רחל קען נישט צוקוקן ווי זי האָרעוועט, האָט זי איר דערווייל אָפּגעלאָזט. מיר זוכן אַ צווייטע.

ער האָט געלייגט אַ ווייסן טישטעך אויפן טיש, אַריין אין קיך, געברענגט טעלער.

— אַזוי איז עס, גברת. איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך האָב נישט געפּלאַצט פון ווייטיק די לעצטע צייט. צום יינגל האָב איך גאָרנישט געהאַט, ער האָט געלערנט, אייביק אַריינגעטאָן מיטן קאָפּ אין די ביכער. דערנאָך אין צבא.

— די טאָכטער רחלס... צו איר האָב איך אויך גאָרנישט, זאַכן וואָס געשעען אין יעדער שטוב. מילא, עס גייט אַדורך. אַזאַ בין איך, וואָס זאָל איך טאָן?

ביים עסן האָט ער סיי מיר, סיי רחלען געלייגט אין טעלער:

— עסט, גברת, ביי מיר אין שטוב איז דאָ צו זאַט. עס, רחל, דו האָרעוועסט לעצטנס ווי אַן אייזל. דאַרפסט האָבן כוח און דאָס עסן ליגט דיר אין דער לינקער פּיאַטע.

רחל האָט געקנייטשט דעם שטערן, געזאָגט צו מיר:

— איך האָב געטראָפן לאהן, זי איז צופרידן פון איר הייראַט. זיי האָבן אַ פיין צוזאַמענלעבן. — אַזוי האָט זי מיר געזאָגט — אַן אָרנטלעכער מענטש איר מאַן. וואָס טוט איר טאָכטער?

עס איז טאַקע אמת, אַז לאה רעדט בלויז מיט מיר וועגן אירע אינטימע זאַכן.

כ׳האָב איר דערציילט וועגן לאהס טאָכטער, אַ פיינע בחורה. לאה איז שוין צופרידן פון איצטיקן בחור.

— כמעט פאַרגעסן איך זאָגן: מיין זון קלייבט זיך חתונה האָבן. רחל האָט לייכט אויפגעציטערט, מיר געזאָגט מיט אַ בלאַסן שמייכל:

— איך פריי מיך, איר זאָלט האָבן אַ סך נחת פון אים.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך דערמאָנט אין איר ווייטיק.

— רחל, מיר וועלן זיך אַ מאָל אָפּשמועסן — פאַרברענגען אַ שבת אין קיבוץ.

— פאַר וואָס נישט, גברת? איך וועל שוין רחלען צורעדן דערצו. פון מיין זייט קען זי איצט פאָרן אין אַ בית־הבראה, אדרבא.

רחל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין:

— עס פעלט מיר נישט איצט.

מיר האָבן ווידער גערעדט וועגן קלייניקייטן. איך בין געווען איצט דאַנקבאַר יאַנאַסן פאַר זיינע מאָנאָלאָגן. געווען מיר פיינלעך צו שווייגן איצט ביי זיי אין שטוב.

ביים געזעגענען זיך מיט מיר האָט יאַנאַס צוגעוווּנטשן:

— הלוואי זאָל מען שוין דערלעבן, אַז נאַצער מיט אַלע רשעים זאָלן אויסציִען די קאַפּיטעס.

רחל, אַן אויסגעלאָשענע און פאַרשעמטע פון זיינע גראָבע אויס־דרוקן, איז געשטאַנען אָפּהענטיק.

איך האָב זי צערטלעך אַרומגענומען. ווען איך בין אַרויס האָב איך נאָך באַוויזן אויפצוכאַפּן יאַנאַסעס ווערטער:

— רחלע, גיי זיך אויסרוען, איך וועל דאָ אַלץ צורוימען, אויס־וואַשן.

12

איך פֿאָר צום שטאָטצענטער.

דאָס לעבן גייט דאָ אָן מיטן טאָג־טעגלעכן שטאָטישן רעש. אַ באַוועגונג פֿון אויטאָס, מענטשן גייען אַהין און אַהער. חיילים, איי־ניקע מיט גיפּס אויף די הענט, אויף די פֿיס. מען קוקט אויף זיי מיט פֿאַרערונג. די רעסטאָראַנען איבערפֿולט. אין דרויסן, אויף די טראָטואַרן, אַרום קליינע טישלעך, שמועסט מען געמיטלעך ביי אַ גלעזל קאַווע.

איך זעץ זיך ביי אַ טישל, בעט אַ קאַווע. מיינע אויערן כאַפּן־אויף דעם געשפּרעך פֿון מיינע שכנים. מען שמועסט וועגן „יענע טעג", וועגן גרויסן ניצחון. איך הער אויך שטילע טרויעריקע ווער־טער וועגן באַקאַנטע, פֿריינד, וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייערע טייערסטע.

עס קומט אַריין אַ מיטל־יאָריק פּאָרפֿאָלק, בעט אַ דערלויבעניש צו טעלעפֿאָנירן. די פֿרוי גייט צו צום טעלעפֿאָן. אירע רייד דערגייען נישט צו מיר. פּלוצעם שרייט זי אויס: „וואָס רעדסטו?!" זי לייגט אַוועק דאָס טרייבל, קומט צוריק צום מאַן מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן און פֿאַרפּרעסטע ליפּן.

אַלע אין רעסטאָראַן קוקן אויף איר. דער מאַן קוקט זי אָן מיט אַ שטומען, בלאַסן פּנים.

זי זאָגט אים עפּעס שטיל. זיי באַצאָלן, גייען אַרויס מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ.

מען קוקט זיי נאָך טרויעריק. איך נעם אַ פּאַפּיראָס, פֿאַררוי־כער, באַצאָל פֿאַר דער קאַווע.

— קענטיק, ביי זייערס אַ משפּחה, — זאָגט איין פֿרוי צו אַ צווייטער.

אין דרויסן מיש איך זיך אויס מיטן עולם, וואָס וואַרט אויפן גרינעם ליכט אַדורכצוגיין די גאַס. איך גיי מיט.

דערווייל אַרבעט איך נאָך נישט. ווער האָט אין זינען איצטער קליידער?

חנן וועט ווערן אַ חבר אין קיבוץ, וועל איך אַהין צוריקגיין. ער האָט נאָך נישט אָנגעגעבן קיין בקשה, כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, אפשר וואַרט ער אויף אַ דערלויבעניש צו שטודירן?

איך מאַך מיר אָפטע שפּאַצירן אין שטאָט. טייל מאָל האָב איך אַ גליקלעך געפיל פון גיין אָן אַ ציל, פריי, אַליין.

13

איך פאָר צו חננען אויף שבת.

חנן רעדט נישט וועגן דער מלחמה. ווען מען פרעגט אים, ווערט ער אָנגעכמאַרעט. רעדט נישט. כ׳וואָלט וועלן וויסן די סיבה. דווקא אַנדערע דערציילן אַ סך דערוועגן. אים פרעגן וויל איך נישט.

פרייטיק צו נאַכט. עס דאַרף פאָרקומען אַ שמועס אין חדר־אוכל. די אַלע וואָס האָבן געקעמפט, וועלן דערציילן פון זייערע נסיונות.

— מיר וועלן זיך טרעפן שפּעטער אין חדר־האוכל? — האָב איך אים געפרעגט נאָכן עסן.

— איך בין מיד, וועל היינט גיין פרי שלאָפן, — האָט ער גע־ענטפערט אָן חשק.

— דו האָסט גאָרנישט צו דערציילן?

— כ׳האָב צו דערציילן, אָבער כ׳האָב עס נישט ליב. הע, — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— פאַר וואָס? — איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרשנדיק.

— איך בין תמיד גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, אָבער רעדן

— נישט. אפשר שפעטער...

— „אפשר שפעטער"... ווער ווייסט, ער קען נאָך נישט צונויפ־נעמען די געדאַנקען? איך האָב שוין מער נישט געפרעגט.

חנן איז פאַרנומען מיט מערין. זי דאַרף זיך מגייר זיין, דאָס פאָדערט אַ צוגרייטונג. זיי האָבן נישט קיין געדולד דערצו.

חנן האָט מיר אָנגעדייט, אַז מען דאַרף נישט קיין חופה, זיי קענען אַזוי אויך וווינען צוזאַמען. (איך מיין, אַז זיי זענען שוין סיי ווי נאָענט צווישן זיך).

— אַ חופה, נאָר אַ חופה! — האָב איך קאַטעגאָריש געזאָגט.

ער האָט געענטפערט אָן התלהבות:

— אויב די מאַמע זאָגט עס אַזוי קאַטעגאָריש... נו, מיר וועלן טראַכטן.

— נישט בלויז צוליב דיין מאַמען, צוליב אייך, צוליבן דור וואָס וועט פון אייך אַרויסקומען. איר בלייבט דאָך דאָ, דאַרף מען זיין גאַנץ מיט זיך אַליין. דו, חנן, ביסט אַ ייד, פון יידישע עלטערן.

חנן האָט זיך געקרימט:

— צו זיין אַ ייד איז נישט דאָס רעליגיעזע דער עיקר.

— אַלץ צוזאַמען! ביז די וואָרצלען דאַרף מען אַריינדרינגען, צו האָבן יידישן באַוווסטזיין.

חנן האָט מיך אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער:

— דאָס רעדט מיין מאַמע?...

אויך מאַריאָ איז דערשטוינט געווען דעמאָלט ווען כ'האָב אים פאַרגעוואָרפן זיין שמד. די זעלבע ווערטער: „דאָס זאָגט מיין מאַמע?!!

— יאָ, חנן, דיין מאַמע זאָגט עס. מיר דרייען זיך אויס מיט די פּלייצעס צו גאָר וויכטיקע זאַכן פון אונדזער קיום, ווילן עס פאַר־לייקענען, פאַרדעקן דאָס וואָס אונדז געפעלט נישט. די וועלט דער־מאָנט עס אונדז. איך האָב געוואָלט אין מיין יוגנט פאַרגעסן אין מיין שורש, זיך געוואָלט אויסמישן מיט דער וועלט, געגאַנגען אין לעבן אַריין מיט אַ פאַלשן גלויבן: עס איז פּראָגרעסיוו, פאָרגעשריטן, מען דאַרף זיך אויסמישן מיט די גויים. זיך באַצויגן מיט ביטול צו די טיפע יסודות, וואָס זענען פאַראַן אין רעליגיעזער יידישקייט, ביז...

— ביז זיי האָבן דערמאָרדעט מיין טאַטן?

— ניין, דו דאַרפסט עס סוף־כל־סוף וויסן. מיטן דערמאָרדן דיין טאַטן האָב איך זיך נישט אויפגעכאַפּט, דו, דו האָסט מיר גע־עפנט די אויגן, געוויזן מיר דעם זוניקן וועג.

— דו מיינסט, צוליב מיין קומען אַהער?

— יאָ, ביסט געווען אין פאַרשיידענע וועלטן. און דווקא דאָ האָסט זיך אָפּגעשטעלט. דו האָסט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם?

— פּשוט, מאַמע, דאָ אין קיבוץ איז מיר אַלץ ניי, אַנדערש. נישט קיין פּוסטע צעהולעטקייט, נאָר בוי, אַרבעט. די שיינקייט פון פּשטות האָב איך דאָ געפונען. און צוליב דער יידן־אויסראָטונג, כ׳האָב עס דיר שוין געזאָגט, און נאָך אַ זאַך: זייט כ׳האָב געלייענט ביכער וועגן דער שואה, האָבן אין מיר דערוואַכט זכרונות פון מיין קינדהייט אין פראַנקרייך.

— דו געדענקסט?

— צי איך געדענק?... ביז די אַנטפּלעקונגען פון דער שואה איז אַלץ געווען ביי מיר פאַרנעפּלט, דאָ האָב איך זיך דערפילט היי־מישער ווי אין אַנדערע לענדער.

— מיין מאַמע איז פאַרטראַכט? זוך נישט קיין מעטאַפיזישע אויסטייטשונגען. עס איז פּשוט, רעאַל.

איצט וועל איך רופן מעריין, די צוקונפטיקע יידישקע. איך ווייס נישט אייגנטלעך פֿאַר וואָס עס גענוגט נישט אַז דער טאַטע איז אַ ייד. דווקא די מאַמע? און בכלל איז דאָך דער מאַנצפּאַרשוין זויכ־טיקער! גיי גריבל זיך אין די זאַכן... כ׳בין דאָך געוואָרן אַ פּויער, אַ פעלד־אַרבעטער. אויס טיפע געדאַנקען, אויס פילאָסאָפיע.

— וועסט שטודירן? האָסט אַ מאָל געזאָגט.

— איך וויל. עס מוז זיין מיטן הסכם פון קיבוץ. דעריבער... שלום, אמאלע, אַ צווייט מאָל וועלן מיר ווייטער שמועסן.

ער איז אַרויס. דער אָפענער שמייכל האָט זיך צוריקגעקערט אויף זיין פנים, ווי פריִער. איך טראַכט:

אַלע מיינע ווערטער זענען וואַסערדיק. חנן איז דערוואַקסענער פון מיר. דעם עיקר, וועגן זיך, וועגן מיינע געפילן האָב איך נישט באַוויזן צו דערציילן.

ווי קליין בין איך לגבי מיין זון, כאָטש ער האַלט מיך פאַר אַ העלדין...

און געוועזן בין איך ווי אַ בלאַט געשטויסן פון ווינט און נאָך דעם ווי דער ווינט האָט מיך דערטראָגן אַהער בין איך שוין אַ פאַר־וויאַנעטע בלאַט. און ער ווייסט נישט דערפון.

14

די צייט ביז דער חתונה באַמי איך זיך אַ סך צו אַרבעטן. איך דאַרף פאַרדינען געלט כדי צו קויפן פאַר די קינדער מתנות.

מיר הערן חדשות, לייענען צייטונגען. צו אַ שלום איז נאָך ווייט, אָבער מען פאַרשפּילט זיך שוין ווידער מיט טאָג־טעגלעכע „קליי־ניקייטן”. יעדער גייט אָן מיט זיינע געוווינהייטן. איך פיל זיך מיט לייַב און לעבן אַן אָנגעהעריקע צום לאַנד און צו אַלץ וואָס עס קומט דאָ פאַר.

באַקומען אַ פאָטאָגראַפיע פון מיין אייניקל. ווען איך טראַכט וועגן אים, אַז ער איז געשמדט, איז דאָס די גרעסטע שטראָף פאַר מיר.

מאַריאָ פאַרשטייט מיך שוין אין גאַנצן נישט. ער וווּנדערט זיך וואָס כ׳בין געוואָרן אַ ציוניסטקע. כאָטש ער איז פול מיט פאַרערונג פאַר דער „בראַוווער ישׂראל־אַרמיי״ — רעדט ער מיט גרויס רחמנות וועגן די באַזיגטע אַראַבער, נעבעך... זיין ברודער איז ביי אים אַ פאַנטאַזיאָר. וועגן מערין שרייבט ער:

„איך פאַרשטיי, אַז זי איז אַ מיידל וואָס יאָגט זיך נאָך איינדרוקן פונקט ווי חואַן. זיי פאַרשטייען זיך מסתמא, וואָס זאָל מען טאָן?... זאָל זיי זיין מיט גליק. אַ שאָד וואָס חואַן פילט אויס זיין צייט מיט פאַנטאַזיעס, ענדיקט נישט זיין שטודיום, כדי צו קענען לעבן אַ נוצלעך און פראַקטיש לעבן״ — — —

איך האָב חננען דעם בריוו נישט געוויזן.

כ׳וועל מאַריאָן אָנשרייבן אַ לאַנגן בריוו, וועגן אַלץ. זיין קאַטוילישע פרוי וועט עס סיי ווי נישט פאַרשטיין, און ער, מיין געשמדטער זון... אָבער שרייבן וועל איך זיי. כ׳וועל זיי שרייבן, אַז מערי ווערט אַ יידישקע. מאַריאָ איז מיין קינד, דאַרף ער וויסן וועגן אונדז אַלץ.

15

— אַ גוטע נייס פאַר דיר, מאַמע: מערי איז שוין אַ יידישקע.

— מיט אָט די ווערטער האָט מיך חנן באַגעגנט פרייטיק נאָך מיטאָג ביי מיין אָנקומען אין קיבוץ אַריין, ווי ער וואָלט מיר אַנטקעגנגעטראָגן אַ מתנה.

חנן רעדט וועגן דעם ערנסט און שפּילעווודיק. כ׳זע אָבער, אַז ער איז צופרידן.

— מאַמע, זי קען שוין דעם גאַנצן „שולחן־ערוך״ פון אויסנ־ווייניק. זי ווייסט מער וועגן די יידישע דינים ווי אַלע חברים און חברטעס אין קיבוץ. זי קען פּסקנען שאלות, זאָגט אַז אַלץ איז דאָ טריף, זי האָט די גאַנצע לערע געגומען גאָר ערנסט. זי וויל אַפילו דאַוונען.

— זי וויל זיין פרום? זאָל זי.

— אָבער... כ׳וועל זי מוזן צוריקמאַכן פאַר אַ גויע, עס וועט דאָך זיין אוממעגלעך אויסצופירן וואָס זי וויל.

— און דו, פון וואַנען ווייסטו וועגן די דינים, „פּסקענען שאַ־לות״, און אַנדערע?

— פון מעריץ, זי וויל מיך מאַכן פאַר אַ ייד...

שפּעטער זענען מיר אַריין צו מעריץ אין חדר, כ׳האָב איר גע־ווונטשן מזל־טוב. זי האָט געשטעלט סאָדע־וואַסער אויפן טיש. כ׳האָב זי געבעטן מאַכן מיר אַ טיי און דערוויל פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס.

מערי האָט זיך אומרויִק געשושקעט מיט חננען. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר:

— מאַמע, מען טאָר שבת נישט קאָכן, אַזוי זאָגט מערי.

מערי איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע, געקוקט מיט פּחד אויף מיין אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס. כ׳בין געבליבן מיטן פּאַפּיראָס אין האַנט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. איך קוק אויף איר, זי זעט אויס תמימותדיק. איך פיל זיך פאַרלוירן, איך קען נאָך נישט מעריץ געבוג. ווי פאַרט זיך עס ביי איר מיט דער אינטימער נאָענטקייט צווישן איר און חננען? איך טראַכט: — געבן איר איצט אַ לעקציע פון אַפּיקורסות — וועל איך זי אין גאַנצן צעטומלען — כ׳האָב

פֿאַרלאָשן דעם פֿאַפּיראָס. זאָגן איר אַז כ׳בין נישט פֿרום? ווי אַזוי? מען דאַרף עס טאָן פֿאַרזיכטיק. איך הייב אָן:

— פֿאַרשטיי, די אַלע דינים וואָס דו האָסט געלערנט זענען דער יסוד פֿון דער יידישער רעליגיע. נישט אַלע אָבער היטן אָפּ די דינים, בלויז גאָר פֿרומע. מען קען זיין אמתע יידן און נישט זיין פֿרום, פֿרומקייט איז אַן אינדיווידועלע זאַך, איינער שטערט נישט דעם צווייטן זיין פֿרום אָדער נישט פֿרום...

מערי איז געבליבן זיצן אַן אַנטוישטע פֿון מיינע ווערטער, האָט געקנייטשט דעם שטערן. האָב איך איר דאָס געדאַרפֿט זאָגן? איז זי אַזוי נאַיִוו, אַז זי פֿאַרשטייט עס נישט אַליין? איך רעד צו איר ווי צו אַ קליין קינד...

— איך פֿאַרשטיי עס גוט, איך בין נישט אַזוי נאַריש. נישט אַלע זענען פֿרום, פֿון דעסטוועגן זענען זיי קריסטן. מיר איז דער תנך נישט פֿרעמד, איך האָב אים געלייענט פֿון מיין קינדהייט אָן, געהערט ביי אונדז אין שטוב. אָבער די גאַנצע פּראָצעדור וואָס כ׳האָב געדאַרפֿט דורכמאַכן... דעם שולחן־ערוך. מיין טאַטע האָט זיך געטויפֿט, איר ווייסט דאָך... כ׳האָב עס געוואָלט דורכפֿירן. אַ סך פֿון די דינים געפֿעלן מיר דווקא. כ׳האָב אַליין אויך געטראַכט, אַז עס וועט מיר זיין שווער אַלץ צו פּראַקטיצירן.

דער רב האָט גערעדט צו מיר פּונקט ווי מיין זיידע: „טאָכ־טערשי" — בתי — האָט ער צו מיר געזאָגט.

איך קוק ווידער אויף מערין, זי איז נישט אַזוי נאַריש, ווי כ׳האָב פֿריִער געטראַכט, אירע רייד לייגן זיך אויפֿן שׂכל.

— איך זע שוין, אַז עס וועט מיר קאָסטן מי זי צוריקצומאַכן פֿאַר אַ שיקסע — האָט געזאָגט חנן און זיך געווישט דעם שווייס פֿון שטערן.

— זי וועט דאָ לעבן, וועט זי במילא שוין זיין אַ יידישקע, ס׳איז גוט וואָס זי האָט געלערנט ביים רב, און עס איז איר דווקא געפעלן. שטער איר נישט, אויב זי וויל זיין רעליגיעז.

— דער רב האָט געטאָן דאָס זייניקע, איך וועל טאָן דאָס מייני־קע, די צייט וועט טאָן דאָס איבעריקע, און מערי וועט זיין אַ גאַנצע יידישקע און נישט האַלטן אונדז אַלע דאָ פאַר גויִים...

— איך בין שוין אַ גאַנצע יידישקע — האָט מערי פּראָטעסטירט.
חנן האָט זי געקושט, מערי האָט זיך געטוליעט צו אים.

איך באַטראַכט זיי: טאַקע אַ שיין פּאָרל. מערי — אַ ראָז פריש פּנים, בלויע אויגן און גלאַטע העלע האָר.

— איצט וועלן מיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן. מיר וועלן באַשטימען דעם זמן־החתונה, איבעררעדן אין מזכירות, עס וועלן זיין חתונות נאָך סוכות, צוזאַמען מיט אונדזער חתונה.

— מערי, כ׳וועל דיר אויפנייען אַ חופּה־קלייד, כ׳האָב טאַקע ווי אויסגעפּילט, דיר מיטגעברענגט אַ זשורנאַל, אויך סחורה וועל איך דיר קויפן, וועסט קומען צו מיר אין שטאָט.

— אָה, יעס, כּן, — האָט מערי אַ צופרידענע געשטאַמלט.
חנן איז צוגעגאַנגען גרייטן טיי.

— אַ גוי מעג גרייטן פאַר אַ יידישקע אַ טיי, יאָ, מאַמע?
איך האָב נישט געענטפערט. מערי האָט געקוקט אויף אים, גאָרנישט געזאָגט, אָבער, קענטיק, נישט געווען צופרידן.

חנן איז צוגעגאַנגען צו איר, איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. זי האָט זיך צעשמייכלט.

מיר פאַרדריסט די גאַנצע סצענע. זאָל כאָטש נישט איבער־בלייבן ביי מערין אַ שלעכטער נאָכטעם. איר איז צום האַרצן דאָס וואָס זי האָט זיך דערוווּסט וועגן יידישן גלויבן. באַשערט אַזאַ

פלאָנטער: צוויי שניר — פאַר איינע איז פרעמד אונדזער גאַנצער שטאַם, פאַר דער צווייטער איז אונדזער ייִדישקייט צו קנאַפּ...

— וואָס טראַכסטו, מאַמע? הלוואַי זאָלן זיך אַזוי גוט אויס־וויקלען די פּאָליטישע פּראָבלעמען אין לאַנד, ווי גוט עס וועלן זיך אויסוויקלען די טעאָלאָגישע פּראָבלעמען אין אונדזער משפּחה. מיר וועלן איצט גיין צו אַ חבר, מיר זענען פאַרבעטן.

חנן נעמט אַלץ אָן שפּילעוודיק און מיט זיכערקייט.

16

איך שפּאַן אַרום אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, הער זיך צו צום קוואַקען פון די זשאַבעס און גרילץ פון די גרילן. צו די פרייִלעכע אָפּקלאַנגען פון יום שישי, וואָס דערטראָגן זיך פון די שטובן אַרויס.

איבערגעלאָזט ביז זונטיק דעם שטאָטישן גערויש, גייט אין מיר אויף אַ שלווה, עס איז גוט.

שוין שפּעט. חנן קלאַפּט אין טיר.

— כ׳וועל דיר נישט שטערן, מאַמעלע, כ׳וועל היינט דאָ נישט שלאָפן, כ׳וועל שלאָפן ביי פּעטערן, דו וועסט באַקומען אַ חדר און וועסט קענען קומען אַהער, ווען דו וועסט וועלן.

— מיר שטערסטו נישט, קענסט דאָ שלאָפן.

— שוין געזאָגט פּעטערן. הער, מאַמע, כ׳האָב איצט געוואָלט רעדן מיט דיר וועגן מערין. אין איר פּראָטעסטאַנטישער שטוב, ווו זי איז דערצויגן געוואָרן, האָט מען איר אָנגעשטאָפּט דעם קאָפּ מיט דער ביבל. פון איר ייִדישן זיידן און די אַנדערע זיידע־באָבע, די גויִישע, זייט יאָרן סיי מיטן תנך סיי מיט ישו. זי איז געקומען אַהער אין לאַנד כּדי צו באַקענען די וועלט, געפינען זיך נאָענט צום מקור פון תנך. מערי איז ערלעך און פּשוט. זי מיינט, ווייל אירע

עלטערן זענען גויִים, און ווייל זי האָט געמוזט אַדורכגיין דעם גיור, צו שטעלן מיט מיר אַ חופה, דאַרף זי אָפּהיטן די דינים. זי האָט אַ פּאָעטישע און איידעלע נשמה, מערי. דו דאַרפסט זי הערן, ווי זי ציטירט פון אויסנווייניק גאַנצע בלעטער פון שעלע, בייראָן, קוטס, סקאָט, און פון וועמען נישט? — און מיט געפיל. אמת, זי איז געקומען מיט אַ גרופּע, וואָס עטלעכע פון זיי זענען געווען אַוואַנטוריסטן. זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זיי, אויך דעם קיבוץ האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן. צופרידן, מאַמע?

— צופרידן, מיין זון, צופרידן פון דיין אויפקלערונג. אַ דאַנק דיר.

ער האָט זיך צעשטראַלט.

— דו, חנן, דאַרפסט שרייבן צו איר טאַטן, דער „קריסט" וועט זיך פרייען צו האָבן אַ יידישן איידעם און אַ טאָכטער אַ גיורת.

— געשריבן, מיר האָבן אים שוין אַ סך נחת פאַרשאַפט. אָבער מאַריאָ האַלט אונדז אַלעמען פאַר משוגע. ער ווייזט נישט אונדזערע בריוו זיין פרוי.

— מאַריאָ? דווקא צו מיר האָט ער אַנדערש געשריבן אין זיין לעצטן בריוו. ער פריידט זיך, אַז כ'וועל האָבן אַ שנור „ווי עס געפעלט מיר".

חנן האָט מיך אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געצווייפלט אין מיין אויפריכטיקייט. איך האָב געפילט אַז ער כאַפּט מיך ביי אַ פאַלש־קייט.

— צייט צו גיין שלאָפן, באַגינען דאַרף איך אויפשטיין.

דו אַרבעטסט מאָרגן?

— יאָ, די שעהען רוקן זיך.

ער האָט מיך געקושט, געזעגנט מיט אַ „לילה־טוב", און איז אַרויס.

אַלץ וואָס ער האָט מיר דערציילט האָב איך שוין געהערט פֿון מערין אַליין, דאָך האָב איך געהאַט הנאה פֿון חננס ווערטער.

17

די צייט גייט, עס דערנענטערט זיך דער טאָג פֿון חננס חתונה. מיינע טעג זענען אויסגעפּילט מיט אײַלעניש. איך דאַרף פֿאַרענדיקן מיין אַרבעט אין שטאָט און פֿאָרן אין קיבוץ העלפֿן נייען די חופּה־קליידער פֿאַר פֿיר כּלות — פֿיר חתונות אויף איין מאָל וועלן פֿאָרקומען אין קיבוץ.

אין די אָוונטן קומט אָפֿט לאה מיט אירע „טענות קעגן מאַן". זי וויל נישט צעשטערן איר פֿאַמיליע־לעבן, זי לאָזט ביי זיך אין שטוב שפּילן אין קאָרטן, נעמט אויף איר מאַנס געסט מיט כּבוד. זי זאָגט:

— איך טו אַלץ אין דער וועלט, אַז עס זאָל קלאַפּן, ווי אַן אַרטיסטקע שמייכל איך צו אַלעמען, שטאָפּ זיי מיט עוגות, מיט זיסוואַרג — עס איז פֿאַר זיין געלט. דערנאָך זאָגט ער מיר, אַז כ'בין נישט גענוג פֿריינדלעך. איך זאָג אים אַז ער זאָל מיר קויפֿן אַ שמייכלענדיקע מאַסקע, בעסער שמייכלען איידער פֿירן לאַנגווייליקע שמועסן.

זי דערציילט מיר אַ סך קוריאָזן פֿון אירע געסט. איך גלייב אַז זי טרייבט איבער, ווייל זי ליידט זיי נישט. פֿון דעסטוועגן לאַך איך פֿון אירע רייד. זי ווערט מיטגעצויגן מיט מיין לאַכן, הייבט זי שוין אָן נאָכמאַכן אירע געסט, ווי אַן אַרטיסטקע, זי אַנטפּלעקט באמת אַרטיסטישע פֿעיִקייטן.

— לאה, דו טרייבסט איבער!

— דו האַלטסט מיט זיי?

— פֿאַר וואָס נישט? דאָס זענען פּשוטע מענטשן, מיט אַ נאָ־טירלעכער לעבנס־חכמה. פֿון דיין אַפּלאַכן אַפּילו זעט מען עס אַרויס. זיי שפּילן קאָרטן, לייענען נישט קיין ביכער, ווי דו, איז וואָס? דיין מאַן איז אַ גאָר ווילער מענטש, דווקא אַן אַנגעלייענטער.

— איך לאָז זיך פֿון אים ליב האָבן. אָבער עפּעס פֿעלט, נישטאָ קיין אינערלעכע פֿאַרבינדונג.

איך האָב זי אָנגעקוקט, געלאַכט:

— לאה איז יונג און ראָמאַנטיש...

— איך פֿאַרשטיי דיין רמז. בלויז מיט דיר רעד איך וועגן מיין אינטים לעבן. איך האָב זיך געגרייט אויף ערגערס. ווען אַפּילו נישט געפֿונען קיין גליק אין איצטיקן, איז בעסער ווי פֿריִער.

— איז דאָך גוט.

— נישט געזען קיין בעסערס...

איך ווער מיד פֿון אירע רייד, פֿון די סתירות אין אירע טענות.

— פֿאַר וואָס האָסטו נישט געוואָלט זיין אַליין?

— אַליין? ניין! בעסער זיך שוין פֿאַרשפּילן מיט די אַלע זאַכן. ווען כ׳דערמאָן זיך אין די נעכט: אין שטוב איז פֿינצטער, שטיל, בלויז נאַכטקלאַנגען פֿילן אָן די פּוסטקייט, הייבן אָן קריכן אין קאָפּ משונהדיקע זעונגען. איך דרעמל איין, איך פֿיל וואַקס אָטעם, וואַצעק...

— גענוג דערמיט! איך וויל עס נישט הערן מער! דו האָסט אַ מאַן וואָס האָט נישט געלעבט אונטער די נאַציס, האָסט עס גע־וואָלט. און איצט ליידסטו נישט אויך זיין אָטעם?

לאה בלייבט זיצן אַ דערשלאָגענע.

מיר איז נימאס צו הערן די אַלע איבערלעבונגען, פֿון וועלכע זי וויל אַנטלויפֿן און קען נישט, ווייל זי האַלט אין איין רעדן וועגן דעם, בלויז מיט מיר, פֿאַרשטייט זיך, אַנדערע האַלטן זי פֿאַר אַ

גליקלעכע. מיין מזל שוין אַזאַ, אָבער נישטאָ קיין ברירה, מען דאַרף זי דערמונטערן.

— דו, לאה, און דיין מאַן, וועלן זיין מיינע הויפּט־מחותנים אויף מיין זונס חתונה. קיין קרובים האָב איך דאָ נישט אין לאַנד, אַ שאָד וואָס רחל און איר משפּחה וועלן נישט זיין צוליב זייער טרויער. אַלע מיינע שכנים וועל איך בעטן.

לאה, די גוטע לאה, זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט טרערפולע אויגן :

— איך פריי מיך מיט דיר, אַ שאָד וואָס מיין טאָכטערס חתונה וועט נישט זיין צוזאַמען. נעמי גייט אין צבא, אַזוי וויל זי.

— מילא, זאָל זי, זי איז יונג.

— איך טראַכט אָבער, אין צבא...

איך האָב שוין געמוזט לאַכן פון איר אויסזען איצט.

— לאה, דו מוזסט תמיד זוכן צרות, זיין פון עפּעס אומצופרידן. זי האָט זיך פאַרשעמט.

— איך בין משוגע פאַר איר, בענק שטאַרק נאָך איר.

— אַ נאַרישע מאַמע, תמיד האָט זי מורא — האָב איך איר גע־ענטפערט מיט געפיל. זי איז מיר תמיד מוחל מיין מוסרן זי.

— דו מיינסט אַז אַנדערע איז בעסער ווי מיר? זיי באַהאַלטן עס אין זיך — טרייסט זי זיך.

18

איבערן קיבוץ אַ בלויער הימל, צעשיינטע העלע טעג.

איך אַרבעט ביי די חופּה־קליידער. אין די אָוונטן זאַפּ איך איין אין זיך די פרומע שטילקייט און די שטילע פעלדגערוישן. עס איז מיר שטיל אויפן געמיט. איך זע יעדן טאָג חנבען מיט מערין.

איך געפֿין זיך שוין דאָ עטלעכע טעג. היינט איז פֿרייטיק צו נאַכט, חנן און מערי זיצן נעבן מיר אין חדר־האוכל, ביי אַ ווייס־געדעקטן טיש, אַלע זינגען. מה טוב ומה נעים — —

— מאַמע — האָט זיך אָנגערופֿן צו מיר חנן ביים אַרויסגיין פֿון חדר־האוכל — היינט וועלן מיר אַ ביסעלע שמועסן. פֿאַר די וואָכן וואָס מיר האָבן דיך נישט געזען זענען אָנגעוואַקסן ענינים. איך האָב געוואַרט אויפֿן שמועס ביז היינט, צוליב אַ סיבה.

— אַז די ענינים מערן זיך, דאַרף מען הערן. אדרבא. ביי מיר אין צימער, אפשר זיך צוזעצן אויף יענער באַנק.

מיר זענען צוגעגאַנגען צו אַ זייטיקער באַנק, זיך אַוועקגעזעצט. חנן האָט אָנגעהויבן:

— מיר האָבן באַקומען אַ בריוו פֿון מעריס עלטערן, זיי באַ־זוירערן וואָס זיי קענען נישט קומען צו אונדזער חתונה. קענען נישט איבערלאָזן די ביזנעס. מעריס באָבע איז שטאַרק קראַנק. זיי ווילן אונדז שיקן געלט, מיר זאָלן קומען צו זיי אויף עטלעכע חדשים. זיי ווילן אַ סך זאַכן: אַז מערי זאָל דאָרט ענדיקן שטודירן, אַפֿילו איך זאָל דאָרט אין ענגלאַנד שטודירן. מעריס מוטער האָט צוגעשריבן: זי איז צופֿרידן וואָס מערין געפֿעלט דאָס לאַנד פֿון דער ביבל, זי וואָלט גערן געקומען צו דער חתונה און גלייכצייטיק באַזוכט די הייליקע מקומות, ישוס קבר. און צום סוף: זי האָפֿט אַז מערי וועט משפּיע זיין אויף איר חתן, אַז ער זאָל באַקענען „דאָס אמתע ליכט פֿון קריסטנטום”. אַ סימן, אַז מעריס פֿאָטער האָט פֿאַר זיין פֿרוי באַהאַלטן מעריס גיור. די מוטער האָט אַ שוואַך האַרץ.

דער אָטעם האָט זיך ביי מיר פֿאַרהאַקט:

— ווידער ביי אונדז אַן אָנשיקעניש מיטן קריסטנטום. — נו?

— האָב איך געפֿרעגט — איר וועט פֿאָרן?

— נאַרישקייטן, פּאַרן... אַן איינפאַל פון אַ מאַמען. מיר האָבן פון די אַלע גוטע זאַכן זיך אָפּגעזאָגט. ליידער, זיי פאַרשאַפט צער. אונדזערע פּלענער זענען אַנדערע: מיר ווילן דאָ ווערן חברים, מיר ווילן שטודירן, מיר דאַרפן צוּוואַרטן די שפּראַך זאָל ביי אונדז ווערן רייפער. איצט: פון קיבוץ וועל איך נישט באַקומען קיין דערלויבע־ניש צו שטודירן פילאָסאָפיע, מערי אויך נישט. ווערן אַ פאַרמאַ־צעווטין — אפשר יאָ. און איך — העכסטנס אַ לערער. צי איז מיין מאַמע מסכּים מיט אונדז? צי וויל מיין מאַמע מיר זאָלן אַוועק פון דאַנען און לערנען וואָס מיר ווילן?

— איר ווילט אַוועק?

— מיר ווילן נישט אַוועק, דווקא נישט.

— איז וואָס פרעגט איר מיך? — טרערן האָבן מיך געשטיקט, זיי האָבן מיך אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט:

— וואָס איז פּלוצעם?

— שוין גוט, כ׳האָב מורא געהאַט, איר וועט אַוועק, אַוועק קיין ענגלאַנד.

— ווי קענסטו אונדז חושד זיין, אַז מיר וועלן אַוועק? דערצו דיך איבערלאָזן אַליין? נישט שיין, מאַמע...

טאַקע, פאַר וואָס האָב איך שוין ווידער געצווייפלט אין חנגען?

אַז מיר זעען זיך ווייניק, זענען יום־טובדיק אונדזערע באַגעג־נישן.

— גוט, קינדער, כ׳בין צופרידן, שטאַרק צופרידן, מען קען זיך אויף אייך ביידן פאַרלאָזן, — איך האָב געקוקט אויף זיי מיט וואַרעמקייט.

— מיר וועלן נאָך מאַכן אַ שפּאַציר קיין ענגלאַנד, זען מיינע עלטערן, מיין משפּחה, אָבער מען דאַרף נאָך אַ ביסעלע צוּוואַרטן — האָט מערי געזאָגט אַ פאַרטראַכטע.

— מאַמע, האָסט שוין באַרעכנט אונדזערע געסט צו דער חתונה?

— ווייניק, בתיה מיט איר בחור, לאה מיטן מאַן, שכנים. עט־לעכע באַקאַנטע קליענטינס.

זיי שטעלן זיך אויף, קלייבן זיך אַוועקצוגיין, אַ שאָד.

נאָך גאָר פרי, אָבער אַרומדרייען זיך אַליין ווילט זיך מיר נישט. איך גיי אין מיין חדר. פון די ווענט קוקן אַראָפּ פאָטאָגראַפיעס: מאַריאַ, איזאַבעל און מיין אייניקל חואַן־אַלבערטאָ, דער נאָמען זיינער — נאָך זיינע צוויי זיידעס, נאָך דעם לעבעדיקן קריסטלעכן זיידע און נאָכן דערמאָרדעטן יידישן זיידע.

קאָמאַרעס צעזשומען זיך נעבן מיין אויער. פון דער וויטנס דערטראָגן זיך הילכיקע געזאַנגען. דאָס מאַכט מען רעפּעטיציעס צו דער פאָרשטעלונג לכבוד די חתונות. איך בין צופרידן פון מיין זונס באַשלוס. כ׳בין שטאָלץ מיט אים.

אויך מערי איז אַ פיינע בחורה.

איך צווייפל שוין נישט מער אין איר.

19

אַ טאָג אין אָקטאָבער.

אַ יום־טובדיקער טאָג. די זון זעצט זיך שוין, פאַרגייט אין אַ גרויסן רויטן באַלעם און אין די געציילטע מינוטן פאַר בין־השמשות באַוויזט זי נאָך צו שיקן אַ לעצטן צונטער־ווונק צו די וועגן און וועגעלעך, מיט וועלכע עס ציִען די חתונה־געסט צו די פיר חתונות.

פריילעכער רעש באַוועגט זיך איבער דער צעשפּרייטער גרוי־קייט.

מיינע געסט זענען שוין דאָ. לאה מיט איר מאַן, בתיה מיט איר בחור און עטלעכע שכנים.

אין דרויסן, פאַר דער שטוב פון יעדן יונגן פּאָרל שטייט אַ טיש, געגרייט מיט וויינען און כּל־טוב.

חברים פון קיבוץ מאַכן מיט אונדז לחיים, ווינטשן, זענען זיך משׂמח מיט אונדז, אַלע ווי איין משפּחה, נישט געבעטענערהייט קומט מען. פּשוט, עס איז אַלעמענס שׂימחה.

לאה און איר מאַן פירן זיך ווי אייגענע, העלפן מיר אויפנעמען מיינע געסט, דערלאַנגען כּיבוד. אויף מנחמס פּנים אַזאַ גוטסקייט און הייטערקייט, ווי עס וואָלט געווען זיין שׂימחה. אויך נעמי, לאהס טאָכטער, איז געקומען פון צבא צו דער חתונה, איז שוין לאה גאָר גליקלעך.

איך בין אַלעמען דאַנקבאַר.

מערי און חנן זענען אינעווייניק, אין שטוב, אַרום זיי — חברים און חברטעס. מערי איז פאַררויטלט און פול מיט חן, זייער חופּה וועט זיין די צווייטע לויט דער ריי.

20

מיר געפינען זיך אויפן פּלאַץ לעבן אַ גרויסער אימפּראָווי־זירטער טריבונע. דאָ וועלן געשטעלט ווערן די חופּות. דער גאַנצער קיבוץ האָט זיך דאָ צונויפגעזאַמלט, גרויס און קליין. איך זע איצט צום ערשטן מאָל אַ חתונה אין קיבוץ. אויך מיינע שטאָטישע געסט, זיי זענען נתפּעל:

— ווי פּשוט און שיין — זאָגט בתיה, אויך איר בחור זאָגט דאָס אייגענע.

— ווער דאַרף די שטאָט? ווי שיין איז דאָ אַלץ — זאָגט מנחם.

אַלע מיינע שכנים זענען פול מיט התפּעלות, איך הער ווי לייבל זאָגט:

— זעסט, כאַסאַ? דאָ לעבט מען אַן קאָפּ־ברעכעניש און פּאַראַן פון כל־טוב.

מיר גלוסט זיך לאַכן פון זיין זאָג. אַוודאי, דאָ פאַלט אַלץ פון הימל...

שוין, די ערשטע חתונה ענדיקט זיך. עס הערן זיך רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן, „מזל־טוב", „מזל־טוב" — מען קושט זיך, אַלץ ווערט פאָטאָגראַפירט.

אונדזער ריי. איך באַמי זיך צו זיין רויִק, טראַכט וועגן אַל־בערטן, וועגן מאַריאַן, עס שטיקט מיך אין האַלדז, אָבער רויִק — זאָג איך צו זיך.

אויף אַן עגלה, געשלעפּט פון אַ טראַקטאָר, באַצירט מיט בלו־מען, באַשאָטן פון בלומען, באַקראַנצט מיט בלומען פון אַלערליי קאָלירן זיצן מערי מיט חננען. מערי זעט אויס פּרעכטיק אין איר חופּה־קלייד און שלייער וואָס איך האָב איר געניית. חנן אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמד און טונקעלע הויזן, אַ כּיפּהלע אויפן קאָפּ.

זיי פאָרן פּאַמעלעך, אונטער קלאַנגען פון מוזיק, אונטער קלאַנ־גען פון אַפּלאָדיסמענטן... ביז צו דער חופּה. פיר חברים האַלטן אונ־טער די חופּה מיט גראַבליעס און ביקסן, יאָ, מיט ביקסן האַלט מען אונטער די חופּה.

מען פאָטאָגראַפירט אונדז.

נאָך דער צערעמאָניע גייען מיר צום חדר פונעם יונגן פּאָרל. פלאַשן מיט געטראַנקען, אַ לייכטער כיבוד. מזל־טוב־ווונטשן פון פריינד און קיבוץ־חברים. און פון דאָרט — צו דעם חתונה־מאָלצייט, צו די געדעקטע טישן, אויפן גראָז, לעבן חדר־האוכל. צענדליקער טישן, הונדערטער געסט, מיינע געסט — צוזאַמען מיט מעריס חברה, מיט וועלכע זי איז געקומען פון אויסלאַנד. זייער שפּראַך, זייערע ליבלעכע שמייכלען זענען פאַרשטענדלעך. מען דערקענט

נישט ווער ס'איז אַ מאַן, ווער אַ פרוי, אַלע אין הויזן, אין שרייענ־דיקע קאָלירן, לאַנגע האָר, און מאָדנע: ערשט איצט איז מיר איינ־געפאַלן, אַז מערי האָט זיך פון סאַמע אָנהייב אויסגעטיילט פון זיי, סיי מיט איר לבוש, סיי מיט איר פירונג. פון דעסטוועגן ווייזט מען דאָ אַרויס אַ וואַרעמע באַציִונג צו דער חברה. זיי פירן זיך אויף גוט.

נאָכן עסן — פאַרשטעלונגען, מען נעמט אויפן צימבל אַלע פאַר־לעך, סאַטיריש און וויציק ווערן זיי פאַרגעשטעלט. געלעכטערס, חתן־כלה לאַכן מיט.

אויף דער בימה — אַ פּאָרל וואָס שטעלט מכלומרשט פאָר חננען מיט מערין.

חנן רעדט חצי־שפּאַניש, חצי־עברית, אַמפּערט זיך מיט מערין. מערי וויל גיין אין מיקווה, זי דראָט חננען, אַז אויב ער וועט נישט ווערן פרום, וועט זי נישט גיין מיט אים צו דער חופה, מיט אַ גוי וועט זי נישט חתונה האָבן! איך האָב אויך נישט געפעלט.

די פרוי וואָס האָט מיך פאָרגעשטעלט, איז געגאַנגען גלייך, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ:

— לאָז איר, דערלויב איר, מיין זון, גיין אין מיקווה, זי וויל דאַווענען? פאַר וואָס נישט? זאָל זי דאַווענען. איך זאָל אויך דאַווע־נען? איך?... צו פיל פאַרלאַנגסטו פון אַ מאָדערנער, פּראָגרעסיווער מאַמען, כ'וועל איר דערלויבן זיין פרום, מערין, נישט גענוג פאַר מיר?

חנן מאַכט אַ פּשרה: זאָל זי זיך טובלען אין דער בריכה...

— אין דער בריכה איז איצט קאַלט, אָקטאָבער — פּראָטעס־טירט מערי.

מען גייט פּסקענען אַ שאלה ביים מזכיר פון קיבוץ, דער מזכיר דרייט אַ סידור, אַהין, אַהער, זוכט — דער פּסק־דין איז: מערי דאַרף זיך באָדן ביי זיך אין מיקלחת.

אַלע לאַכן, איך לאַך אויך. איך טראַכט, פון וואַנען נעמט זיך עס? נישט קיין ווונדער, אין קיבוץ זענען נישט פאַראַן קיין סודות.

— וואָס פאַר אַ מעשׂה מיט אַ מיקווה? — האָט מיך לאה געפרעגט.

— איך ווייס נישט, סתם. עפּעס מוזן זיי דאָך צוטראַכטן, כּדי צו ווילן דעם עולם.

— זי איז נישט קיין יידישקע? — האָט מיך כאַסאַ געפרעגט.

מאָדנע, ווי אַזוי עס איז צו איר דערגאַנגען... אָבער דורך לאהן זיכער נישט.

— איצט איז זי אַ גאַנצע יידישקע, איר פאָטער איז אַ ייד. (אַז ער איז אַ משומד — האָב איך נישט געזאָגט).

— אַזוי איז עס דאָ, מיזוג־גלויות — האָט מנחם צוגעגעבן.

בתיה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

נאָך די פאָרשטעלונגען — טענץ. אין חדר־האוכל. אַ סך פון די געסט פאָרן אַוועק מיט זייערע אויטאָס.

מען זעצט זיך אויס אין אַ קרייז, ביי די ווענט אין אַ זייט — אַן עגלה אויסגעפּוצט מיט בלומען, אויף דער עגלה פיר גרויסע חתונה־טאָרטן.

פאָרלעך טאַנצן. איך טאַנץ מיט חננען.

לאהס מאַן מיטן אויסגעשטעלטן בייכל פּאַטשט אונדז צו מיט די הענט. דערנאָך פאַרבעט ער מיך טאַנצן, אונדזערע פיס פּלאָנטערן זיך. איך וויל זיך אַרויספּלאָנטערן, לייג איך אים פאָר:

— אַה, מיט מיין לאהן? יאָ, כ'בין אייביק גרייט.

מיר גייען צו צו לאהן.

— לאה, דו זעסט היינט אויס שיין, ווי אַ כּלה, כ'וויל זען ווי דו טאַנצסט מיט דיין מאַן.

לאה האָט זיך פאַרקרימט.

— פּלאָנטערן זיך מיט די פיס... מיין מאַן האָט שוין פאַרגעסן טאַנצן.

— אמת, שוין יאָרן ווי כ׳האָב נישט געטאַנצט, כ׳האָב אַ מאָל געטאַנצט גוט.

— מ׳דערקענט עס אין דיר, מסתמא אין אַ באַלעט...

איך לאַך פון לאהס חכמה. איך שטעל מיר פאָר מנחמען אין אַ באַלעט... אין אַ צירק, — אפשר יאָ.

קלאַנגען פון רוישיקע מוזיק. יונגע פאָרלעך, געקלאַמערטע אין הייסע אָרעמס, מיט סודותדיקן רייץ אין די אויגן, דרייען זיך פאַר־שיכּורטע פון די יונגע צעהיצטע געבליטן, אין אומאויפהערלעכן טאַנץ.

חנן און מערי, האַנט אין האַנט, שניידן דעם חתונה־טאָרט.

21

מיינע געסט צעפאָרן זיך, מאָרגן מוזן זיי אַרבעטן.

מערי מיט חננען וועלן אַוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג. אויך איך וועל מאָרגן צוריק פאָרן אין שטאָט אַרבעטן „טעג״.

לאהה קומט צו, זאָגט מיר שטיל:

— נישטאָ מער קיין כּוח צו טאַנצן.

זי איז טאַקע אויסגעשעפּט. באַלד גיט זי צו:

— עס געפעלט אים, דעם לייבל, דער קיבוץ, ער מיינט אַז דאָ איז אַ לייכט לעבן. ער ווערט אַ יורד, זיי פאָרן אַוועק.

בתיה נעמט מיך אין אַ זייט, דערציילט מיר וועגן זיך, וועגן איר מוטער. איר מוטער קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן אַז בתיהן איז דאָ אַזוי גוט, ווי זי שרייבט עס איר, ווייל... ווייל מען דערציילט דאָרט אַנדערע זאַכן. די מוטער בענקט. וואָס טוט מען?

— זאָל זי קומען, — זאָג איך איר.

— זי איז קראַנק, און איך וויל אַז מיין מאַמע זאָל זיין אויף מיין חתונה, זי ווייסט וועגן איך, שיקט איך גרוסן.

— צו וואָס דאַרפט איר האָרעווען, בייען אין שטאָט? אַ מחייה דאָ צו זיין, אַ לופט, מען אָטעמט דאָ פריי, ווען איך בין זיכער, אַז מען וועט מיך דאָ אָננעמען... — זאָגט לייבל צו מיר.

— און דאָ פאַלט אַלץ גלייך פון די פעלדער אין מויל אַריין? ווען מיין טאַכטער קומט אויף אַ שבת פון צבא, אַרבעט זי אין קיך, שלעפּט טעפּ, קראַצט זיי, אָבער אַזוי איז עס, עס שאַדט איר חלילה נישט, — האָט אים לאה געענטפערט.

מיין קאָפּ איז נישט דערביי, איך רוק זיך אָפּ זייטיק, אַ צעשטרייטע, קוק זיך אַרום, זוך חננען מיט מערין.

זיי קומען צו צו מיר.

— מיר ווע̇לן זיך געזעגענען, דאַרפן נאָך היינט איינפּאַקן אונדזערע זאַכן, גאָר פרי פאָרן מיר אָפּ, — חנן און מערי געזעגענען זיך מיט מיינע שכנים.

איך גיי אַוועק אין אַ זייט מיט זיי. בעט זיי וואַרטן אַ רגע, כ׳וויל זיך אָפּפּאַרטיקן, געזעגענען מיינע געסט וואָס פאָרן אַוועק. איך באַגלייט זיי צום אויטאָ, לויף צו צו מיין יונגן פּאָרל.

— דאָ איז מיין חתונה־מתנה. פאַרברענגט גוט, קינדער מיינע,

— כ׳האָב זיי דערלאַנגט אַ קאָנווערט און זיך צעקושט מיט זיי.

חנן איז געוואָרן ערנסט, אויך מערי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין, מאַמע, דיין אויסגעהאָרעוועט געלט ווילן מיר נישט.

— איר מוזסט עס נעמען, לייכט האָב איך אויף דעם געאַרבעט, געוווּסט אַז עס וועט זיין פאַר איך אַ חתונה־מתנה.

— מיר דאַרפן נישט דיין געלט.

— אָבער פאַרשטייט, פון אַ מאַמען אַ מתנה, כ׳וועל זיך שלעכט פילן, מערי...

מערי האָט מיך אָנגעקוקט, זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע, געזאָגט עפּעס אויף ענגליש צו חננען, דערנאָך האָט זי זיך אַנטשולדיקט:

— אַה, סליחה, אמא.

— כ׳וועל דיר שוין באַצייטנס נאָכגעבן, מאַמע, אָבער וווּהין וועט עס מיך דערפירן — האָט חנן מיך אָנגעקוקט מיט אַ וואָרע־מען, האַרציקן שמייכל.

אַ דערלייכטערטע האָב איך זיי ווידער געקושט, געזעגנט... כ׳האָב זיי געוואָלט פרעגן, ווען מיר וועלן זיך ווידער טרעפן, כ׳האָב אָבער רעזיגנירט. איצט וועגן זיך?... כ׳וועל מסתמא בקרוב קומען אַהער אויף אַ שבת.

איך דריי זיך אויס, קוק זיי נאָך. חנן האַלט אַרומגענומען מערין אין דער טאַליע. וויפל שיינקייט, האַרמאָניע אין דעם פּאָרל! און אפשר דאַכט זיך מיר? ווען ס׳איז גוט אויפן האַרצן, זעט אַלץ אויס אַזוי שיין, ליב און טייער — אַפילו אָט די גרינע לאָנקע, דער אויסגעשטערנטער הימל, די פולע לבנה — וויפל גוטע חלומות זיי וועקן אין מיר!

אין חדר־האוכל הערן נישט אויף די טענץ. גיין אַהין? קיינער נישט געבליבן פון מיינע געסט. גיין אַהיים?

ערשט איצט האָב איך דערפילט די נאַכטיקע קילע לופט. אַסיען. כ׳בין געבליבן אַליין מיט צעברויזטע געפילן. פרייד און אומעט.

22

אין צימער אַן אומאָרדענונג. נישט־דערטרונקענע גלעזלעך, רעשטלעך פון זיסוואַרג, עוגות, מיט וועלכע כ׳האָב מכבד געווען מיינע געסט. איך דערמאָן זיך דעם געדעקטן טיש יענעם אָוונט, ווען מאַריאָ און איזאַבעל זענען געקומען, מיר איבערגעגעבן וועגן זייער חתונה. אַרויסגעקוקט צום הימל — געזען נאָר הויכע קאַלטע מויערן.

חנן און מערי האָבן מיר היינט אומגעקערט אויך מאַריאָס חוב — — — איך קוק אַריין אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט — צווישן נידעריקע ווייסע הייזער און אָפענע פעלדער. דורכן פענצטער דרינ־גען אַריין ריחות פון בלומען, פונעם פרדס.

מוזיק פון חדר־האוכל...

איך בין געווויזנט צו זיין אַליין, איצט אַרט עס מיך, שטראָף איך זיך אַליין: „זינדיק נישט, האָסט דערלעבט נחת, חתונה גע־מאַכט דיין זון. און אין זכות פון דיין זון געפינסטו זיך איצט דאָ, אויף היימישער ערד, אין אַ קיבוץ״.

די קיבוצניצע, וואָס האָט מיך נאָכגעמאַכט, אויף דער סצענע, איז געגאַנגען שטאָלץ, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ...

אומבאַמערקט פאַרשווינדט די נאַכט פון מיין צימער. אַ נייער טאָג ווערט געבוירן.

אייביקע שפיל צווישן ליכט און שאָטן. צום ערשטן מאָל שפיר איך אַזוי בולט די שיינקייט פון טאָגאויפגאַנג. די זילבערנע טוי־טראָפּנס פינקלען היינט חנעוודיקער ווי אַלע פרימאָרגנס פון אַ גאַנץ יאָר, און דאָס פייגל־צוויטשעריי — זיסער, פילדייטיקער.

נאָר אין קיבוץ גייט אָן דער באַגינען פונקט ווי אַלע טעג, מיטן רעש פון טראַקטאָרן, מיטן ריח פון אויפגעאַקערטער ערד.

23

כ׳דאַרף גרייטן מיין וואַליזקע, דערנאָך גיין אין מזכּירות, באַ־דאַנקען פאַר דער חתונה.

אַ קיל אָסיען־ווינטל באַגעגנט מיך אין דרויסן.

דער מזכּיר, שוין נישט דער זעלבער וואָס האָט מיך געהאַט אַזוי פיין באַגריסט ביי מיין אָנקומען אין קיבוץ. אַן ערנסטער בחור מיט קלוגע אויגן. ער האָט מיך געבעטן זיצן, מיך מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס.

— איר רייכערט, דאַכט זיך.

— יאָ, לײַדער, אַן אַלטע געוווינהייט ביי מיר.

— ביי מיר אויך אַן אַלטע געוווינהייט, — האָט ער זיך גע־ווּיצלט.

— אייערע געוווינהייטן האָבן נאָך נישט באַוויזן אַלט צו ווערן.

— אָה, איך בין שוין אַלט דרייסיק יאָר.

איך האָב זיך צעלאַכט:

— איר זייט שוין יונג דרייסיק יאָר, פּונקט ווי מיין חנן.

— דער איינציקער זון ביי אייך?

— ניין, כ׳האָב נאָך אַ זון, עלטער פון חננען, ער איז אין אַרגענטינע.

— ער קומט נישט אַהער?

— דערווייל נישט, אָבער חנן וועט שוין דאָ בלייבן.

ער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט. —

— צי ער וועט דאָ בלייבן? ער וויל דאָך ווערן אַ חבר!

— איך גלייב, אַז זיין אויפפירונג איז אַ גוטע, ווייל מ׳זאָגט, אַז צו ווערן אַ חבר...

כ׳האָב זיך נאַריש אַרויסגעכאַפּט, מסתמא געוואָלט, אַז ער זאָל לויבן מיין זון.

ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ פּאַפּיר אויפן טיש און געזאָגט אַן חשק:

— יאָ, דאָס איז טאַקע וויכטיק, כּדי צו ווערן אַ חבר. איר אַרבעט אין שטאָט? פאַראַן אַרבעט?

— פאַראַן גענוג אַרבעט, עס דאַרפן דערצו קלעקן כּוחות.

ער האָט מיך פאָרשנדיק אָנגעקוקט:

— שווער אין שטאָט? איר זייט בסדר מיטן געזונט?

— כ׳בין בסדר, אָבער בעסער זיין נאָנט פון מיין זון.

— מיט דער צייט וועט עס קומען, חנן וועט ווערן אַ חבר, וועט איר קענען זיין לעבן אים.

— איך דאַנק אייך, עס פריידט מיך. כ׳בין צו אייך געקומען כּדי צו באַדאַנקען אייך און דעם גאַנצן קיבוץ פאַר דער פּרעכטיקער חתונה.

ער האָט זיך צעשיינט.

— די שענסטע חתונה וואָס כ׳האָב געזען אין מיין לעבן, אַזוי פּשוט און פון כּל־טוב, אַלע מיינע געסט ווילן איצטער ווערן קיבוצ־ניקעס.

— אויך די פאָרשטעלונג?

— יאָ, אויך די פאָרשטעלונג. איך האָב געזען מיינע קינדער, אויך זיך, מיט יענעמס אויגן.

— נישט אין גאַנצן פּינקטלעך, עס ווערט דאָך מיט אַ כּוונה איבערגעטריבן.

— פון וואַנען האָט זיך עס גענומען דער תּוכן, כ׳מיין די מיקווה?

ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— סתם, לצים, חברה מאַכט זיך פריילעך. איר האָט דאָך גע־הערט אויך וועגן די אַנדערע פאַרלעך. די כל־מיני פיזמונים. האָט איר נאָך אין חוץ־לארץ געלערנט עברית? איר רעדט פיין.

— כ׳האָב זיך צוגעגרייט. אין אַרגענטינע געלערנט.

— פיין, פיין, מסתמא געווען אַ ציוניסטקע.

— איך בין דאָ צוליב מיין זון. אין זיין זכות. די קינדער ציט אַהער. זיי הייבן אָן פאַרשטיין דעם באַטייט פון זיין אויף אייגענעם באָדן. אַ סך מאָל לערנען מיר דווקא ביי אונדזערע קינדער.

— יאָ, עס טרעפט, אויך פאַרקערט... איך האָב זיך געלערנט ביי מיינע עלטערן.

— אייערע עלטערן זענען דאָ?

— ניין, איך בין געקומען אַהער פון אַ ציוניסטישער היים, אין שטוב געווען אויסגעפילט מיט בענקשאַפט צו ישראל. מיין טאַטע איז אַקטיוו, אַרבעט פאַר ישראל.

— זיי קומען?

— טראַכטן נישט דערוועגן, געשעפטן, נאָך קינדער. זיי וואָלטן מיך וועלן זען צוריק לעבן זיך אין חוץ־לארץ.

— זען צוריק?

איך האָב זיך אינסטינקטיוו אָפּגעטרייסלט דערפון, כ׳וואָלט נישט וועלן אַז חנן זאָל אַוועק פון דאַנען.

ביי דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן אַ חברטע. ער האָט זי געפרעגט וואָס זי וויל.

— רעדן מיט דיר.

כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט. נאָך אַ מאָל אים באַדאַנקט. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט.

דער געשפרעך מיטן מזכיר האָט מיך דערמונטערט. כאָטש דער בחור האָט מיר קיין סך נישט געזאָגט, אָבער פון דער אָנצוהערע־

ניש, אַז כ׳וועל קענען קומען אַהער, ווען חנן וועט ווערן אַ חבר, פאַרשטיי איך, אַז ס׳איז בסדר...

24

נישט אַלע קענען זיין אַזוי סענטימענטאַל ווי אַ מאַמע, און עס פאַסט גאָר נישט פאַר יעדן איינעם. אָבער אַ מאַמע מעג זיך פאַרגינען.

כ׳וואָלט געקענט דאָ בלייבן נאָך אַ טאָג, זיך אויסרוען, אָבער אָן די קינדער... עס באַפאַלט מיך אַ בענקשאַפט.

נישט צו דערקענען, אַז נעכטן זענען געווען דאָ פיר חתונות. צוויי מטפלות זיצן מיט די קינדער אויפן גראָז, זיי שמייכלען צו מיר פריינדלעך.

— הסבתא של מרי, — טייטלט אַ מיידעלע אויף מיר.

די מטפלת זאָגט מיר, אַז מערי איז דעם מיידלס דערציִערין און צום מיידעלע זאָגט זי, אַז כ׳בין חננס מאַמע.

דער הויכער, מיטן קליינעם בערדעלע, וואָס האָט נעכטן חתונה געהאַט — ווייסט דאָס קינד.

איך דערווייטער זיך, דאָס מיידעלע רופט מיר נאָך:

— סבתא!

איך דריי זיך אויס, שאָקל צו איר מיט דער האַנט:

— שלום!

איך שטעל אַוועק מיין וואַליזקע און גיי אַריין אין חדר־האוכל, מיטאָג עסן.

ערשט נעכטן דאָ געווען. די חתונה, דער קיבוץ, באַלד ווידער וועט זיין די שטאָט, די שטאָט...

25

איך גיי צו מיין וואַליזקע.

דאָס גרינע גראָז, די געפּלעגטע בלומענבייטן דערמאָנען מיר מיין חננען, זיין אַרבעט.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען מען קען געניסן רויִק פון דער שיינקייט, פון גרינס און בלומען, פון פּרוכטיקער אַרבעט, פון צעזונ־גענע האָפענונגען... איז אָבער דער גראַנגל פאַרן קיום פון פאָלק נאָך אין סאַמע אָנהייב.

ווען כ׳האָב געוואָלט אַנטלויפן פון דער פרעמדער וועלט, פון דעם פאַלשן שמייכל, האָב איך אויסגעחלומט אַ חלום, אים באַקליידט מיט גרינע קאָלירן, מיט גרינע בלעטער, מיט פאַלמע־ביימער. איך האָב זיך געטראָפן מיטן חלום פּנים־אל־פּנים, מיטן חלום וועלכן כ׳האָב אויסגעחלומט, — מיט דער וואָר! און דערזען האָב איך דאָ אַזוי פיל שיינע פאַרבן, שענער און פאַרביקער ווי אין דער שענסטער פאַנטאַזיע. און דאָס ליכט, וואָס וואַרעמט פון זיי אַרויס, גיט גלויבן און האָפענונג.